ס׳איז אויך געווען אַ פחד צו לאָזן ליגן די טויטע, נישט צוגעדעקט מיט ערד, ווייל עס האָט זיך געקענט מאַכן אַן עפּידעמיע און דאָס אומגליקלעכע לעבן

אונזערס, האָט אונז דאָך געשטופּט צו דערווייטערן דעם בר־מינן, וואָס ווייטער פון דעם לעבן, אינסטינקטיוו האָט זיך געוואָלט לעבן און האָפן.

דער געטאָ ווערט ליקווידירט

ראש חודש אלול 1943 זענען געקומען פון קרעמיניץ אַ 10 ס״ס מענטשן, זיי האָבן צוזאַמענגענומען צענדליקער אוקראַינישע באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן, פון דער גאַנצער סביבה האָט מען זיי צוזאַמענגענומען און איינער פון די ס.ס., וואָס איז געשטאַנען נעבן גרויסן הערשער „הער שטייגער״, דעם ליקווידאַטאָר פון וויש־ניוויצער יידנטום, האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, וואָס איך האָב זי געהערט דייטלעך, און איך קען דאָס נישט פאַרגעסן ביז היינט.

ער האָט געזאָגט:

היינט מאַכן מיר אַ סוף צו אַלע יידן וואָס זענען אין געטאָ. גייט און קלאַפּט אין יעדן פענסטער און טיר, און זאָגט זיי: „אַרויס יידן, קאָמוניסטן, פאַרעטער, אַרויס פון די שטובער״. די יידן וואָס וועלן נישט וועלן אַרויסגיין, שלאָגט זיי מיט שטעקנס און נאַגאַיקעס. אָבער לייגט אַכט, איר זאָלט זיי נישט הרגענען אין געטאָ, נעמט זיי אַרויס אויסער דער שטאָט, אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ און דאָרט זאָלט איר זיי פאַרניכטן״.

פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט מ׳זאָל אונז הרגענען אין געטאָ, פאַרשטיי איך נישט ביזן היינטיקן טאָג.

* * *

גייענדיק אַרויס פון געטאָ, האָט מען נישט אויפגעהערט שלאָגן. מ׳האָט אַזוי גע׳ממית׳ט, אַז מ׳האָט געקענט אַראָפּ פון זינען. עס זענען געווען פאַלן, אַז מענטשן זענען אַריין אין אַ שרעקלעכער היסטעריע, און צווישן די שורות, גייענדיק צו־זאַמען מיט אַלע, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן רייסן די האָר פון קאָפּ, ציפּן פון זיך דאָס פלייש. אַנדערע האָבן צוריסן אויף זיך די קליידער אויף שמאַטעס, דערביי געמאַכט שרעקלעכע געוואַלדן. דאָס האָט געקענט רירן שטיינער און צורייסן דאָס האַרץ. אָבער די מערדערס האָט עס נישט גערירט. יענטי קליין האָט געריסן אירע קליידער און ביז מ׳איז אָנגעקומען צום גראָב איז זי געווען אינגאַנצן נאַקעט. יונגע מיידלעך האָבן געשריגן און געוויינט און איינע האָט זיך גע־װענדעט צו אַלע מיידלעך מיט אַזאַ שטורמישער וואנזיניקער רעדע:

— „צי קענען מיר נישט חתונה האָבן? צי קענען מיר נישט באַפרידיקן מענער? פאַרוואָס לאָזט מען אונז נישט באַווייזן דאָס? וואָס איז עס פאַר אַ מין טויט, וואָס מ׳האָט פאַר אונז אויסגעקליבן, איידער מיר ווייסן אַ מאַן ברענגט מען אונז אום — פאַרוואָס״?

אַרום אונז, די גייענדיקע צום טויט, האָט זיך געדרייט אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ און די אוקראַינער האָבן אים אָנגעלאָדן מיט אַלטע מענטשן, בלינדע, קראַנקע און מיט קליינע קינדער. יעדער וואָס איז געבליבן אונטערשטעליק האָט

מען אים אַרויפגעוואָרפן אויפן אויטאָ. מענטשן פאַרווונדעטע, קראַנקע, און די וואָס זייערע פיס זענען געווען געשוואָלן פון הונגער, הויפנסווייז האָט מען זיי אָנגעוואָרפן אויפן אויטאָ, און זיי, די אוקראַינישע טרעגערס, האָבן זיך אַרויפ־געזעצט אויבן אויף די סטערטעס, אויף די קערפּערס, אַזוי ווי מ׳וואָלט געזעסן אויף פעקלעך שטרוי אָדער האָלץ. ס׳איז זיך שרעקלעך צו דערמאָנען וואָס פאַר אַ חשיבות זיי האָבן געפּראַוועט, די רוצחים, זיצנדיק אויף די פּלייצעס. פון די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס שווייגן און זיי שטעלן זיך נישט קעגן די זיצנדיקע אויף זיי.

איך בין געגאַנגען נעבן מיין פרוי, געהאַלטן מיין טעכטערל רבקה׳לע פון 21 חדשים אויף מיינע הענט און מיין פרוי האָט געהאַלטן אונזער טעכטערל, די עלטערע פון 4½ יאָר. פּלוצים זענען צוגעקומען עטלעכע פּאָליציאַנטן, אַרויס־געריסן די קינדער פון אונזערע הענט און אַרויפגעוואָרפן אויף דעם אויטאָ ווי פעקלעך שמאַטעס. ווען מ׳האָט אונז צעשייד, האָב איך געוואָלט באַגלייטן זיי מיטן לעצטן קוק און זיי געבן אַ אָנדייט, אַז כ׳האָב זיי ליב אויף אייביק. זיי האָבן דאָס אָפּגעפּילט, האָב איך געכאַפּט אַ קלאַפּ אין קאָפּ מיט דער ביקס. כ׳האָב זיך אָפּגערוקט פון דעם פּלאַץ, ווי כ׳האָב געקענט נאָך אַ קוק טאָן אויף זיי און געמוזט ווייטער גיין מיט אַלע גייענדיקע.

אַזוי ווי מ׳האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען צום טויט, איז אַרויס יודקע שאג מיט זיין קינד פון 4 יאָר. דאָס קינד האָט זיך אים אַריינגעשטופּט צווישן די קניעס און שרעקלעך געשריגן און געוויינט און זיך געבעטן:

— „טאַטע, גיי נישט. ווו גייען מיר? ווו פירט מען אונז? קום לאָמיר גיין צוריק”.

יודקה האָט אים גענומען אויף זיינע הענט און איז געגאַנגען. אין דער זעלבער מינוט איז צוגעגאַנגען צו אים אַן אוקראַינער, אַרויסגעריסן פון די הענט דאָס קינדל און אַרויפגעוואָרפן דאָס אויפן אויטאָ און זיי צושייד.

אין אָנפאַנג האָט מען אונז געפירט גרופּנווייז 200—300 מענטשן. ווען כ׳האָב זיך אָפּגערוקט אַביסל כדי צו געבן דעם לעצטן קוק אויף מיינע קינדער, האָב איך זיך צוזאַמענגעמישט און אַריין אין אַן אַנדערע גרופּע און פאַרלוירן מיין פרוי. מער האָב איך זי נישט געזען. צופעליק איז אין דער גרופּע געווען מיין ברודער, בין איך געגאַנגען מיט אים.

* * *

גייענדיק אויף דער בריק, צווישן דער נייער און אַלטער שטאָט, זענען אונז אַנטקעגן געקומען דייטשן מיט לאַסט אויטאָס און מיר האָבן זיי געמוזט אָפּ־טרעטן דעם וועג. מ׳האָט מיך אַ שטופּ געטאָן, דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט און כ׳בין אַריינגעפאַלן אין טייך. אין דער מינוט בין איך געקומען צו זיך. עס האָט מיך אָפּגעפרישט, כ׳בין אַריינגעקראָכן אונטער דער בריק און זיך באַהאַלטן און געוואַרט. אַז כ׳האָב נישט געהערט מער קיין שיסעריי און כ׳האָב געזען אַז

מ׳האָט נישט באַמערקט אַז כ׳בין נישטאָ, האָב איך געדאַנקט דעם צופאַל, וואָס דורך אים בין איך דערווייל געבליבן. צוזאַמען מיט מיר האָט זיך אויך באַהאַלטן אַ דאָקטאָר, אַ ייד פון וואַרשע, אויך אַ פליט פון די נאַציס, וואָס איז אַוועק קיין ווישניוויץ גלייך נאָך זייער איינעמען וואַרשע. מיין ברודער איז אויך נאָכגעשפרונגען נאָך מיר און מיר זענען געווען דריי אין טייך. מיר האָבן זיך דערווייטערט איינער פונעם צווייטן, אויב מ׳וועט אונז זוכן זאָל מען אונז נישט געפונען צוזאַמען. כ׳בין אַזוי געלעגן ביז ביינאַכט, קיין איין וואָרט האָב איך נישט אַרויסגערעדט צו מיין ברודער, נאָר מיט סימנים האָבן מיר געהאַלטן קאָנטאַקט. אין אָוונט בין איך, מיין ברודער און דער דאָקטאָר אַרויס און פאָרזיכטיק האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דעמיטין, אַ באַקאַנטער גוי פון יאָרן. ער האָט געוואוינט אין מעלינאָוויטש און זיין שטוב איז געווען נעבן אַ וועלדל. דעם גוי האָב איך אַוועקגעגעבן מיין קו איידער כ׳בין אַרויס קיין ווישניוויץ, און ער האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען פראָדוקטן אין געטאָ. אין געטאָ האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען. דאָך האָב איך פרובירט גלויבן אין אונזער פריינדשאַפט. כ׳האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין פענסטער, ער איז אַרויס מיט זיין פרוי, אויפגענומען אונז מיט אַ בליק וואָס האָט אויסגעדריקט גרויס צער.

אונזער לאַגע האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ, אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן? ליידער האָט ער נישט געקענט העלפן. זיי האָבן אונז געגעבן עסן טרינקען מיט דער פולער האַנט. סוף־סוף האָב איך געזען אַז די פריינדשאַפט האָט נישט אַנטוישט.

זיי האָבן אונז פאָרגעלייגט צו שלאָפן, ווייל זיי ווייסן ווי מיר דאַרפן דאָס, ווי מיד און צעבראָכן מיר זענען און מיר מוזן זיך אויסרוען. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. גאַנצפרי איז דער זעלבער גוי אַוועק און מודיע געווען, אַז עס זענען דאָ ביי אים יידן.

מיר האָבן נישט באַוויזן זיך אויפרייסן פונעם שווערן שלאָף, זענען שוין געווען צוויי אוקראַינער צוקאָפּנס, באַוואָפנט מיט לייכט מאַשין געווער און געקאָפּעט אונז, נאָך ליגנדיק, מיט די פיס, מיט געשרייען און געוואַלדן, אונז אויפגעשטעלט און געהייסן זיך צו איילן. זיי האָבן אונז געפיר׳ט קיין ווישניוויץ אין דער גרויסער שול. מיר זענען צוריק געווען אין „דערהיים״! גאָטעניו, גאָט!

די שטאָט איז געווען ליידיק, אָן איין סימן פון לעבן. מיר האָט זיך דאָך עפּעס אויסגעוויזן אַ משונהדיקער רעש, עפּעס אַזוי ווי קרעכצענישן, געשרייען, וואָס האָבן זיך געהערט אין דעם שרעקלעכן שטילקייט.

אין שול האָט מען אונדז אַוועקגעשטעלט נעבן צוויי בחורים אומבאַקאַנטע, רעדנדיק מיט זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען פון וויזשעראַדעם. זיי זענען געווען מיט אונדז אין געטאָ, געזען די גאַנצע אומגליקן, ווי אַזוי מ׳האָט צוטיילט די מענטשן אין באַזונדער׳ע גרופּן און געהרגעט זיי אויפן אָרט. זיי זענען געווען אין דער לעצטער גרופּע, און ווען ס׳איז געקומען זייער ריי איז

צוגעקומען צו זיי שטייגער, דער הויפּט נאַצי, און זיי געפרעגט, צי איז דאָ צווישן זיי האַנטווערקער, שוסטער מייסטערס, שניידערס, זאָלן זיי הייבן די הענט. זיי האָבן געהויבן די הענט און ניצול געוואָרן אויף נאָך אַ פּאָר טעג. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין די לעצטע מינוטן מיט אונדזערע טייערע און לעצטע מענטשן פון ווישניוויץ.

אין דער צווייטער זייט פון שול, אין צווייטן עק, זענען נאָך געווען אַ 70 מענטשן. דאָס זענען געווען יידן, וואָס מ׳האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון בונקער, ווען ס׳האָט זיך אויסגעליידיקט דער געטאָ. זיי זענען געגאַנגען זוכן באַהעלטענישן. דאָס ביסל יידן האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט מיט פאַרשידענע טריקן, ווען כּוּן זיי האָבן זיי איינגעלאַקט און ווען מיט דראָאונגען, און יעצט שטייען זיי פאַר דעם גורל.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין שול. זיי האָבן אונדז פאַרשלאָסן פאַרשפּאַרט די טירן און פענסטער, און ס׳איז געווען אַ שרעקלעך שטיקעניש, ממש נישט צום אויסהאַלטן. אין אונדזער געגנוואַרט האָבן די מענטשן פון די בונקערס, די אויסגעהונגערטע נאָך ברויט און לופט, אָנגעהויבן אויסשטאַרבן, צווישן זיי אויך אונדזער אַלטער דאָקטאָר.

ביינאַכט האָבן מיר געקענט רעדן מיט די צוויי בחורים פון וויזשעראַדעם זיי האָבן אונדז גענוי דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען, ווי אַזוי מ׳האָט פאַרניכטעט ווישניוויצער יידן און דאָס האָבן זיי דערציילט:

די מענטשן האָט מען קאָנצענטרירט אין דעם טאָל אונטער דער אַלטער שטאָט, אויפן וועג וואָס פּירט קיין זבאַראַז׳, דער טאָל האָט זיי געניצט פאַר אַ פּערטיקן גרוב און צוגעפּאַסט לויט דער גרויס אויך. דעם טאָל האָבן די גויים אָנגעפּילט מיט ביימלעך. זיי האָבן אָפּגערייניקט דעם שטח פון טאָל, אויסגעגלייכט די בערגלעך, אַוועקגעשלעפּט די שטיינער פון די ווענט פונם טאָל און געבויט ווענט. מיט די שטיינער און מיט דער ערד, וואָס זיי האָבן געקראַצט פון די ווענט, האָבן זיי אויסגעבעט דעם דנאָ פון טאָל, בכדי צו שאַפן אַזאַ ווייך געלעגער פאַר די קרבנות.

ווען ס׳איז פאַרטיק געוואָרן דער געלעגער, האָט מען צוגעפירט די ערשטע גרופּע צום גרוב. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיי געגעבן אַ באַפעל זיך אויסצוטון ביז די אונטער־הויזן. די קליידער האָבן זיי אַלע צונויפגעלייגט צוזאַמען אין אַ זייט, ווען די קרבנות זענען געווען אויסגעטון, האָט מען זיי אויסגעלייגט איינער נאָכן אַנדערן אין טאָל מיטן פּנים אַראָפּ. און ווען אַלע זענען שוין געלעגן אויסגעלייגט מיט דער פּלייצע אַרויף, זענען אַרויף אויף זיי די פּאָליציאַנטן די אוקראַאינישע מיט זייער מאַשין געווען, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די הענט און געשאָסן אין די קעפּ פון די ליגנדיקע.

נאָך דער אַקציע האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע. זיי זענען דורכגעגאַנגען אויף יעדן איינעם. חלילה, אפשר איז עמיצער לעבן געבליבן. און ווען עמיצער

האָט נאָר באַוויזן עפּעס אַ סימן פון לעבן, האָט מען מיט די רעוואָלווערן אָדער מיט די מאַשין־געווער ווידער געצילט אין צענטער פון קאָפּ.

ווען זיי האָבן געענדיקט מיט איין גרופּע, האָט מען געבראַכט די צווייטע, און אַזוי ווייטער.

די אוקראַינער זענען אַרומגעגאַנגען אין טאָל און האָבן אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעך טײַוואָלאָנישע פֿעאיקייט אין דער אַרבעט. זיי האָבן אויפגעהויבן קערפּערס, וועלכע זענען נישט געלעגן גלײַך און אויסגעגלייכט זיי, ס׳זאָל זײַן אָרדענונג. אויף די בערגן פון טאָל זענען געזעסן די דײַטשן און האָבן אויפגעקוקט אויף דער מלאכה. זיי האָבן געגעבן באַפעלן און די אוקראַינער האָבן געטון אַלעס אויסגעפאָרשט. ביים ענדיקן די קאָנטראָלעס, ווען אַלעס איז שוין געווען אויסגעגלייכט, אויסגעפלאַסטערט נאָך די לעצטע קוילן, וואָס זיי האָבן געגעבן די קרבנות, האָבן די גויים פאַרשאָטן מיט ערד די געהרגעטע, כדי אַוועקצולייגן אַ פרישע שיכט. זיי האָבן דאָס געמאַכט מיט לאָפּעטעס, מיט אַ דינער שיכט פון ערד האָבן זיי פאַרדעקט די קרבנות, און דער שטח איז שוין געווען גרייט אויפצונעמען נייע קרבנות. די קליידער, וואָס מ׳האָט צוזאַמענגענומען, האָט מען צוטיילט די גויים, מתנות פאַר זייער פלייסיקער אַרבעט. זיי האָבן צוזאַמענגענומען די קליידער, אַרויפגעלייגט אויף וואָגנס און ווען אַ טייל פון זיי זענען נאָך געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, האָבן אַנדערע דערווייל געפאָרן האַנדלען מיט די קליידער.

דאָס אַלעס האָבן אונדז דערציילט די צוויי וויזשעראַדעקער בחורים און דאָס איז דער ריכטיקער אמת.

דערציילנדיק אונדז דאָס אַלעס, האָבן זיי זיך באַמיט צו זײַן זייער פּינקטלעך און איינער האָט דערמאָנט, וואָס דער צווייטער האָט דורכגעלאָזט, כדי ס׳זאָל זײַן גענוי אַלעס איבערגעגעבן, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אונדז, ווייזט אויס, פאַרגעסן. קיינער האָט אונדז נישט באַזוכט. ווערכטער אַרום דער שול זענען אויך נישט געווען. ווייזט אויס, אַז זיי זענען געווען מיד פון אַזויפיל מאָרד און גרויסע פרייד איבערלעבענישן — און זיי האָבן געוואָלט אַביסל זיך אויסרוען. האָט מען נישט געזען קיינעם און ס׳איז נישט געווען קיין שום חשש צו אַנטלויפן.

איך האָב נישט געקאָנט רוען. די געשיכטע וואָס די בחורים האָבן דערציילט האָט מיך אַזוי דערדריקט און איינצייטיק אָנגעפילט מיך מיט מוט. כ׳האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון דאַנען, וואָס עס זאָל נישט זײַן.

מיר האָבן געפילט, אַז מיר זענען אין אַ פאַנג־נעץ, אָבער אין יעדן פאַנג־נעץ איז דאָ אויסזיכטן זיך דורכצורייסן, און ווען ס׳איז נישטאָ קיין אויסזיכט — מאַכט מען אַלעס ס׳זאָל זײַן.

מיר האָבן געזוכט וועגן ווי צו אַנטלויפן. מיר האָבן זיך אַרויפגעשטעלט

איינער אויפֿן צווייטן און געקוקט אין די פֿענסטער, וואָס זענען געווען הויך, אפֿשר איז עפּעס דאָ אַ שפּאַלט וואָס וועט אונדז אויסלייזן.

אינצווישן האָט איינער פֿון אונדז געפֿונען אַ טשוואָק. ער איז צוגעגאַנגען צו די אײַזערנע קראַטעס, וואָס זענען געווען אין אַ רעם פֿון האָלץ. דאָס האָלץ איז געווען אַלט. ער האָט אָנגעפֿאַנגען אויסהוילן דאָס פֿאַרפֿוילטע האָלץ און צוביסלעך און לאַנגזאַם האָט דאָס ווייכע האָלץ זיך געלאָזט מאַכן שפּאַלטן אַרום די קראַטעס, ביז ס'האָט זיך באַפֿרייט פֿונם אויבערשטיצל. האָבן מיר אויפֿגעהויבן די קראַטעס, צוגעבונדן זיי מיט די פּאַסקעס פֿון די הויזן צום הושאַק און אַרויסגעשפּרונגען. איך בין אַרויס דער ערשטער, כ'האָב געפֿונען דעם אוקראַאינישן וועכטער, ער איז געזעסן מיט זײַן גרויסן מאַנטל אַרומגעוויקלט, געכראָפּעט און פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף.

כ'האָב אַרויסגעריסן אַ אַרבל פֿון מײַן בלוזע און איך מיט דוד פֿעלדמאַן האָבן מיר אים פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט דער שמאַטע, אַרויסגענומען פֿון אים די ביקס און געהרגעט אים מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס.

ער איז געפֿאַלן און זײַן מוח האָט זיך צערונען אויף דרערד. דאַן האָבן מיר געוווסט, אַז דער וועג איז פֿרײַ צום אַנטלויפֿן.

מיר האָבן אַרויסגענומען אַלע און געהייסן זיי אַנטלויפֿן. יעדער איז געלאָפֿן באַזונדער, יעדער אין זײַן וועג.

איך בין געלאָפֿן צוריק אין מײַן דאָרף סוויניוחא. כ'האָב זיך געוואָלט אַביסל פֿאַרגעסן, וואָס זיי האָבן אונדז געטון אַלע יידן פֿון דאָרף. כ'האָב זיך אַרומגעדרייט מיט דער האָפֿענונג, אַז אפֿשר יעצט נאָכן אויסהרגענען אַלע, אפֿשר וועלן זיי אויף מיר רחמנות האָבן.

כ'בין אָנגעקומען צו אַ גוי, אַ באַקאַנטן און אַ פֿרײַנד פֿון יאָרן, יעוודוקים שווערקי. כ'בין נישט אַרײַן צו אים אין שטוב. כ'האָב אים נישט אויפֿגעוועקט. כ'בין אַרויף אויפֿן בוידעם, וואָס איז געווען פֿול מיט שטרוי וואָס מ'האָט אָנגעגרייט פֿאַרן ווינטער און דאָ האָב איך באַשלאָסן צו בלײַבן שלאָפֿן די נאַכט.

מײַן ברודער האָט זיך געשלעפּט נאָך מיר און אויך ער איז אָנגעקומען דאָרט און איז אויך אַרויף אויפֿן בוידעם.

צוויי וואָכן זענען מיר דאָרט געווען און מ'האָט אונדז נישט באַמערקט.

בייטאָג איז איינער פֿון אונדז אַראָפּ פֿונם בוידעם, אויסגעמאָלקן די קו אין אַ פֿלאַש (מיר האָבן אָפּגעהאַקט דעם האַלדז איז עס געוואָרן אַ כּלי) און צוגעגנבעט אַביסל קאַרטאָפֿל, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט אין קאָריטע פֿאַרן חזיר.

אַזוי האָבן מיר געלעבט און געווען זאַט און ס'איז אונדז אויך געווען וואַרעם אין דעם שטרוי. איינמאָל, ווען כ'בין אַראָפּגעגאַנגען מעלקן די קו, איז געשטאַנען ייבדוקים דער גוי, אַזוי ווי ער זאָל וואַרטן אויף מיר. ער האָט ווייזט

אויס דערפילט, אַז עמיצער מעלקט אים די קו. ער האָט זייער באַדויערט, געגעבן מיר עסן, אָבער ער האָט זיך געבעטן כ׳זאָל אַוועקגיין פון אים.

ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז זייער מסוכן צו באַהאַלטן אַ יידן. ווען זיי, די גויים, וועלן באַמערקן, וועלן זיי אים ווערן שונאים. מ׳וועט אים מסר׳ן. אַזוי האָט ער זיך געבעטן אַ שעה צייט ביי מיר און אויף מיר געדריקט כ׳זאָל אַוועק פון אים.

ווען ס׳איז פינסטער געוואָרן, זענען מיר אַוועק און אַרויף אויף אַן אַנדער בוידעם און דאָרט זיך באַהאַלטן. און ווידער די זעלבע טעכניקע: געמאָלקן די קו, גענומען עסן פון די חזירים און קיינער האָט אונדז נישט באַמערקט. דאָס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. אָבער פלוצים האָט אונדז באַפאַלן אַ פאַר־לייזיקונג. מיר זענען פאַרקראָכן געוואָרן פון לייז. אַזעלכע גרויסע, פעטע און אַכזריותדיקע לייז. זיי האָבן זיך איינגעגעסן אין אונדז, זיי זענען אונדז אַריין טיף אין די ביינער און האָבן אונדז אויסגעמאָקעט דעם מאַרך פון זיי. מערק־ווירדיק, אַז די מכה איז געווען פאַר אונדז שווערער ווי אַלע מכות. מיר זענען אַראָפּ פון אונדזער געלעגער, געכאַפּט אַ שטיין און געריבן דעם קערפּער ביז בלוט. עס איז געווען ליבער דאָס קראַצן מיטן שטיין די ווונדן, ווי דאָס בייסן פון די לייז. מיר האָבן געריבן די הויט און ס׳האָט גערינען בלוט און דאָס בלוט האָט אונדז צוגעקלעפּט די קליידער צום קערפּער. פונם בלוט איז שטייף געוואָרן אַלעס וואָס איז געווען אויף אונדז און דאָס האָט נאָך מער צוגעגעבן ווייטיקן. דאָך איז דער ווייטיק אַלץ בעסער געווען ווי דאָס בייסעניש.

אַזוי האָבן מיר זיך געמאַטערט אין אונזער באַהעלטעניש ביז צום זומער זומער האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין דער הויכער שטייענדיקער תבואה אויף די פעלדער און אין גרוז. ביינאַכט פלעגן מיר אָנזעטיקן אונזער דורשט מיט דער ראָסע פון די בלעטער און מיט די בלעטער און אָנגעזעטיקט אונזער הונגער מיט די קערנדלעך פון די זאַנגען. אַזוי איז געקומען דאָס יאָר 1944. אין אַ נאַכט האָבן מיר געהערט אַ ידיעה, אַז ס׳זענען אָנגעקומען אין דער סביבה רוסישע פאַרטיזאַנען, און אַז די דייטשן זענען דערשלאָגן, צעמישט און קלויבן זי צוך אַנטלויפן. מיין ברודער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן אונזער אַרט לעבן. די לייז האָבן אים דערשלאָגן און דערדריקט. ער האָט געבענקט נאָך אַביסל וואַסער, אָפּוואַשן זיך, איבערבייטן די שמאַטעס, וואָס זענען אויף אונז און פאַרשפּרייט שרעקלעכע שטינק־ריחות, ווי פון טויטע קערפּערס. ער האָט מער נישט געקאָנט און געוואָלט ליידן. האָט ער מיר מודיע געווען, אַז ער גייט צו די פאַרטיזאַנער. כ׳האָב אים געוואָלט אָפּהאַלטן, כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל נאָך אַביסל וואַרטן, דאָס איז אַ פראַגע פון טעג, ער זאָל נאָך אַביסל האָבן געדולד, סוף סוף האָט אונז אַביסל דאָס מזל צוגעשפּילט און מיר זענען שוין אויף דער שוועל פון רעטונג.

ער איז נישט מסוגל געווען צו הערן וואָס כ׳רעד צו אים אַפילו ווען ער זאָל

געווען וועלן. די לייז האָבן אים משוגע געמאַכט און פאַרטריבן זיין קלאָרן שכל. ביינאַכט איז ער אַרויס, און אויף שלימזל און ביטערן גורל, האָט אים אַן אויס־דרעסירטער דייטשישער הונט דערשמעקט און צוגעשפּילעט צום אָרט ווו ער האָט אים דערפאַקט.

אַזוי איז ער געלעגן ביז אינדערפרי, געוואַרט אויף זיין טויט. ער האָט זיך נישט געטאָרט רירן פון פּלאַץ. אינדערפרי זענען געקומען די דייטשן און אים געהרגעט.

דאָס איז געווען ביים אַריינגאַנג קיין ווישניוויץ אויף דער באלאניע. גוייס האָבן מיר דאָס דערציילט.

* * *

ווען די רוסן פאַרטיזאַנער זענען אַריין אין דער סביבה פון דאָרף, בין איך אַרויס און זיך איבערגעגעבן צו זיי. מיט זיי בין איך געווען אַ מאָנאַט. זיי האָבן נישט געסמייעט אַריין קיין ווישניוויץ און זיך ווייזן אין די טעג. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ חודש פון וואַשן מיין פאַרוווּנדעטן קערפּער, פון היילן די מכות און פון עסן צו דער זאַט. כ'האָב געבענטשט די טעג, כאָטש מיר זענען געווען נאָך אין אַ סכנה, כאָטש דאָס לעבן אין פחד האָט אונז נישט אָפּגעלאָזט. דאַן האָב איך געהאַט אַ געפיל אַז כ'בין אויפן וועג צו דער פרייהייט און אַז כ'וועל בלייבן לעבן.

אין 1945 בין איך אַריין מיט די רוסן קיין ווישניוויץ. כ'האָב דאָרט געלעבט ביז 1959. מיט מיר זענען געווען משה גאָלדשוב ז"ל, צבי יוגר. מיר האָבן זיך געשטעלט אַ הייליקן ציל, צו ליקווידירן די רוצחים פון אונזערע טייערע משפחות, קרובים און אַלע ווישניוויצער יידן.

מיר האָבן געפאַקט ביידע רוצחים, די ברידער אוסטרובסקי אַן די ברידער פּוסלבסקי. מיר האָבן זיי געשלאָגן מכות רצח. מיר האָבן זיי אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות, אַז דאָס לעבן איז זיי נמאס געוואָרן. דאַן האָבן מיר זיי איבערגעגעבן דער רעגירונג.

זייער משפט איז פאָרגעקומען צוזאַמען מיט נאָך 15 רוצחים, וואָס מיר האָבן געפונען. מ'האָט זיי פאַרמשפט אויף 25 יאָר תפיסה, אויפן סמך פון אונזער עדות.

אָבער ווען כרושטשאָב איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי אויך גענאָסן פון דער אַלגעמיינער באַגנעדיקונג און געבליבן לעבן.

שוידער אין ווישניוויץ

ווען די רוסן זענען אַריין קיין ווישניוויץ האָבן זיי „ענדעקט״ אַז כ׳בין אַ געוועזענער סוחר, האָט מען מיך אַרעסטירט, געמשפּט און מיך אַוועק געשיקט אין טורמע. ווען זיי האָבן אָפּגעטרעטן טיפער קיין רוסלאַנד, בין איך אַנטלאָפן פון דער טורמע אין מיין שטאָט און צו מיין היים. דאָס איז געווען דעם 14.7.41.

די שטאָט איז געווען פאַרנומען פון די דייטשן שוין צוויי וואָכן. איך האָב עס געוווסט. כ׳האָב געוווסט אַז דעם 2.7.41 זענען זיי אַריין קיין ווישניוויץ. דאָך האָב איך נישט געקענט און כ׳בין געקומען. מיין שטעטל האָט מיך געצויגן ווי מיט שטריק און מיינע זכרונות פון מיין היים. דאָרט זענען דאָך געווען אַלע מיינע אויף אייביק טייערסטע

כ׳האָב געמיינט אַז עמיצער וועט זיך פרייען מיט מיין קומען, אַז עמיצער וועט האָפן פאַר בעסערע צייטן, אָבער אויסער מיין משפחה האָט קיינער צו מיר קיין שמייכל נישט געטאָן. די שטאָט איז געווען אין אַ שרעקלעכע דעפּרעסיע. די צוויי וואָכן מיט די נאַציס האָט אַלעס פאַרויסגעזאָגט. עטלעכע טעג פאַר מיין קומען האָבן זיי גענומען 36 יידן אַלס גאַראַנטיע, אַז יידן וועלן זיך אויפפירן גוט, און זיי אַרעסטירט אין ר׳ ישׂשכר סופר׳ס קעלער.

אויף מיין שלימזל האָט מען אין זעלבן טאָג ווען כ׳בין אַהיים געקומען גע־הרגעט 35 פון זיי. מ׳האָט זיי נישט געהרגעט מיט די געוויינלעכע מיטלען און נישט מיט אַ געוויינלעכן טויט ווערקצייג. מערקווירדיק, אָבער דער פאַקט, אַז אַזוי זענען זיי דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס האָט נאָך מער צוגעגעבן צו דער אומ־גליקלעכקייט און נאָך פאַרטיפערט דעם גאַנצן טראַגישן פאַקט. די אוקראַינער האָבן געקריגן דערצו פרייע הענט און ערלויבענישן צו הרגענען זיי. זיי האָבן זיך מיט אַ שטורם געלאָזט אויף דעם לאַגער, אין דער שפּיץ פון זיי זענען גע־שטאַנען צוויי בר׳ידער אוסטרובסקי. זיי האָבן מיט גרויס התלהבות און תאוה צו מאָרד, אַרויסגעריסן די טיר פון אַריינגאַנג אין דעם קעלער און אָנגעהויבן וואַרפן אין דעם ענגן קעלער־צימערל שווערע שטיינער און אַנדערע שווערע געוויכטן, וואָס האָבן צוזאַמענגעדריקט און פאַרשטיקט די אַרעסטירטע צוביסלעך צוביס־לעך ביז צום טויט.

די מענטשן זענען געשטאָרבן, זעענדיק דעם טויט, ווי ער קומט צו זיי טריט ביי טריט. ביי יעדן סענטימעטער וואָס דער פּלאַץ איז ענגער געוואָרן און מיט יעדן שטיין, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אויף זיי, האָט זיך דער טויט דערנענטערט און צו אַנטלויפן איז נישטאָ וווהין.

פון אַלע אַרעסטירטע איז געבליבן איין און איינציקער, אלתר מכצ׳י רוח׳ס, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן על פּי נס; ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער, און ווען אַלע האָבן זיך געשטופּט אין ווינקל פון דעם קעלער, איז ער פּלוצים

פֿאַרדעקט געוואָרן מיט אַ הויפֿן פֿון מענטשן, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין די לעצטע מינוטן פֿון רעזיגנאַציע און אַ שוידערונג פֿון אַ לאַנגזאַמער גסיסה אונטער דעם הויפֿן פֿון קערפּערס. איז אים געלונגען צו געפֿונען אַ גריבל צו פֿאַרבאַהאַלטן זיין קאָפּ און צו בלייבן לעבן.

פֿאַרנאַכט זענען די אוקראַינער אַוועק, נאָך דעם וואָס זיי האָבן קאָנטראָלירט און געזען און געוועזן זיכער אַז פֿון זייער שפּילן זיך מיט מענטשלעכע לעבנס איז אַרויסגעקומען, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַ הויפֿן צעפּליישטע צעבלוטיקטע יידן מענטשן, זענען זיי אַוועק באַפֿרידיקט. דאַן איז אַלטער אַרויס, געקראָכן פֿון אונטער אַלע קערפּערס און אַרויס פֿון דעם קעלער. ער האָט זיך באַהאַלטן ביי מיר.

ער האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט. זיין שילדערן דעם אופֿן פֿונעם טויט פֿון די מענטשן, זייער פּייניקן זיך ביז צום טויט, האָבן די האָר מיר געשטעלט קאַ־פּויער.

איך האָב געקענט אַ סך אוקראַינער פֿון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם שרעקלעכן מאָרד. כ׳האָב געקענט די ברידער אוסטרובסקי. כ׳האָב זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז זיי קענען אַזוי זיך פֿרייען טוענדיק דאָס. נאָכדעם איז עס שוין פֿאַר מיר נישט געווען קיין איבעראַשונג, כ׳האָב זיי געזען טאָג טעגלעך ביי די זעלבע מעשים: רויבען, הרגענען, אָן אָפּהאַלט פֿון געוויסן און כבוד. כ׳האָב זיי געזען שטיין ביי די שוועלן פֿון די דייטשן צו כאַפּן פֿון זיי שרעקלעכע באַפֿעלן. זיי זענען געשטאַנען ווי הינטעלעך, וואָס וואַרטן אויף רעשטלעך פֿון אַ פֿעטער סעודה, נאָר גיבן אַ צייכן און זיי זענען גלייך גרייט דאָס אויסצופֿילן מיט פֿאַר־גענוגען. טאָג טעגלעך זענען זיי דורכגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, גענומען וואָס נאָר ס׳איז זיי געקומען אין האַנט, ווען קיינער קען גאָרנישט זיך קעגנשטעלן.

יידן האָבן געזען אַז זייער האָראָוואַניע פֿון זייער גאַנץ לעבן ווערט רואינירט און מ׳קאָן זיך גאָרנישט העלפֿן. מערקווירדיק איז געווען, אַז קיין געלט האָבן זיי נישט גענומען, זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם רעזשים און נישט געגלויבט אַז ער וועט אָנהאַלטן. זיי האָבן געוווסט, אַז ער וועט פֿאַריבער. זיי האָבן נאָר אַ הנאה געהאַט פֿון דעם שעת כושר. זיי האָבן נאָר גערויבט ווערט־פֿולע זאַכן, טייערע שטיינער און קליידער.

* *
*

23.7.1941. דעם פֿרימאָרגן האָט מען געזען אוקראַינער אַרוימלויפֿן און גע־ווילדעוועט. באַלד האָב איך געזען ווי זיי פֿאַרהאַלטן יעדן איינעם, וואָס זיי באַ־געגענען אין דער יידישער גאַס, שלעפּן זיי אַלע מיט אַ מין צעווילדעוועטער פֿרייד און געשריי. אין איין פּלאַץ האָבן זיי צוזאַמען גענומען פֿינף און זעכציק יידן און זיי אַוועקגעפֿירט. מיר ווייסן ביז היינט נישט ווו איז דאָס געווען, אָבער איינס ווייסן מיר, אַז פֿון די אַלע איז קיינער נישט צוריק געקומען.

אַ סך טעג האָבן מיר געפֿאָרשט ווו זענען זיי אַהין געקומען און ווו איז זייער קבר, לײדער האָט די פֿאָרשונג גאָרנישט געבראַכט.

נאָך דעם פֿאַל איז אַוועק אַ וואָך צייט אָן ספּעציעלע געשעענישן. די אוקראַינער אַליין און זייערע פֿירער די נאַציס האָבן, ווייזט אויס, אַליין זיך אַביסל דערשראָקן פֿאַר זייערע מעשׂים און אַביסל מיד געוואָרן, און זיי האָבן זיך צוריק געהאַלטן.

30.7.41. דעם טאָג האָבן די אוקראַינער ווידער איבערגעחזרט אויף דעם זעלבן טאָט ווי דאַן, אָבער אין אַ גרעסערן פֿאָרמאַט. דאָס מאָל האָבן זיי אַנטוויקלט אַ בעסערע טעכניק צו הרגענען יידן. זיי האָבן צוזאַמען גענומען 400 יידן, קאָנצענטרירט זיי אין „בולוואַר״, אין צענטער פֿון שטאָט און מען האָט זיי איינציקווייז אויסגעלייגט מיטן פּנים צו דער ערד, און אַזוי שפּאַצירט אויף זיי מיט געקאָוועטע שיך און שווערע שטעקנס אין די הענט. ווער עס האָט נאָר אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו זען צו האָבן זיי שוין געענדיקט זייער מלאכה, אָדער זען בכלל וואָס הערט זיך, גלייך האָט אַ שפּרונג געטאָן אַן אוקראַינער אַרויף אויף די פּלייצעס און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די שטעקנס וואָס זיי האָבן געהאַט. אַזוי זענען זיי געבליבן שעה׳ן לאַנג אויף דער ערד, צעקלאַפּטע, פֿאַרווונדעטע און פֿאַרבלוטיקטע. זיי האָבן נאָך געוואַרט אויף ערגערס, אָדער געוואַרט ביז זיי וועלן זיך אָנזעטיקן זייער רוצח׳שע תּאווה פֿון די קרעכצענישן און פֿון יידיש בלוט און דאַן וועלן זיי זיי אפֿשר אָפּלאָזן.

ווען זיי האָבן שוין געהאַט די געוווּנטשענע צאָל מענטשן וואָס די דייטשן האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף זיי צו ברענגען, צווישן זיי מיין ברודער, דער רב פֿון שטאָט ר׳ יוסף ערליך און נאָך אַנדערע, האָט מען זיי אַרויסגעפֿירט אַלע צופֿוס אויסער דער שטאָט, און ביז היינט ווייסט קיינער נישט ווו זייער געביין איז. דער איינציקער וואָס איז געבליבן טויט ליגנדיק דאָרט, איז געווען סנדר ליוועראַנט.

די אוקראַינער האָבן געהאַלטן סוד און נישט דערציילט וועגן זייערע שיינע און גוטע טאַטן, אַפֿילו קיין רמז האָבן זיי נישט געגעבן ווו עס זענען אַהינגעקומען און ערמאָרדעט געוואָרן די 400 יידן. ביז היינט ווייסט מען נישט.

***

נאָך יעדן אַזעלכן אַקט זענען געבליבן אלמנות און יתומים און עלטערן עלנדע, וואָס זייער וועלט איז פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן און זייער לעבן איז געוואָרן איין שטיק דורשט, עפּעס אַ ידיעה פֿון די טייערע וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זיי און מען ווייסט נישט וווהין?

דאַן זענען ערשינען די אוקראַינישע פֿרויען. זיי זענען געגאַנגען ספּעציעל צו די אומגליקלעכע און גערעדט צו זיי אַזוי פֿיין ווי אַ פֿרוי צו אַ פֿרוי, מיטן גאַנצן האַרץ, מיט מיטגעפֿיל, מיט ווייטיק און פֿאַרשטענדעניש און דערציילט אַז זייערע טייערע לעבן, אַז זייער אייגענער מאַן אָדער זון, אַן אוקראַינער, היטן זיי דאָרט ווו זיי זענען אַרעסטירט. כּלומרשט האָבן זיי געבערענגט די ידיעה, וואָס זייענע מענער האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז זיי זאָלן נישט זאָרגן, דער עיקר זיי לעבן און בעטן מען זאָל זיי שיקן אָנטאָן און עסן.

די אומגליקלעכע זענען געווען זאַט מיט דעם איינגערעדטן גליק, זיי האָבן

געגלויבט אין דער בשורה, זייער האַרץ האָט געוואָלט ס׳זאָל אַזוי זיין. זיי האָבן די בשורה ברענגערס געדאַנקט מיטן גאַנצן האַרץ און טרערן פון פרייד און פאַרדאַכט און זיי האָבן מיט שמחה געגעבן אַלץ וואָס די גענעדיקע אוקראַינקעס האָבן געבעטן, מיינענדיק אַז זיי שיקן דאָס זייערע טייערסטע צו דערוואַרעמען דעם קערפּער און דערקוויקן די נשמה.

דאָס האָבן זיי געמאַכט טאָג טעגלעך, געקומען, דערציילט, אַז די טייערע לעבן און בעטן זאַכן. די אומגליקלעכע האָבן אָפּגעשפּאָרט דעם לעצטן ביסן און געשיקט. זיי האָבן אַראָפּגענומען די לעצטע קליידער פון זיך, אַלץ פאַר די טייערע וואָס זענען ווייט פון זיי.

נישט געוונג וואָס זיי האָבן פאַרלוירן דאָס טייערסטע דורך זייערע מערדער מענער, די אוקראַאינישע גבורים, רוצחים, האָבן זיי אויך אַוועק געגעבן דעם לעצטן ביסן און דאָס לעצטע מלבוש פון די „גוישע מאַמעס״.

אין אַ קור׳צער צייט האָבן די מאַמעס שוין נישט געהאַט וואָס צו געבן די קינדער צו עסן, און די קינדערלעך זענען געשטאָרבן פאַר הונגער, זייערע קליינע בייכעלעך זענען געשוואָלן געוואָרן. זיי זענען געשטאָרבן צענדליקער אַ טאָג. די גאַסן זענען געווען פול מיט קינדערשע קערפּערס וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון נידערטרעכטיקע גוישע פרויען. עס איז נישטאָ קיין שוידערלעכסטע זאַך ווי צו זען אַ קינד דאַר און פאַר׳טריקנט און פלוצים ווערט דאָס צוויי מאָל די גרויס, אָנגעבלאָזן, פאַרשוואָלן און דאָס שטאַרבט.

* * *

די טראַגעדיע פון די יידישע מענער „דער קאָפּ״ פון דער משפחה און מענער וואָס האָבן, כלומרשט, געדיקטירט אין לעבן פון דער משפחה, האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך ווען די רוסן זענען אַריין. פלוצים זענען זיי געוואָרן איבעריק, די פּרנסה געבערס, די שטאָלצע, די וואָס מיט זייער אַרבעט און האָראָוואַניע האָבן זיי פאַרזאָר׳גט זיי׳ערע משפחות, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איבעריקע וועזנס אָן ווערט און תכלית. שוין דאַן, ביי דעם רוסישן רעזשים, וואָס פאַר דער נאַצישער טראַגעדיע האָבן שוין די מענער אויסגעזען ווי נאָכשלעפּנדיקע טיילן, זייער ראָם פון לעבן איז זיך צעפאַלן. די רייפן פון דער געזעלשאַפט האָבן געפּלאַצט און דער רעזשים פון יידישן געוויסן איז זיך צעפאַלן, אָן שום כוונות פון די רוסן איז ערשיטערט געוואָרן דאָס געבוי פון דער ווישניוויצער יידישער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען באַזירט אויף יסודות פון פאַמיליען איינהייט.

אָבער דאָס וואָס איז געקומען אויף זיי אין דעם קורצן פּעריאָד פון די דייטשן, דאָס איז געווען אַ פּראָפּאָרציע און אַ פאַרגלייך צו דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט. די מענער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאָטנס, אָנבאַהאָלפענע פּאָטערס האָבן אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון דער משפחה, אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נישט דער זעלבער טאַטע פון אַמאָל.

מענטשן האָבן זיך אויפגעהערט צו באַגעגענען, די נידערלאַגע איז געווען

גרויס און אין דעם פאַל האָט די „צרת רבים” נאָך פאַרדאָפּלט דעם בזיון, דעם ווייטיק, האָט נאָך פאַרטיפט דעם אָפּגרונט און דאָס אָנבאַהאָלפנקייט. דערפאַר זענען די גאַסן פון ווישניוויץ געווען ליידיק פון מענטשן און פון מענער. צום שרעק פאַר קערפּערלעכן טעראָר און צו דעם קערפּערלעכן הינטערגרונט, וואָס מ׳האָט אויפגעצווינגען אויף די צום־קערפּער־אומקום־פאַרמשפּטע איז צוגעקומען דער זעלישער הינטערגרונט, וואָס ווישניוויצער שטאָלצע מענער האָבן אויף זיך אַליין אָנגענומען.

עס זענען אַוועק טעג און עפּעס האָט זיך אַ רור געטאָן, עס האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן, דאָ און דאָרט, געשטאַלטן. מ׳האָט אויפגעהויבן פאַרשעמט די אויגן, אַ קוק געטאָן און געזאָגט גוט מאָרגן מיטן קוק און אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן און האָט אַרויסגערופן אַ זיפץ אויך ביים צווייטן און אַ געבעט אין די אויגן: אפשר וועט שוין נעמען אַ סוף צו די יידישע צרות. דערווייל האָט זיך אַביסל באַרואיקט, מען האָט נישט געהערט מער וועגן ספּעציעלע אַקציעס. די יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרטושן דאָס געפיל פון דער קאַטאַסטראָפע מיט אירע דערשיטערונגען. די איינציקע זאַך וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט עפּעס שלעכטס, איז געווען דאָס פאַרקלענערן די פּאָרציעס פון ברויט פון טאָג צו טאָג און דאָס פאַר־שווערן די מיטלען און סיסטעם פון אויסטיילן דאָס עסן.

מערקווירדיק איז געווען אַז די יידן האָבן געגלויבט אַז די אַלע וואָס מ׳האָט אַוועקגענומען פון שטעטל לעבן נאָך. דער פּשוט׳ער שכל באַווייזט, — אַזוי האָבן זיי געגעבן זיך צו פאַרשטיין, — ווען מ׳זאָל וועלן זיי הרגענען, קען מען דאָס נישט מאַכן דאָ אויפן פּלאַץ? ווער וואָלט זיי דאָס געשטערט? נאָר וואָס, מען האָט זיי גענומען אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ווייל מען דאַרף זיי דאָרט צו דער אַרבעט, און נאָך אַ זאַך, אויב מ׳האָט זיי טאַקע געהרגעט נישט דאָ, איז דאָך אַ סימן, אַז זיי האָבן מורא דאָס צו טאָן דאָ, אַז ס׳איז דאָ עמיצער וואָס קוקט אויף זיי, וואָס זיי מאַכן. איז אויב אַזוי, זענען מיר פאַרזיכערט... און מען האָט געענדיקט מיט אַ וויץ: גיט אַ קוק, זיי זענען אַ סך די הערשער, האָבן זיי מורא און גייען אָנגעלאָדן מיטן געווער, מיר זענען די מינדערהייט, האָבן מיר נישט קיין מורא און טראָגן נישט קיין שום געווער. מיר דאַרפן זיך נאָר האַלטן, ווער עס וועט זיך קענען האַלטן אין אַלע פאַלן און אין אַלע אומשטענדן פון אונזער געגנוואַרט וועט זיי איבערלעבן. דער עיקר זיך האַלטן און נישט צוזאַ־מענפאַלן.

4.9.1941. פאַרטאָג איז געקומען רחל סנדלר, אַ טאָכטער פון אַ קליינעם תבואה סוחר פון דער אַלטער שטאָט, אַ פרוי פון אַרום 28. זי איז געקומען בלויז אין העמד אויפן לייב, נאַס, אויסגעווייקט. זי איז אַוועק דורך דעם טייך פון דער אַלטער שטאָט און זי דערציילט, אַז ביינאַכט האָט די אוקראַאינישע פּאָליציי צו־זאַמענגענומען אַלע יידן, אַרויסגעפירט זיי אויסער דער שטאָט און ווער ווייסט ווו... די אַלטע שטאָט איז ליידיק פון מענטשן, קיין שום סימן פון לעבן און קיין

לעבעדיקער נפש. אייניקע האָט מען געשאָסן אויף די שוועלן פון זייערע שטיבער און זיי דאָרט באַגראָבן. זי איז אַוועק דורך דעם טייך, דאָס איז דאָס איינציקע פלאַץ וואָס די אוקראַינער פאָליציי האָט נישט געהיט.

* * *

אין דער אַלטער שטאָט איז געווען אַ גאַרבאַרניע וואָס האָט געהערט צו אברהם פון שימקוביץ. דאָרט האָט געאַרבעט דוד פעלדמאַן זיין איידעם. אין דער נאַכט זענען אַריין די אוקראַינער צו אים און געזאָגט, באַהאַלט זיך, אַנטלויף, דערצייל נישט קיינעם, אָבער זאָלסט וויסן, אַז די נאַכט וועט מען אַלע כאַפּן און אַרויספירן פון דער שטאָט. ער האָט זיי נישט געגלויבט, אָבער צומאָרגנס האָט ער געוווּסט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין ליגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן אים נאָך דערווייל, ווייל ס׳האָט זיי אויסגעפעלט נאָך אויסגעאַרבעטע פעלן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין איינע פון די ווינקלען פון זיין גאַרבאַרניע, וואָס דער הויפּט אַריינגאַנג אירער איז געווען אַנטקעגן דעם איינפאָר הויז פון יונה צימבלער און זיין ברודער מוטי. זייענדיק אין דעם באַהעלטעניש האָט ער געזען וואסיען דעם שקץ פון ווישניוויץ, וואָס האָט געוואוינט נאָענט צו די יידישע שטיבער, ווי ער גייט אָנגעלאָדן מיט אַ ביקס און פירט די טאָכטער פון אברהם שימקוביץ, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר מאָטיע גרינבערג שמעון סאָלדאַט׳ס זון, אַזוי ווי מען פירט איינעם צום משפטן. די פרוי איז געווען אין די הויכע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט, אויף די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין קינד וואָס האָט שטאַרק געוויינט און זיך געוואָרפן אויף דער מוטערס אָנגעשטרענגטע נערוועזע הענט. די פרוי איז געווען זייער מיד, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געווענדעט זיך צו וואסקין איר שכן פון יאָרן:

— וואַסיע — האָט זי געזאָגט — קוק וואַסינקע אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך בין, כ׳האָב דיר קיינמאָל נישט געטאָן קיין שלעכטס, האָב רחמנות אויף מיר מיט מיין קליין קינד.

דער שקץ האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, ער האָט זיך אַביסל דערוויי־טערט פון איר, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָפּמעסטן מיט די אויגן און מיט אַן אויסגעוויינלעכער רואיקייט אָנגעשטעלט די ביקס צום קינדס מויל, אַריינגע־שאָסן אַ קויל אין מויל אַריין און אים איינגעשטילט. דאָס קינד האָט זיך צוזאַ־מענגעקנוילט און אַרויסגעפאַלן פון דער מוטערס הענט. זי האָט פאַר׳חלש׳ט, אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און אָנגעהויבן גיין צו קינד. ווען דער רוצח האָט געזען אַז עס ווערט געבוירן אַ קינד, האָט ער ווידער אָנגעשטעלט זיין ביקס צו דעם ניי געבוירענעם קינד און דאָס דערשאָסן, ווען נאָר ס׳איז אַרויס אין דער „שיינער” וועלט אַריין, אים מיט זיין מאַמען.

* * *

ווען מיר האָבן געהערט די בשורה, האָבן מיר געוואָלט גיין אין דער אַלטער שטאָט זען מיט די אייגענע אויגן דאָס אומגלויבלעכע, זען ווי אַזוי

מ׳לײדיקט אויס אַ שטאָט פון אירע אײנוווינער. מיר זענען צוגעקומען צו דער גרעבליע. דער וועג איז דאָרט געווען פאַרשטעלט. דער אַרײנגאַנג אין שטאָט איז געווען פאַרמאַכט מיט אַ מויער פון אוקראַינישע פּאָליציי. מיר האָבן זיך אומגעקערט. נאָך צוויי טעג האָבן די רוצחים אַביסל זיך אײנגעשטילט, נאָך דעם וואָס זײ האָבן זיך אַלײן דערשראָקן פאַר די אײגענע מעשים, האָבן מיר ווידער באַשלאָסן אַראָפּגײן אין דער אַלטער שטאָט. מיר האָבן געטראָפן די שטאָט אַ טויטע. די גאַסן זענען געווען לײדיק, די שטובער אויפגעריסן. אין די שטובער זענען געווען צעבעטע בעטן. מען האָט די מענטשן אַרויס־געשלעפּט פונם שלאָף און אַוועקגענומען. אַלע קישנס און איבערבעטן זענען געווען פאַרשפּריצט מיט מענטשלעך בלוט. פלאַכטעס מיט בלוט. נעבן די שטובער האָבן מיר געזען אָנגעשיטע בערגלעך מיט ערד, וואָס זענען ערשט פאַרשיט געוואָרן. האָבן מיר גלײך געוווסט, אַז דאָס זענען די פרישע קברים.

אײנע אַ פרוי, אַן אלמנה פון יאָרן לאַנג, וואָס איז געווען באַוווּסט אַלס כּײנע, אָרנטלעכע און קולטורעלע פרוי, האָבן די רוצחים נישט באַוויזן טיף צו באַגראָבן און די דינע שיכט ערד מיט וואָס זי איז געווען פאַרדעקט, האָט דער ווינט צעבלאָזן און איר פּנים האָט דײטלעך אַרויסגעקוקט פונם קבר און אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ גלײכגילטיקײט אויף דער באַרבאַרישער וועלט. אַ שטאָט איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אײן נאַכט, אין געצײלטע שעה׳ן, צווישן אָוונט און נאַכט. זײ האָבן געהאַט אַ אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ממש אַ מסירות־נפש, צום גרויסן „הײליקן אידעאַל״ פון אומברענגען מענטשן, אומבאַהאָלפענע.

* * *

מיר זענען אַלע געווען געפּלעפּט פון דעם, וואָס ס׳איז געשען. דאָס מאָל איז נישט געווען ווי אַלע מאָל, ווען מען האָט גענומען מענער, אָפּגעטײלט זײ פון זײערע משפּחות און געהרגעט. דאָס מאָל האָט מען אַלע אויסגעהרגעט אָן אונטערשײד. מענער, פרויען און קינדער, דאָס איז געווען אַן אַלגעמײנער מאָרד און אַן אָרגאַניזירטער. אַלע האָפענונגען זענען פאַרשוווּנדן. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז זײער ציל איז אַן אַלגעמײנע פאַרניכטונג, און ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען זײ זאָלן זיך שרעקן און קײנער לײגט נישט קײן אַכט דערויף, קײנער זעט דאָס נישט.

* * *

אײנמאָל איז געקומען אַ גוי אין שטאָט און האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן וואָגן אין אײנע פון די געסלעך. צוויי פרויען, אײנע אבא קלײנמאַנס פרוי און די צווייטע דעם „קאַסירערס״ פרוי, האָבן געזען דעם גוי — האָבן זײ געמײנט, די נאַאיווע פרויען, אַז ס׳איז געשען אַ נס און ער קומט עפּעס פאַרקויפן און דווקא זײ איז דער נס געשען, דאָס מזל האָט זײ צוגעשפּילט און עס וועט זײן וואָס צו עסן.

פונקט זענען דורכגעגאַנגען צוויי אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און זיי האָבן פאַרהאַלטן סיי דעם גוי און סיי די צוויי פרויען און גענומען זיי אין דער פּאָליציי.

וואָס ס'איז געשען מיטן גוי ווייסט מען נישט. די צוויי פרויען האָט מען נאָך אַ שעה מיט אַ האַלבער אָפּגעלאָזט. אָבער זיי זענען שוין נישט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, נאָר אַרויסגעקראָכן אויף אַלע פיר, צעשלאָגענע, צעקלאַפּטע און מיט די לעצטע כוחות זענען זיי פאַרקראָכן אַהיים מיט צעבראָכענע רוקנס. ווער קען דאָס פאַרגעסן דאָס שוידערלעכע בילד. ס'קען צוברעכן אַ שטיין און נישט נאָר אַ האַרץ, צו זען ווי צוויי אומבאַהאָלפענע פרויען ווערן אַזוי געשלאָגן און דערנידעריקט דורך מענער, וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף אָפּגעבן כבוד דעם שוואַכן מין.

אָקטאָבער 1941.

דער ווינטער האָט זיך צו פרי צעשפּילט, אַלץ האָט אויסגעזען ווינטער, אפשר צוליב דער פינצטערניש אין די שטובער, אפשר צוליב דער קעלט און אפשר איז טאַקע געווען אַ נישט געוויינלעכע קעלט אין דעם סעזאָן.

מיר זענען געווען פאַרנומען מיט לוויות כמעט יעדן טאָג, מענטשן זענען געשטאָרבן פון מגפות. דער טיפוס האָט געבושעוועט און געדראָט מיט טויט. עס איז נישט געווען קיין איין הויז, וואָס דאָרט איז נישט געווען קיין קראַנקער. דער הונגער האָט אויך געבראַכט זיינע קרבנות.

די איינציקע באַשעפטיקונג פון די איבערגעבליבענע איז געווען באַגלייטן מתים, ברענגען זיי צו קבר ישראל און זיך צעגיין. די אבלים איז נישט געווען מיט וואָס צו טרייסטן. אַלע זענען מיר געווען אַבלים. מיר האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז אין דעם בשותפותדיקן אָפּגעבן זיך מיט די מתים קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע אַקטיוויטעט פון דער עקזיסטענץ פון יידנטום, פון דעם יידישן ברודערלעכקייט און פון כבוד פון אַ יידישן מענטש. די אוקראַאינער פלעגן אונדז באַגלייטן מיט אַ מין פרייד פון חיות און מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל אַז מיר זענען מקיים אַ מצוה און מיר ווערן מער געאייניקט. מיר טראָגן אַ בשותפותדיקן גורל.

* * *

פון אָקטאָבער ביז מערץ זענען נישט געווען קיין רציחות און קרבנות. אין דעם האָט זיך וויניקסטנס אַביסל באַרוהיקט דער סמבטיון פון שרעק און געפיל כון נישטיקייט. ס'זענען געווען פונדעסטוועגן גענוג פּייניקונגען. זיי האָבן אַרויפגעלייגט קאָנטריבוציעס. מיר האָבן צוזאַמען גענומען שטאָפּן געלט און צירונגען פאַר די אונטערדריקער. צוויי־דריי דייטשן זענען פלוצים געקומען און צוזאַמענגענומען קאָנטריבוציעס און אַוועקגעפאָרן.

די קליינע פויזע האָט אונדז אַביסל פאַרשלעפערט. צייטנווייז האָט זיך אונדז געדאכט אפשר וועט צו אונדזערע ליידן נעמען אַ סוף, ווייל ביז ווי לאנג

קען אַ מענטשלעך געשלעכט אַזוי פיל כוליגאַנעוועון און לעבן נאָר צוליב רויב און מאָרד?

יידן, וואָס זענען געווען באַוווּסט אַלס חכמים, וואָס האָבן געהאַט לעבנס־דערפאַרונג, זענען אויך פלוצים פאַרפירט געוואָרן דורך פאַלשע נאַכריכטן און פאַנטאַזיעס און האָבן געלערנט קל־וחומרס לקולא.

ס׳ווייזט אויס געוווּג, אם ירצה השם!

מענטשן מיט עצה און חכמה זענען אויך געוואָרן אומבאַהאָלפן און געוואַרט אויף נסים.

ס׳איז אונדז לייכטער געווען צו קלערן, אַז ס׳איז אַן ענדע געקומען צו דעם פלאָגן זיך, אָדער בכלל נישט קלערן, ווייל ליידער האָבן מיר גאָרנישט געקענט טון.

איינמאָל זענען געקומען די דייטשן און געפאָדערט 100 מענטשן צו דער אַרבעט. זיי האָבן געזאָגט, אַז מ׳וועט זיי שיקן קיין קרעמעניץ און פון דאָרט צו דעם אַרבעטס פּלאַץ. פון פריערדיקע דערפאַרונגען האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן אַרבעט. יעדער האָט געוווּסט די כוונה פון דעם שיקן צו דער אַרבעט. אָבער דער הונגער האָט געטון זיינס, האָט אויסגעמאַטערט און אַוועקגענומען דעם געדאַנק. זענען מענטשן געקומען און זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט, אפשר וועט מען קריגן אַ שטיקל ברויט זייענדיק אַן אַרבעטער. די מענטשן האָבן זיך צוזאַמענגענומען און אַוועק צופוס קיין קרעמעניץ. אויפן וועג איז אונדז דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק, אַז אפשר דאַרף מען עפּעס טון און זיי ראַטעווען.

מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט איניציאַטיוו און געשיקט צוויי מענטשן צום קאָמאַנדיר וולושין, אַן אוקראַאינער. מיר האָבן אים באַצאָלט אַ סך געלט, ער זאָל געבן אַ באַפעל, מ׳זאָל זיי נישט יאָגן אין וועג, כדי זיי זאָלן פאַרשפּעטיקן די באַן, וואָס פירט ווייטער פון קרעמעניץ אַרויס.

מיר האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דערמיט וואָס זיי גייען, האָבן זיי דערפילט דעם באַפעל און דאָס וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט, וועט ער נישט זיין שולדיק און ער האָט דאָס אָנגענומען.

און די מענטשן האָבן פאַרשפּעטיקט די באַן. פון דער אַקציע זענען זיי כאָטש געראַטעוועט געוואָרן.

זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און באַזוכט אין קרעמעניץ באַקאַנטע און נאָכהער זענען זיי בשלום אַהיים געקומען.

ווער עס האָט נישט געזען די באַגעגעניש מיט די טויט פאַראורטיילטע, ווען זיי זענען צוריק געקומען אין שטאָט, האָט קיינמאָל נישט געזען קיין טראַגישע שמחה. מ׳האָט זיך געפרייט אין שטוב און אין גאַס. מענטשן האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, געבענטשט מיט ברכת „הגומל”, „מתיר אסורים”,

„מחיה מתים״. דאָס איז געווען אַזאַ סימן, אַז אַלעס שלעכטע וועט איבערגיין, אַז ס׳איז נאָך דאָ ניסים — מיר וועלן נאָך לעבן און דערלעבן — — —

.16.3.1943

אין דעם טאָג האָט מען געגעבן אַ באַפעל אָנצייכענען דעם געטאָ. לויטן באַפעל האָט דער געטאָ געדאַרפט זיין פאַרטיג אין משך פון 3 טעג. די יידן אַליין האָבן דאָס געדאַרפט מאַכן מיט אייגענע הענט און אייגענעם מאַטעריאַל, כדי זיי זאָלן זיין זיכער, אַז עס וועט אויסגעפירט ווערן זייער באַפעל, האָבן זיי גענומען צוויי מענטשן אַלס העפטלינגען. יעדע קליינקייט וואָס וועט נישט ווערן אויסגעפירט, וועלן די צוויי זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן.

אייגנטלעך האָבן זיי געוואָלט נעמען אברהם צימבלער, אָבער מיר האָבן געבעטן אים באַפרייען, ווייל ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז פעאיק געווען צו האָבן פאַרבינדונגען מיט די אוקראַינער און די מענטשן דאַרפן אים האָבן, ער זאָל ראַטעווען, וואָס ס׳וועט זיך לאָזן.

די יידן האָבן מורא געהאַט ס׳זאָל נישט שאַדן די צוויי מענטשן, האָבן זיי אַלעס געטון מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונגען אויסצופירן אַלעס מיט אַלע פּרטים. אין פאַרלויף פון 2 טעג איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער געטאָ. די יידן זענען זער טיכטיק געווען. זיי האָבן צענומען פאַרקענס, צענומען ווענט. אַלעס איז געמאַכט געוואָרן מיט ברידערלעכקייט. ס׳איז געווען אויסערגעוויינלעך אָרגאַניזירט צו דער צייט.

רבונו של עולם! ווען האָט ווישניוויץ געזען אַזאַ אַרבעטס ברודערשאַפט?!

דער געטאָ

דער געטאָ האָט אַרומגענומען אַ קליינעם שטח אין דער לענג פון איין לאַנגער גאַס, פון אַלטער לייטערס שטוב ביז צו מזורס שטוב. פונם וועג, וואָס פירט קיין לאַנאָוויץ ביזן אַריינגאַנג אין דער אַלטער שטאָט.

די פאַרקענעס זענען געווען די הויך פון די הייזער כמעט. אין געוויסע פלעצער האָט זיך דער פאַרקן געגרענעצט מיט די שטובער, אין דרויסנדיקע ווענט פון די שטובער האָבן געשאַפן אַ המשך פון פאַרקאַן. אין דעם פאַל האָט מען געדאַרפט שטאַרק פאַרקלאַפן מיט ברעטער די טירן און פענצטער. אָבער אַזוי ווי ס׳האָט געפעלט אַביסל ברעטער, האָבן יידן געבעטן, מ׳זאָל לאָזן אַביסל שפּאַרעס צווישן די ברעטער. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי זיי האָבן דאָס דערלויבט. און ס׳איז אַריין אַביסל זון און לופט אין די אָנגעפּאַקטע צימערן.

יעדן טאָג האָט דער יודנראַט געקריגן אַ באַפעל צו שיקן 50—70 מענטשן צו דער אַרבעט. די מענטשן זענען געגאַנגען גערן. ווייל ערשטנס האָט מען געכאַפּט אַביסל לופט און זיך אַליין געגאַרט, אפשר וועט מען קריגן אַביסל עסן פאַר דער משפחה.

מענטשן, וואָס זענען אַרויס צו דער אַרבעט, פלעגן אַריינשמוגלען אַביסל עסן אין געטאָ, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. אוקראַ־אינישע פאָליציאַנטן פלעגן שטיין ביי דעם טויער פון געטאָ און היטן און זוכן ביי יעדן אפשר האָט מען באַהאַלטן אַביסל עסן. געזוכט האָבן זיי מיט דער קאָלבע פון דער ביקס און אַך און וויי איז געווען דעם, וואָס מ׳האָט ביי אים עפּעס געפונען. ס׳איז געווען פאַלן, וואָס פון קלעפּ פון די קאָלבעס האָבן זיי צעבראָכן מענטשן די זייטן און אָפּגעהאַקט די לונגען אויף אייביק. די גרעסטע שמחה איז געווען ביי די אוקראַאינישע סאַדיסטן, ווען זיי האָבן געפונען ביי עמיצן אייער. דאַן פלעגן זיי צעקלאַפּן יעדעס איי און גוט אָנקלאַפּן דעם מענטשן. כּלעגט זיך צוזאַמענמישן בלוט מיט אייער און פון דעם האָבן זיי געהאַט אַ ספּעציעל פאַרגעניגן.

די קאָנטראָלעס האָבן די אוקראַאינער געמאַכט מיטן גרעסטן ווילן און שמחה. אָבער אָנווייזונגען האָבן געגעבן די דייטשן שטענדיק. און שטענדיק מיטן באַוווסטן נוסח „די חזירים, זיי האָבן די חוצפּה צו גנבענען עסן. זאָלן זיי מחילה אַלעס אומקערן״.

דער יודנראַט

באַלד ווי מ׳האָט איבערגעפירט די יידן אין געטאָ, האָט מען נאָמינירט אַ יודענראַט. צווישן זיי איז געווען שלמה אייזענבערג, ער איז געווען דער קאַסירער. ער האָט געדאַרפט איינמאָנען דאָס שטראָף־געלד, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידן. הערשל מרגולית האָט געדאַרפט מאָביליזירן מענטשן, לויט ווי זיי האָבן געפאָדערט.

דער יושב־ראש פון יודנראַט איז געווען קוילנברענער, אַ ייד פון לאָדזש, וואָס האָט געזוכט אַ שוץ און געקומען ביז ווישניוויץ. ער איז אַוועק פון לאָדזש אין 1939, ווען די דייטשן האָבן איינגענומען די שטאָט. דאָס איז געווען אַ טײַערער, וואַרעמער ייד. ער איז געווען גרייט זיך צו אָפּפערן פאַר יעדן יחיד אין שטאָט. ער איז געווען דער צענטראַלער מענטש פון שטאָט און די טראַגישע טעג. ער איז געווען ביי אונדז אַלעס. פאַר אים איז יעדער געווען גרייט אַלץ צו טון, און נאָך מער ווי מ׳האָט געקענט.

קוילנברענער, וואָס האָט געקענט פּערפעקט דייטש, איז געווען זער באַליבט ביי די דייטשן און האָט געפונען צו זיי דעם ריכטיקן סטיל. צייטנווייז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אים וועלן זיי נישט הרגענען. אָבער זיי האָבן אים אויך געהרגעט, מיט ליקווידירן דעם געטאָ.

צום יודנראַט האָט מען צוגעגעבן אברהם צימבלער. ער איז געווען אַ פאַרמיטלער צווישן אונדז מיט די אוקראַאינער. אייגנטלעך האָבן זיי נישט באַשטעטיקט דעם יודנראַט. פריער האָבן זיי געהייסן די יידן זיי זאָלן צווישן זיך אויסוויילן אַ פאָרשטייער. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט. צום סוף האָבן

עטלעכע יידן אָנגעצייכנט די קאַנדידאַטן און ווען זיי האָבן נישט מסכים געווען, האָבן די יידן זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן דאָס אָננעמען, ווייל זיי וועלן אָנטון גרויסע צרות, אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין פאָרשטייער פון שטאָט.

דאַן האָבן זיי געגעבן די דייטשן די רשימה פון די קאַנדידאַטן און זיי האָבן מסכים געווען צום אויסוואַל.

מיטן אויפשטעלן דעם געטאָ האָבן די דייטשן געוווּסט, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנטראָל־לאַגער, ווו מ'האָט קאָנצענטרירט אומזיסטע אַרבעטס־קר'עפטן. כדי אַרויסבאַקומען פון זיי די געהעריקע נוצן דאַרף מען זיי געבן עסן. האָט מען געגעבן אַ פאַרציע פון 140 ג' מעל אַ טאָג. פון דעם איז געבאַקן געוואָרן דאָס ברויט צום אויפהאַלטן די מענטשן. שפּעטער האָבן זיי געגעבן נאָר 100 גראַם און נאָכהער בלויז 60 גראַם.

מער ווי 4,000 יידן זענען געווען אין אונדזער געטאָ, פון זיי מער ווי 3000 ווישניוויצער און די איבעריקע האָט מען געבראַכט פון וויזשעראַדעק.

די ידיעה, אַז מ'ברענגט די יידן פון וויזשעראַדעק האָבן מיר געקריגן אין אָוונט. מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן אָנקומען פאַרטאָג, האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט אויפגעקאָכט טיי און געוואַרט ביז זיי וועלן קומען און ווען זיי זענען אָנגעקומען, האָבן מיר זיי מחיה געווען מיט טיי און ברויט. מער האָבן מיר נישט געהאַט. ס'איז געווען דאַן אַ שרעקלעך קאַלטער ווינטער. זיי זענען אָנגעקומען מידע, פאַרפרוירענע, צעקלאַפּטע, הונגעריקע. אַזוי, אַז דאָס ביסל טיי מיטן שטיקל ברויט האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיי. בכלל, האָט ווישניוויץ פאַרן אויפשטעלן דעם געטאָ געציילט 4,600 יידן אין ביידע חלקים פון שטאָט. דעם 23.7.1941 האָט מען געהרגעט 65 יידן; דעם 30.7.1941 האָט מען ווידער געהערגעט 400 יידן; 60—70 זענען געשטאָרבן פון הונגער און 146 האָט מען געהרגעט אין דער אַלטער שטאָט.

דער געטאָ איז געווען אָפּגעשלאָסן. דער אַריינגאַנג אָדער אַרויסגאַנג איז אַבסאָלוט געווען פאַרבאָטן. אין געטאָ האָט מען געקענט אַרומגיין וויפל מ'האָט געוואָלט. אָבער די מענטשן האָבן זיך נישט „באַוועגט". ס'איז נישט געווען קיין לוסט נישט צו זען יענעם און נישט זיך אַליין ווייזן פאַר עמיצן.

אין דער גאַס האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן געשוואָלענע, קרבנות פון הונגער, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט.

די שטובער זענען געווען נישט באַלויכטן, שטענדיק פול מיט מענטשן. יעדער פון זיי אַ קנויל פון פּחד, יאוש, און דעפּרעסיע. די השפּעה פון איינעם אויפן צווייטן איז געווען אַ שרעקלעכע. ס'זענען געווען פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל, געקוקט אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי פינצטער געוואָרן און געוואַרט אויפן ערגסטן, וואָס וועט קומען. ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, איז מען אַריין אין די שטובער, אויסגעטאָן זיך, אָדער מיט די שמאַטעס געלעגט זיך שלאָפן.

אינדערפרי איז מען אויפגעשטאנען אָן אַ ציל, גלייכגילטיק צום אָרום און פֿאַרצווייפֿלט. קיין איין פונק פון ליכט, פון האָפענונג, האָט זיך נישט געזען.

ידיעות פון דער וועלט זענען נישט געווען. ס'האָט זיך אַלץ אויפגעהערט. אַלע פֿאַרבינדונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן. פון דער גאַס איז נישט געווען וואָס צו דערוואַרטן. ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו דערהאַלטן אַביסל די נשמה. אייגנטלעך איז שוין יעדער צוגעקומען צו דער ענדע פון דעם לעבנס־גרענעץ, נאָך אַ שפּאַן און אלץ איז געענדיקט און ס'איז שוין געווען גוט, ווען ס'האָט זיך געענדיקט. אָבער ס'האָט זיך נישט אַזוי שנעל געענדיקט. ס'האָט צו לאַנג געדויערט.

אַלע, די גאַנצע פֿאַמיליע, גרויס און קליין, זענען געווען צוזאַמען. די זעלבע וועלט האָט זיי אַרומגערינגלט און באַהערשט מיט אַזאַ געהיימניש, וואָס נישט אַלט און נישט יונג האָט דאָס געקענט אויפקלערן. מ'האָט נישט געהערט קיין געלעכטער, נישט קיין געוויין. מ'האָט זיך נישט געקריגט, נישט מ'האָט דיס־קוטירט. אַ שטאָט פון מתים, וואָס יעדער קלאַנג איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין איר. נישט קיין תפילה און נישט קיין געבעט, נישט קיין געזאַנג און נישט קיין קרעכץ. דאָס אַלץ איז אַוועק, קיינעם האָט דאָס נישט געפעלט, קיינער האָט דאָס נישט געדאַרפט, כדי זיך גרינגער מאַכן אַביסל. ס'איז שוין נישט געווען קיין אילוזיע. אַלץ איז געווען קלאָר, פינצטער און פאַרויסגעזען.

מיתה־משונה טויטן אין געטאָ

ווען ס'איז געקומען דער חודש מאַי און די זון האָט אַביסל אויפגעשיינט, האָט זיך אַנטדעקט אַ גרויזאַם בילד: אין גאַס האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן, וואָס זענען געווען איבעריק זיך און זייערע אייגענע. זיי האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון, וואָס האָט אומזיסט געפּרוּווט אַדורכדרינגען אירע שטראַלן דורך דעם געשוויר פון קערפּער. ס'זענען געלעגן אַזעלכע, וואָס זענען געווען געשוואָלן פון הונגער און האָבן געוואַרט אויף אַ זיכערן טויט. ער האָט דיר אויסגעשטרעקט די האַנט, נישט זאָלסט אים געבן עסן, אָדער פּרובירן אים אויפהויבן. ניין, ער האָט נאָר געוואָלט דיר זאָגן אַ פּאָר געזעגענונגס ווערטער. „בלייב געזונט, מאָרגן וועל איך שטאַרבן". און מאָרגן איז ער געשטאָרבן.

דורך די פענסטער האָב איך געזען קינדער, געשוואָלענע פון הונגער. די מאַמעס האָבן זיי אַרויסגעפירט אַביסל צו דער ברייטהאַרציקער זון. זיי זענען געווען גלייכגילטיק צו איר און געשטאָרבן אין דער ליכט פון אירע שטראַלן.

איינמאָל אין אַ פרייטיק איז געקומען צו מיר יידל קובילים, אַ לאַטוטניק אַ שביידער געווען. ער איז אַריין צו מיר אין צימער טרינקען טיי. ער האָט זער הנאה געהאַט פון דער טיי, אָבער ער האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף זיין שלעכטן געזונט צושטאַנד. ער האָט מיר געזאָגט: איך בין נישט געשוואָלן,

אָבער דער הונגער טוט אין מיר זיינס. איך האָב אים געפּרוּווט טרייסטן און אים געזאָגט: ברודער, שטאַרק זיך, נאָך אַביסל וועט קומען די ישועה און מיר וועלן נאָך דערלעבן גוטס.

מיינע ווערטער האָבן נישט געווירקט אויף אים און ער האָט מיר געענט־פערט: אויב אפילו די ישועה וועט קומען איבערמאָרגן, ד. ה. זונטיק, וועל איך אויך שוין קיין הנאה נישט האָבן פון איר.

זונטיק איז ער געשטאָרבן.

ווען כ'האָב אים באַגלייט צום בית־הקברות, האָב איך שטאַרק געוויינט. שוין לאנג האָב איך נישט אַזוי געוויינט. ס'איז געווען אויסגעשעפּט דער קוואַל פון טרערן. דאָס מאָל האָב איך געוויינט.

אין געוויינלעכע צייטן וואָלט איך אפשר נישט געלייגט קיין אַכט, צי יידל איז געשטאָרבן. יעצט איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן זיין געשטאַלט, ווי ער טרינקט די טיי און רעדט פון ישועה און טויט. כ'האָב זיך לאַנגע טעג נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם בילד.

* * *

ס'איז נאָך גוט געווען, וואָס מ'האָט אונדז דערלויבט באַגראָבן אונדזערע מתים אויפן בית־הקברות. דאָס האָט אונדז געגעבן אַביסל האָפענונג, אַז דאָך האָט נאָך עפּעס דער מענטש אַ ווערט. מ'גיט נאָך די מעגלעכקייט באַגראָבן דעם מענטש אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ! ס'איז נאָך אַביסל הייליק די ווערט פון מענטש!

ישראל פייגלס דער דיין פון דער שטאָט איז פּלוצים געשטאָרבן מיט אַ געוויינלעכן טויט, פון שוואַכקייט און עלטער. האָט זיין טויט געוועקט קנאה. מענטשן האָבן געזאָגט: „אַזוי איז כדאי צו שטאַרבן".

דאָס האָט אויך צוגעגעבן אַ שיין צו זיין פּערזענלעכקייט. מ'האָט געזאָגט: „אויב ער איז אַזוי געשטאָרבן, אַ סימן, אַז ער איז געווען אַ צדיק!"

אין אַ צייט פון אַזאַ משונה'דיק לעבן און אַזעלכע מיתה־משונה'ס, האָט דער נאַטירלעכער טויט אויסגעזען ווי אַ סימן: — נישט יעדער איז זוכה דערצו.

* * *

אַמאָל בין איך געשטאַנען און געקוקט דורך די שפּאַרעס פון פענצטער, האָב איך געזען אַ יינגל פון אַ יאָר 17 האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון די איבעריקע, צוגעגאַנגען צום פּאַרקן און אַריבערגעוואָרפן א קליין פּעקעלע אין געטאָ.

איין אוקראַאינער האָט דאָס באַמערקט. ער האָט געכאַפּט דאָס יינגל. איך האָב געקענט דעם אוקראַאינער. דאָס איז געווען אַ שגץ, נישט פון די ערגסטע. האָב איך זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל צוגיין צו מיר. ער איז צוגעגאַנגען.

כ׳האָב אים געפרעגט: וואַסקא, וואָס ווילסטו פון אים? האָט ער מיר געענטפערט: ער האָט געטון אַ זאך, וואָס ס׳קומט אים טויט שטראָף.

כ׳האָב זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל אים מאַכן אַ ראַפּאָרט, אַ געלט־שטראָף און אים באַפרייען. ער זאָל אים וואָרענען, אים שרעקן און דערמיט וועט זיין געוויסן זיין ריין און ער וועט זיין אין אָרדענונג, אַלס היטער פון געזעץ. אָבער ער האָט זיך געהאלטן ביי זיינעם און מיר געגעבן צו פאַרשטיין אויפן פיינעם אופן: פאַרשטיי, קיין געלט האָט ער נישט. ווען כ׳וויל אים באַשטראָפן, וועט אים זיין שווער צו אָרגאַניזירן דאָס געלט. פאַרוואָס דאַרף איך אַרויפלייגן אויף אים אַ זאַך, וואָס וועט אים פאַרשווערן, און ער וועט האָבן צו טון מיט דייטשן און מיט אַנדערע? בעסער כ׳זאָל אים הרגענען, וועט פאַר אים זיין בעסער..



די אַלטע שטאָט. אויסגעראָטן אין איין נאַכט...

רחל (סובול) פוקס
וויזשעראדיק


ווישניוויץ נעמט אויף ברידער

14 יאָר בין איך אַלט געווען ווען מ׳האָט אונז גענומען אין געטאָ ווישניוויץ, דאָס איז געווען אין אָנפאַנג יאַנואַר 1941. אין דרויסן איז געווען אַ שטורם, אַ שרעקלעכע זאַווערוכע און אַלעס איז געווען באַדעקט מיט שניי און פראָסט, סיי אין שטוב סיי אין דרויסן. דאָס לעבן איז געווען פאַראַליזשיר, משפחות־משפחות זענען געזעסן צוזאַמען אין די שטובער און געוואַרט אויף שלעכץ בלויז. מ׳האָט אונז געזאָגט אַז אינגיכן וועט מען אונז נעמען אין געטאָ. דערווייל האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין די קליידער, טעג און נעכט און געפרוירן אין די שטובער, וואָס האָבן שוין לאַנגע וואָכן נישט געזען קיין ביסל וואַרימקייט.

אין דע סגורלדיקן טאָג זענען דורכגעגאַנגען אוקראַינער מיט אָנגעהאָנגענע עפּאָלעטן פון דער דייטשישער פּאָליציי, זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן און געזאָגט אַז יעדער קען נעמען מיט זיך אַ פּעקל פון 20 קילאָ, און מ׳זאָל זיך צו־זאַמענעמען אין מאַרק כדי צו פאַרלאָזן די שטאָט אין משך עטלעכע שעה.

קיין ווישניוויץ זענען מיר אָנגעקומען שרעקלעך מידע, פון אַזוי פיל גיין צו־פוס, הונגעריק און אויסגעפרוירן.

די ווישניוויצער האָבן געוואוסט, אַז מיר דאַרפן קומען, האָבן זיי געוואַרט אויף אונז אַ גאַנצע נאַכט און אונז אויפגענומען מיט וואַרעמע זופּ, מיט אַ שטיקל



ברויט. דאָס האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט פון זייער מויל. זיי האָבן אונז אויפגענומען ברידערלעך און וואַרעם. דאָס באַגעגעניש וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

אין געטאָ זענען אַלע שטובער געווען פאַרנומען, אין יעדער שטוב עטלעכע משפחות. אָבער דער יידנראַט האָט אַביסל צוזאַמענגעדרענגט די משפחות און געמאַכט פאַר אונז פּלאַץ אין עטלעכע שטובער. מיר האָבן זיך באַזעצט אַזוי ווי די ווישניצער יידן, אַ סך משפחות בערך אין איין שטוב.

אַ קלאָזעט איז נאָר געווען איינער פאַר אַלע 10 משפחות.

***

באַלד צומאָרגנס האָבן מיר גלייך געדאַרפט אַזוי ווי אַלע אָפּטיילן אַ געוויסן קוואַנטום פון מענער צו דער אַרבעט יעדן טאָג. אין אונזער משפחה זענען געווען 3 מענער און 3 ווייבער, איך מיט מיין שוועסטער פון 11 יאָר האָבן זיך געסטאַרעט צו גיין צו דער אַרבעט אָנשטאַט מענער. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין די מענער איז מען זיך נוקם, האָבן מיר געוואָלט דאָס פאַרמיידן פון מיין טאַטן און ברודער.

געאַרבעט האָבן מיר ביים ר׳ייניקן דעם שניי, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין די גאַסן אין די זאַווערוכעס, אויך האָבן מיר געאַרבעט ביי צוזאַמען נעמען רעשטלעך פון געפרוירענע קאַרטאָפל און ביי פאַר׳יכטן אַלטע זעק, צעריסענע און פאַרעיפּושטע. קומענדיק אַהיים האָבן מיר געבראַכט אַביסל פּראָדוקטן, צוויי־דריי פאַרפרוירענע קאַרטאָפל מיט אַ זשמעניע זערניס וואָס מ׳האָט צוזאַמען געקליבן, דאָ און דאָרט. ביים טויער פון געטאָ האָט מען יעדן באַזוכט און ווען מ׳פאַקט אונז מיט דער גניבה וואָלט מען אונז געשלאָגן און געממית׳ט. אָבער די זאָרג פאַר די עלטערן זיי זאָלן נישט שטאַרבן פון הונגער איז געווען שטאַרק מער ווי דער פּחד פאַר די קלעפּ.

אין געטאָ האָבן מיר נישט איינמאָל געזען טויטע קערפּערס פון מענטשן וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט. די מענטשן זענען פּשוט געשטאָרבן פון הונגער, דערפאַר איז אונדזער אינהאַלט אין לעבן געוואָרן זוכן אַביסל עסן. איינמאָל האָב איך באַגעגנט חייקה שפּירא דעם וויזשעראדקער שוחט׳ס טאָכטער, זי איז דורכגעגאַנגען נעבן מיר. מיר האָבן זיך ממש אָנגערירט איינע אין דער אַנדערער און זי האָט מיך נישט געזען. כ׳האָב געפּרוווט רעדן מיט איר און גאָרנישט. זי האָט מיך נישט געזען. אירע אויגן האָבן געקוקט אָבער אויסגעלאָשן און פאַרטון אין אַ בלינדער ווייטקייט. דאָס אַלעס האָט באַוויזן אַז זי איז אַראָפּ פון זינען. פאַרוואָס האָט קיינער גאָרנישט געטאָן פאַר איר, אַפילו די משפּחה? זי נישט אַריינגענומען אין שטוב? דאָס ווייס איך נישט ביז היינט. זי האָט געענדיקט איר לעבן ווי אַ משוגענע אין די גאַסן פון געטאָ. אויך אַ חבר מיינער פון שולע איז משוגע געוואָרן, זיומע ווייס האָט מען אים גערופן. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט נאָך עטלעכע געשטראָפטע אַזעלכע אין געטאָ, אָבער איך האָב זיי נישט געקענט. פון די שוידערלעכקייטן פון געטאָ האָבן זיך די צוויי אומגליקלעכע וואָס זענען אַראָפּ פון זינען איינגעקריצט מיר אין זכרון. איך האָב באַשלאָסן נישט

משוגע צו ווערן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אָנבאַלאַנגט אין מיר... כ׳האָב אויך באַשלאָסן צו בלייבן לעבן, דאָס האָב איך באמת געפילט אַז עס ווענדט זיך אין מיר.

די טעג פון ליקווידירן דעם געטאָ און דעם יידנראַט

אין איין טאָג האָט מען אויף די יידן אַרויפגעלייגט צוגעבן אַ געוויסע נאָרמע פון גאָלד און אַנדערע ווערטפולע זאַכן פאַר די דייטשן. אויב מען וועט נישט ברענגען, האָט מען געזאָגט, וועט מען הרגנען אַ געוויסע צאָל יידן. מ׳האָט גע־בראַכט דאָס גאָלד, דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן כדי צו ראַטעווען יידן. אָבער זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט איינמאָל, יעדעס מאָל האָבן זיי געפאָדערט נאָך און נאָך, ביז זיי האָבן שוין געפילט אַז מער איז שוין נישטאָ וואָס צו שלעפן, האָבן זיי דאַן גענומען די יידן און נישט צוריק געבראַכט זיי. דאָס האָט זיך געצויגן ביז אויגוסט 1941.

אין אוגוסט האָט זיך פאַרשפרייט אַ שמועה, אַז עס וועט פאָרקומען אַן אַקציע האָבן מיר געוואוסט אַז אונזער סוף איז נאָענט.

פאַרן ליקווידירן האָבן די דייטשן מודיע געווען דעם יודנראַט, אַז מ׳קאָן אַרויסגיין פון געטאָ און ברענגען פון די שטובער די באַהאַלטענע זאַכן, איז אַ חלק וועט נעמען די רעגירונג און אַ חלק וועט בלייבן פאַר זיי. די יידן, וואָס וועלן טאָן לויטן באַפעל וועלן בלייבן לעבן, און וואָס מער זיי וועלן געבן פאַרן דייטש וועט זיין בעסער פאַר זיי.

די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען, ווער עס האָט זיין שטוב נאָענט און ווער ווייט, יעדן איינעם האָט באַגלייט אַ פאָליציאַנט, די וויזשראדיקער יידן זענען געגאַנגען קיין וויזשעראדעק. אויך זיי האָט באַגלייט אַ פאָליציאַנט, אויך אַפילו אין די דערפער. מ׳האָט די יידן אָפגענאַרט, זיי זענען געגאַנגען, געבראַכט און נישט ניצול געוואָרן.

דעם געטאָ האָט מען פאַרשלאָסן אויף 3 טעג גלייך ווי די יידן זענען געקומען מיט זייער ביסל לעצט פאַרמעגן. אין געטאָ אַליין האָט מען אַלע שטובער פאַר־מאַכט, ווער עס איז דורכגעגאַנגען פון איין שטוב צו דער צווייטער האָט מען אים געשאָסן אין גאַס.

מיר האָבן געוואוסט וואָס עס וואַרט אונז אָפּ. אונזער געפיל פון טויט האָט זיך אָפגעפילט אין יעדן קעמערל פון אונזער באַוואוסטזיין. עס איז געווען שרעק־לעך, שרעקלעכער ווי דער טויט אַליין.

ווען ס׳האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון ליקווידירן דעם געטאָ האָבן מיר געזען דעם ווישניוויצער יודנראַט אין זיין פולער טראַגישער הויך. דאָס איז געווען טייערע כשר׳ע יידן, שיינע נפשות און טייערע הערצער, יידן וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר יעדער קלייניקייט פאַר זייערע ברידער, ברידר צו איין גורל. כ׳האָב דאַן געשטוינט און דערנאָך, נאָך לאַנגע יאָרן, און זיך געפרעגט: פון

וואָנען האָבן זיי געשעפּט דעם כוח, דעם מוט צו אונטערשטיצן אַנדערע, אין דער צייט וואָס זיי אַליין האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל. כ׳בין דאַן שוין געווען זעלבס־שטענדיק, דערוואַקסן נישט לויט מיינע יאָרן און כ׳האָב זיי געזען אין זייער גע־טריישאַפט. כ׳האָב אויך געהערט פון עלטערע פון מיר וואָס האָבן געזאָגט: דאָס זענען געווען די טראַגישסטע שליחי־מצוה.

צווישן אַלע איז בולט געווען דער ראש פון יודנראַט קוילנברענער. ער איז נישט געווען קיין ווישניוויצער, ער איז געקומען אַלס פּליט פון קאַטוביץ אָדער שלאָנסק. ער איז אַוועק פון דער דייטשער גרענעץ צו דער רוסישער גרענעץ און דאָ האָט עס אים כאַרכאַפּט. אין צייט פון דער אַקציע האָט ער געהאַט די ר'עכט צו בלייבן לעבן. די דייטשן האָבן אים דאָס פאַרגעלייגט, אָבער ער האָט נישט מסכים געווען און איז געגאַנגען צום טויט מיט אַלע יידן. איין זאַך האָט ער יאָ אויסגענוצט ביי די מערדער, מ׳זאָל אים געבן די ערשטע קויל, ווייל ער האָט נישט געקענט זען ווי מ׳פּיר'ט צום טויט זיינע טייערע שאָף. זיי האָבן אים דאָס צוליב געטאָן. אַזוי האָט מען דערציילט.

די ערשטע וואָס מ׳האָט גע'הרג'עט זענען געווען די מיטגלידער פון יודנראַט. מ׳האָט נאָכהער דערציילט, אַז עמעצער פון זיי האָט זיך געראַטעוועט פאַר געלט. אַ ליגן, אומעגלעך, זיי האָבן זיך געראַטעוועט ווי אַנדערע דורך בלויזן צופאַל. עס האָט זיך אַמאָל געוועגדעט אין פלינקייט, אין שטאַרקן ווילן און זעלבסשטענ־דיקן באַשלוס צו בלייבן לעבן, און זיך פאַרבאַהאַלטן פאַרן טויט, אין דער צייט — קיין אַנדערער אויסוועג פון ניצול ווערן איז נישט געווען.

דער ריבאייזן פון גערייכעניש

פון דעם לעבן מיינעם אין געטאָ און פון די שוידערלעכע זכרונות, האָבן זיך אייניקע שרעקלעכע פּאַלן איינגעקריצט אין מיין זכרון. זיי זענען אַזוי שאַרף אין איינדרוק אַז ס׳איז פּשוט שווער זיי איבערצוחזרן, ווייל איבערדערציילן הייסט נאָכאַמאָל זיי איבערצולעבן און דאָס איז שווער ווי דער טויט.

זיי זענען ווייניקע און דאָך זענען זיי פיל ווי די וואונדן אין מיין האַרץ. זיי שרעקן אַזוי, זיי פאַרוואַנדלען מיין נשמה אין גרויזאַמען ריבאייזן, וואָס רייבט און בלוטיקט יעדע צעלע אין וועזן. און נאָך מער, דאָס איז אַזאַ שטורעם, וואָס גרייפט אָן יעדעס מאָל פון דאָס ניי און עס לאָזט מיך נישט אָפּ. דער מענטש לעבט שטענדיק אין שאָטן פון שטענדיקער פרישער שרעק, ער איז שטענדיק אין אַ לאַגע פון וואַרטן אויף עפּעס שרעקלעכס, וואָס איז אים באַקאַנט און ער קאָן זיך נישט באַפרייען דערפון.

עטלעכע אַזעלכע גרוילן וועל איך דערציילן:

✶ אָט איז „ערב פסח”, משפחות נעמען זיך צוזאַמען מקיים צו זיין דעם סדר „ווי עס דאַרף צו זיין”. מיין מאַמע האָט צוזאַמען גענומען רעשטלעך פון מעל, האָט אָפּגעבאַקן „מצות”. זיי זענען געווען מיניאַטורנע, נעבעכדיקע, און מיר זיצן

לעבן טיש. די מאַמע בעט מיין ברודער ער זאָל זאָגן די הגדה פון וואָס עס געדענקט זיך. מיין ברודער איז געווען אַ פרומער און ליב געהאַט די טראַדיציע. דאָס מאָל אָבער האָט ער געזאָגט: ניין! אויב דאָס דאַרף זיין דער „סדר" וואָס איז געוואונשן פֿאַר גאָט, וועל איך אים נישט זאָגן די הגדה.

✶ די מאַמע איז שטענדיק געווען פֿאַרטאָן און פֿאַר׳דאגה׳ט צוליב אונז. איר טאָג איז געווען איבערפילט מיט דאגות אין זוכן מיטלען פֿאַר אונזער עקזיסטענץ, יעדן טאָג מיט עפּעס אַן אַנדערע המצאה. טעג האָט זי געריסן דאָס גראָז אַרום דער שטוב, זי האָט דאָס מיט עפּעס אויסגעמישט און געבאַקן דינע פּלעצלעך, וואָס האָבן געהאַט זיבן און זיבעציק טעמים, און ווען כ׳דערמאָן זיך ווי מיין מאַמעלע, די גרויסע, די ערנסטע, אונזער שטיץ־שטעקן פון שטענדיק, בייגט זיך צו דער ערד און רייסט דאָס אָרעמע גראָז, ציפּט אַ גרעזעלע צו אַ גרעזעלע, ציפּט און גייט, צופּט און גייט, פּלאַצט מיר מיין האַרץ. איך ווער צעפּלאַצט ווען כ׳דערמאָן זיך ווי מיין מאַמע האָט אויסגעזען: ווי אַ חיה אין אַ וויסטעניש, אין אַ מדבר לאַנד.

✶ מיר האָבן געוואוינט ביי אַלטער לייטער אין הויז. אַ שיין גרויס הויז. מיר האָבן דאָר׳ט פֿאַרנומען אַ קעלער, וואָס איז געווען אונטער דעם הויז און דאָס געהאַלטן פֿאַר זיך ווען עס וועט קומען עפּעס אַ צרה, און אָט איז געקומען אַ טאָג און מיר גייען אַראָפּ אין דער טיפעניש, און דאָרט איז כמעט די העלפט פון דעם קעלער געווען פֿאַרפילט מיט וואַסער, אפשר אַ קוואַל וואַסער און אפשר אייז וואַסער, ווייל מ׳האָט לאַנג נישט גענוצט דאָס פּלאַץ ווי שטענדיק, אָבער עס איז נישטאָ קיין ברירה. עס איז דאָ איין מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך, אפשר אַפילו בלויז אויף אַ פּאָר טעג. אפשר דאָרט וועט מען אונז נישט באַמערקן, ווען מ׳וועט קומען אונז פֿאַרניכטן. זענען מיר אַריין אין וואַסער ביזן האַלדז און געלעבט.

עס איז געקומען דער דריטער טאָג פון אונזער לעבן אין קעלער, דער לעצטער טאָג פון לעבן. אַלע משפחות זיצן צוזאַמען אין קעלער. די מענער האָבן דערנאָך געמאַכט טראַטוועס פון ברעטער. איך ווייס נישט ווי האָבן זיי געקאָנט שווימען אויף דעם וואַסער, אָבער אַלע זענען געזעסן אויף די טראַטוועס. די רוצחים זענען געקומען, אָבער זיי האָבן אונז נישט באַמערקט. זיי זיינען אַוועק נישט געפונענדיק קיינעם. מיר האָבן פֿאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג פון קעלער מיט אַ גרויסער שאַפע. זיי האָבן נישט באַמערקט. מיטאָג צייט איז געקומען די צווייטע גרופּע. זיי האָבן זיך שוין נישט באַנוגנט מיטן זוכן אַליין. זיי האָבן אָנגעהויבן אַזוי רוישן און שרייען, אַז אַלע קינדער האָבן זיך שרעקלעך דערשראָקן און אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און מיט אַ כליפּן און דאָס האָט אָנגעשטעקט די קינדער און אַלע האָבן אָנגעהויבן וויינען מיט אַ שרעקלעכן קול. די סעקונדע האָט זיך געהערט ווידער דער רעש און מיין טאַטע האָט געזאָגט: „מיר זענען ערלעדיקט, צוליב דעם געוויין פון די קינדער זענען מיר ענדעקט געוואָרן.

און אַזוי איז עס געווען.

זיי האָבן ענדעקט דעם אַריינגאַנג און געשריגן: גייט אַרויס צו אונז מיט גוטן, ווייל אויב נישט וועלן מיר אַריינוואַרפן אַ גראַנאַט אין אייער נאָרע און אייך דאָרט צעשמעטערן אויפן פלאַץ. דאָס האָט געווירקט. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס זיי האָבן נישט געוואָלט צוריסן ווערן דורכן גראַנאַט, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז עס וואַרט אויף זיי אַ זיכערער טויט. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן.

✶ איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן לעבן ווי עס זאָל נישט זיין. כ׳בין אַרונטער אונטער דעם וואַסער. מיין קערפער איז געהאָנגען אויף די שפּיץ פינגער, כ׳האָב זיך אָנגעהאַלטן אין דעם ברעט. מיט מיר איז אויך געבליבן אַ מיידעלע, וואָס איר נאָמען איז אסתר פרענקל.

מיין טאַטע האָט צוזאַמען גענומען די משפחה און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט געזאָרגט, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען ביזן סוף. פלוצים הער איך ווי ער פרעגט די מאַמע:


— אוטיע (דאָס איז געווען מיין צונאָמען ביי זיי) איז נישטאָ. וואו איז אוטיע?

און די מאַמע שטילט אים איין און זאָגט:

— אפשר וועט זי זיך ראַטעווען אַז זי וועט בלייבן. ער איז שטיל געבליבן.

פלוצים האָב איך דערהערט אַ געשריי פול מיט ווייטיק פון מיין מאַמען. עס ווייזט אויס, אַז מען האָט זי אַוועק גענומען פון איר געליבטער משפחה.

✶ אַלעס האָט זיך געענדיקט, אַ וועלט פון שטילקייט האָט זיך פאַרשפּרייט, און נאָר מיר ביידע זענען געבליבן טיף אין וואַסער ביזן האַלדז. מיר זענען געווען



אויפן בולוואַר...

נאַס און פֿאַרפרוירן אין מיטן וואַרעמען אויגוסט. מיר האָבן אין דער מינוט פֿאַרגעסן צוליב וואָס מיר וואַרטן דאָ. עפּעס איז אונז דאָס נעלם געוואָרן פֿון אונזער באַוואוסטזיין.

פּלוצים האָבן מיר געהערט די רוצחים זיך אומקערן. זיי האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין קעלער. זיי האָבן אַריינגעשריגן, ווער עס באַהאַלט זיך דאָרט זאָל אַרויס, ווייל מיר וואַרפֿן באַלד אַ באָמבע אַריין.

מיר זענען נישט אַרויס. עס איז געווען שטיל. מיינע ציין האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן, איך האָב געוואָלט זיך אַליין פֿאַרשטילן, כ'האָב אַריינגעשטופּט מיין פויסט צווישן די ציין און צושייד צווישן זיי און אַזוי געביסן ביז עס איז געוואָרן אַ לאָך אין האַנט און ס'האָט אָנגעהויבן רונען בלוט.

✶ נאָך אַ סך שעהן זענען מיר אַרויס פֿון דאָרט. מיר זענען אַרויף אויפֿן דאַך, דאָרט איז געווען געמאַכט אַזאַ ראַנד פֿון בעלקעס געהאָנגען אויף קראַקוועס פֿון צוויי מעטער די הויך. מיר האָבן געוואָלט דאָרט אַרויפֿקריכן, ווייל דאָרט האָט אונז אויסגעזען צו זיין אַ גוט באַהעלטעניש. ליידער האָבן מיר נישט געקאָנט אַרויפֿקריכן אויף דעם ראַנד. מיר זענען געווען צו שוועך, ווייל די קליידער זענען געווען אָנגעפּילט מיט וואַסער. דאָך האָבן מיר זיך געדראַפּעט און אַרויף געקראָכן. ווען מיר זענען אַרויף, האָבן מיר דאָרט געפֿונען אַ באַקוועם פּלאַץ צום שלאָפֿן פֿאַר אונז ביידע. מיר האָבן דאָרט אויך געפֿונען אַ פֿלאַש וואַסער מיט אַ סלוי קאָנפֿיטור. דאָס איז נאָר געווען אַראָפּגעשיקט פֿון הימל.

יעדעס מאָל האָבן מיר געהערט שיסערייען. מיר האָבן געזאָגט איינע צו דער צווייטער, נאָך יעדן שאָס:

— יעצט איז מיין טאַטע דערשאָסן געוואָרן, יעצט די מאַמע, און יעצט מיין שוועסטער.

אפשר האָבן מיר טאַקע געטראָפֿן. ווער ווייסט? אַז מ'האָט זיי געשאָסן, דאָס איז באַשטימט. איז אפשר טאַקע דאַן.

✶ 3 טעג זענען מיר דאָרט געזעסן. געשפּייזט האָבן מיר זיך פֿון דעם וואַסער מיט דער קאָנפֿיטור, און מיר האָבן באַשלאָסן אַראָפּגיין. אסתר האָט געזאָגט לאָמיר אַראָפּגיין ביינאַכט. איך האָב מיין טאַטנס אַ פֿריינד אַ פּאָמיעשטשיק, ליכּישוב, וועלן מיר גיין צו אים. ער וועט אונז ראַטעווען ווען ער וועט הערן וועמענס טאָכטער איך בין. ער איז שולדיק מיין טאַטן זייער אַ סך טובות.

אונטער דער שוץ פֿון פֿינסטערער נאַכט זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען. צופֿעליק זענען דאַן פּונקט דורכגעגאַנגען מענטשן. דאָס זענען נישט געווען קיין פּאָליציאַנטן און נישט קיין ליקווידירער, דאָס זענען געווען פּשוטע רויבער, וואָס זענען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב מיט דעם צוועק צו געפֿינען זאַכן, און דערווייל האָבן זיי אונז ענדעקט. מיר האָבן זיך שנעל פֿאַרבאַהאַלטן אונטער צוויי גרויסע שאַפֿעס, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. זיי זענען ערגעץ פֿאַרשוואונדן, כאָטש כ'בין זיכער געווען אַז זיי האָבן אונז געזען. זיי זענען טאַקע צוריק גע־

קומען און געזען ד״ גרויסע שלעסער פון די צוויי שאַפעס. האָט איינער געזאָגט צום צווייטן:

זיי זענען אויפן דאַך, מ׳דאַרף זיי ליקווידירן. די שלעסער זענען שווערע, איז אַ סימן אַז דאָרט איז דאָ עפּעס אַן אוצר. מיר וועלן דאָס שפּעטער אויפרייסן. פריער וועלן מיר ענדיקן מיט די יידישקעס.

ווען זיי זענען אַרויף, זענען מיר אַוועק. מיר האָבן געוואָלט אַראָפּשפּרינגען דורך דעם פענסטער. דאָרט איז געוואַקסן הויכע קוקורוזע, דאָס האָט געקאָנט דינען פאַר אַ גוט באַהאַלטעניש, נאָר מיר האָבן מורא געהאַט צו שפּרינגען פון אַזאַ הויך. צום סוף האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אַראָפּגעשפּרונגען, באַהאַלטן זיך און געוואַרט זי זאָל אויך קומען. זי איז נישט געקומען. כ׳האָב באַשלאָסן צו וואַרטן און וואַרטן, ווייל זי איז מיר געבליבן די איינציקע. כ׳האָב געוואַרט, און צווישן האָב איך געהערט די וועכטער שפּאַנען. זיי האָבן אַרומגע־רינגלט דעם געטאָ, געזוכט, זיך גוט צוגעהערט, אפשר וועלן זיי געפינען נאָך אַ יידן. דערנאָך איז געוואָרן שטיל. די נאַכט איז אַריבער און עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

כ׳האָב געמוזט אַוועק איידער עס ווערט גוט טאָג, מ׳זאָל מיך נישט ענטדעקן, און זי איז נאָך אַלץ נישט געווען. דער פּאַרקען איז געווען זייער הויך און די ברעטער זענען געווען ענג. כ׳האָב זיך דורכגעשטופּט דורך אַ שמאָלן שפּאַלט, און בין דורך. דאָס איז געווען פּשוט אַ נס. נאָך ביז היינט איז מיר שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי קען אַ מענטשלעך וועזן זיך דורכשטופּן דורך אַזאַ שפּאַלט.

ווישניוויץ האָב איך נישט געקענט, כ׳האָב נאָר געקענט דעם וועג פון געטאָ צו דער אַרבעט און צוריק. בין איך געלאָפן מיט דעם וועג און אויף מיין שלימזל בין איך געקומען צום קאָמיסאַרס הויז. די הונט האָבן אָנגעהויבן צו בילן אין הויף, אָבער קיינער איז נישט אַרויס. איך בין דורכגעגאַנגען דאָס וועלדל, אַריין אין זאַמעק און זיך באַהאַלטן אין אַ הויפן פון קאַרטאָפל. כ׳האָב אָפּגעריזעט אַביסל קאַרטאָפל און איינגעשלאָפן.

✶ עטלעכע טעג שפּעטער, פרייטיק איז דאָס געווען, בין איך דורכגעלאָפן די הויפטגאַס, האָבן מיר ענדעקט צוויי שקצים. זיי האָבן מיך געפּאַקט און געשלעפּט צו דערטרינקען מיך אין טייך. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַן אַלטער אוקראַינער און האָט זיי געזאָגט:

— אויב איר וועט זי אַריינוואַרפן אין טייך וועלן מיר אַלע ליידן, איר בלוט וועט אונז נישט לאָזן צורו. איר זאָלט עס נישט טאָן. דאָס האָט געווירקט, זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט און געגעבן אַ באַפעל איך זאָל אַנטלויפן. אַזוי האָב איך געטאָן. דאָך האָבן זיי געשאָסן אויף מיר און פון זייער אַ סך לויפן, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב און פאַרשוואונדן. דאַן האָבן זיי אויפגעהערט שיסן. ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן בין איך אַרויס און געלאָפן. נאָך אַ גאַנצע נאַכט לויפן בין איך אָנגעקומען קיין טשיטשעניץ. דאָרט האָב איך געזען אַ שילד „פּאָליציי״.

כ׳בין געבליבן ערשטוינט. עס איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן אַ גוי מיט אַ דראַ־ביניאַם און געזאָגט:

— דו ביסט אַ יידישקע, אַנטלויף פון דאַנען, ס׳איז מסוכן, מ׳וועט דיך הרגענען. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל מיר ווייזן דעם וועג קיין ווערבאָוויץ.

אין פעלד איז געשטאַנען אַן אַלטער פויער און האָט געקאָסעט. דערזעענדיק מיך איז ער דערציטערט געוואָרן. ער האָט געזאָגט:

— קינדעלע, וואו גייסטו, האָב איך אים געזאָגט צו הולאַנה האַנאַרטשוק, זי איז געווען אונזער פריינד יאָרנלאַנג, אַ משפחה פון שטונדיסטן. כ׳אָב מיר פאָר־געשטעלט, אַז זיי וועלן מיך ראַטעווען. ער האָט מיך געבענטשט מיט לאַנגע יאָרן און געוויזן דעם וועג צו איר שטוב.

* * *

די שטונדיסטן משפחה האָט מיך געראַטעוועט. די דייטשן פלעגן זיי יעדעס מאָל באַזוכן און צונעמען ביי זיי זאַכן. זיי האָבן מיך נישט אויסגעגעבן. מען האָט מיך אַלע מאָל איבערגעפירט פון איין משפחה צו דער צווייטער פון זייערע מענטשן, אַזוי אַז יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ חלק אין דער מצוה פון ראַטעווען אַ קליינע פאַרוואָגלטע נשמה. זיי האָבן זיך איינגעשטעלט זייער לעבן, זיי האָבן געלעבט אַ סך טעג אין שפּאַנונג, טאָמער וועלן זיי אָנקומען. זיי האָבן געוואוסט אַז זייער גזר־דין איז טויט אויב זיי וועלן אויפדעקן די גרויסע זינד פון אויס־באַהאַלטן אַ יידישקע. דאָך האָבן זיי דאָס געטאָן. אַ דאַנק די שטונדיסטן בין איך געבליבן לעבן.

דאָס איבעריקע וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען איז ווייט פון ווישניוויץ און עס האָט נישט קיין שייכות צום ווישניוויצער בוך.

אברהם לעוו

מ א מ ע

(פון בוך „אין קלעם")

מאַמע ביסט נישטאָ שוין, מאַמע!
מאַמע ביסט נישטאָ שוין מער.
ווער וועט זאָגן: ווילע גראַמען,,
ווער וועט אָפּווישן מיין טרער?

ווער וועט לייענען דאָס בריוול,
וואָס כ'האָב אַרויסגעשיקט צו דיר,
איבער ים אויף גרויסע שיפן,
שוין צוריק מיט יאָרן פיר?

איז עס דאַן צו דיר דערגאַנגען
אָנגעטראָפן צו דיין שוועל?
יאָרן לאַנגע, יאָרן באַנגע —
סוואָיעט טויט פון אייך, און קעלט.

ווו דיין קבר, ווו איז מאַמע?
גוטע מאַמע ווייסע טויב.
גוף פאַרברענט מיט נאָך צוזאַמען,
אַש צעשטויבט, צעשטויבט, צעשטויבט.

ברענג מיר, ווינט, כאָטש דאָ צו טראָגן
שטויבל אַש פון מיין מאַמעס גוף,
קומסט דאָך פון עק וועלט פון וואָגל —
זוך איר אַש, איר אַש זוך אויף!

דאָס געבליבן איז אין גאַנצן
פון מיין מאַמען, ווי איז מיר.
כ'זע נאָך אירע אויגן גלאַנצן,
כ'פיל, מיר דוכט, נאָך אין באַריר.

— — — — — — — —

אפשר וועט דער ווינט פאַרטראָגן
אַש אַביסל פון דיין גוף?
קומסט דאָך, ווינט, פון וויטן וואָגל,
הער אין נאַכט מיין שטילן רוף.

שרה קיטייקשער (קירשנבוים)

אין ים פון מענטשלעכן שגעון

(אַן אָנדענק פאַר יואַנאַ וואַנשיצקאַ־קרעשיצקאַ)

פונעם וועג

כ׳בין געווען אויפֿן וועג קיין ישראל ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אויף דער רומענישער גרענעץ האָט מען שוין נישט געלאָזט אַריבערגיין. 1200 מאַן זענען מיר געווען מיט גוטע פּאַספּאָרטן און לעגאַלע פּאַפּירן, דאָך האָט מען אונז נישט געלאָזט זיך רירן, ביז ס׳וועט זיך „וואָס אויפקלערן״, אָבער די קריג האָט אַלעס איבערגעריסן.

כ׳האָב זיך געשעמט צוריק צוקומען קיין ווישניוויץ, בין איך אַוועק צו מיין ברודער אין זאַלאשצי. פון ראש השנה ביז פורים האָב איך נאָך אויסגעהאַלטן, אָבער מער האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ווי קאָן מען דאָס נישט זעען מיינע טייערסטע, מיין משפחה, מיין שטעטל אַזאַ לאַנגע צייט?

פורים בין איך געקומען קיין ווישניוויץ. דער סאָוויעטן רעזשים האָט געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע. ס׳זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך געפרייט מיט דער ענדערונג אין רעזשים, דאָס זענען געווען דאָס אָפּפאַל־מענטש פון שטאָט און אומקרייז. די מערהייט פון שטאָט איז געווען דערדריקט און דעפרימירט. מיינע עלטערן און ברידער, וואָס זענען געווען סוחרים, זענען פלוצעם געוואָרן בירגער פון צווייטער ראַנגע, נישט פון דער „בעסערער״ געזעלשאַפט און געבליבן אָן ברויט. אויפן האַרצן איז געווען זייער שווער, צום דערדריקט ווערן.

איך, וואָס האָב געוואָלט אַרבעטן, בין געווען פסול, ווייל כ׳בין געווען אַ סוחר׳ס א טאָכטער, דאָס הייסט פון שלעכטן אָפּשטאַם.

דער טאַטע איז דערווייל געשטאָרבן פון שמערץ און האָפנונגסלאָזיקייט.

אַז ס׳איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשישע קריג בין איך נישט געווען אין ווישניוויץ. מיינע ברידער זענען אַרויס פון שטעטל, דער טאַטע — טויט. האָב איך מיר קיין אָרט נישט געפונען. בין איך מיר אַוועקגעפאָרן קיין טאַרנאָפּאָל, ווו מיינע ברידער האָבן צייטווייליק געאַרבעט. כ׳האָב געמוזט זיך שטאַרקן ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז כ׳דאַרף מיר אויסבויען מיין אייגן לעבן. כ׳האָב באַשטעלט דאָרט מעבל פאַר מיר. מיין חבר און איצטיקער מאַן, מיט וועמען איך בין שוין אַ יאָר אַרויסגעגאַנגען, האָט געוואָלט מיר זאָלן הייראַטן. דעם 24־טן יוני 1941 האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון אים כ׳זאָל מיט אים זיין און אַריבער קיין זאַלאשצי. ווישניוויץ איז געווען דאַן פוסט, אָפּגעלאָזט, די מערהייט יוגנט אין רוסישן וואָיסק, די אַלטע דערשלאָגענע, די שטאָט צעשטוינט, צעמישט, אָן שום אויסזיכטן צום בעסערן. איך מיט דער שוועסטער האָבן מיר קיין שום איינהאַלט נישט געהאַט אין שטאָט, האָבן מיר אַלעס איבערגעלאָזט און אַוועק צופוס קיין זאַלאשצי נאַקעט און בלויז.

אויפן וועג האָבן אונדז געכאַפּט אוקראַינער און געוואָלט הרגענען. אָבער אַז מיר האָבן געזאָגט, מיר זענען הערשקי׳ס שוועסטער, האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזט און צוגעגעבן :

ס׳מאַכט נישט אויס, די דײַטשן וועלן דאָס מאַכן בעסער פון אונדז, מיר וועלן איצט איינמאָל־פאַר־אַלע־מאָל אָפּרייניקן אונדזער לאַנד פון אייער יידישער פּעסט.

28 קילאָמעטער זענען מיר געגאַנגען צופוס, טראָגנדיק פּעקלעך, וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון שטוב און באַהאַנגען אויף די פּלייצעס אַזוי ווי רוקזעק. דער וועג איז געווען סכנות־פול. אוקראַינער האָבן אַרומגעפויזשעט אין די וועגן, געמאַכט זיך אַ לאַנג יום־טוב׳ל, דער יום־טוב פון „יידיש בלוט הפקר״, און זיי האָבן אים געפייערט מיט זייער פולהערציקער פרייד. אויך אין ווישניוויץ אַליין האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט דער הפקר־פרייד. דאָרט האָבן זיי געלאַכט פון אונדז, געחוזקט פון אונדז מיט אונדזער בראָך. איינע וואָס האָט אונדז אַרויסבאַגלייט פון שטוב אויף אייביק און זי איז געווען אונדזער שכנה פון יאָרנלאַנג, האָט אונדז געזאָגט :

— דאָס איז די שטראָף פון הימל ווייל איר האָט געקרייצט יעזוסן. ביז וואַנען וועט איר זיין אַזאַ פאַרדאָרבן, עקשנותדיק פאָלק ? ווען וועט איר שוין פאַרשטיין פאַרוואָס איר ליידט ?

דער מאָרד פון אַלט שטאָט

אָפּזייענדיק אין זאַלאשצי דריי מאָנאַט און ס׳איז געקומען ראש חודש אלול, האָב איך באַשלאָסן גיין אויפן הייליקן אָרט אין ווישניוויץ באַזוכן מיינע עלטערנס קברים, ווי עס פירט זיך ביי יידן און אויך זיך זעען מיט די ברידער וואָס זענען געבליבן דאָרט מיט די פאַמיליעס.

ס׳איז געווען איידער מ׳האָט אויפגעשטעלט דעם געטאָ, אָבער די יידן זענען שוין געווען פאַרשפּאַרט און פאַרשלאָסן.

אַ פּאָר טעג פאַרן געטאָ זענען די אוקראַינער אַראָפּ אין דער אַלטער שטאָט און געמאַכט דאָרט אַ שחיטה און נישט איבערגעלאָזט דאָרט אַ לעבעדיק נפש. פריידע יקירא, זי די איינציקע, האָט זיך געראַטעוועט, אויך נישט אויף לאַנג. ווען כ׳בין אַריין צו מיין שוועגערן, האָב איך זי געטראָפן. זי האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי איר מיט איר יינגעלע, ביידע לעבעדיקע אלמנות געווען. מיין ברודער האָבן די אוקראַינער אַרויסגענומען באַלד די ערשטע נאַכט פון די דײַטשן און ביז היינט ווייסט קיינער נישט ווו זיין געביין איז. שייקע גרינבוים, פריידעס מאַן, האָבן די רוסן פאַרשיקט קיין סיביר באַלד ווען זיי זענען אָנגעקומען. אַזוי זענען זיי געוואָרן דורך איין גורל פאַרבינדן איין און דער זעלבער אומגליק האָט זיי פאַראייניקט. ביידע זענען זיי געזיצן דערשלאָגענע, פאַרפינצטערטע, נישט צום באַשרייבן. אויף פריידעס געזיכט האָבן זיך נאָך געמערקט די שפּורן פון דער שרעקלעכער מאָרד נאַכט אין אַלט־שטאָט. זי האָט דערציילט :

— לאַנגע טעג זענען מיר געווען פאַרשפּאַרט ווי אין אַ שטייג, אָן באַוועג־גונגס פרייהייט. איינמאָל, אַן אָוונט איז זי געזעסן מיטן קינד אין שטוב. אַרום און אַרום האָבן זיך געהערט פּויקערייען, מאָדנע קלאַפּערייען און שיסעריי. אָבער זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. פּלוצעם האָט זיך איר טיר צעשפּראָלט און ס׳זענען אַריין 2 אוקראַינער פון אירע באַקאַנטע און זיי האָבן געזאָגט:

— מיר זענען געקומען אייך הרגענען.

אַזוי פּשוט, אַז כ׳האָב געמיינט זיי וויצלען זיך. דאָך האָב איך זיך אָנגע־הויבן בעטן ביי זיי:

— מיכײיליניו, איוואַן, ווי קאָן דאָס זיין, דו וועסט מיך הרגענען? דו אפשר? וואָס האָבן מיר אייך געטאָן? וואָס פאַר אַ שלעכטס?

זיי האָבן זיך אַביסל פאַרלוירן, אָבער אין זייערע אויגן „האָב איך געזען די לוסט פון מאָרד״. זי האָט ממש געפילט, אַז זיי ווילן זייערס טאָן. האָט זי אויס־גענוצט זייער קורצע פאַרלעגנהייט, האָט אַ ריס געטאָן זיך דורך דער טיר, אָט ממש נעבן זייערע הענט און איז אַנטלאָפן. אויף די הענט האָט זי געהאַלטן דאָס פּיצעלע אירס.

די נאַכט איז געווען שטאַרק פינצטער. זי איז אַראָפּ פון בערגל צוואלאם און אַריין גלייך אין טייכל. זי איז אַריין ביזן האַלדז אין וואַסער מיטן קליינעם עופהלע.

ס׳קינד האָט געוויינט, געוויינט און אַנטשלאָפן געוואָרן. זי איז אַלץ נאָך געשטאַנען אין וואַסער, כדי נישט שטערן דעם קינד זיין שלאָף, איז זי געשטאַנען רואיק. פון ווייטנס האָט זי געהערט האַרצרייסנדיקע געשרייען און מערדערישן געריטש צוזאַמען. די שיסערייען זענען געוואָרן שטאַרקער און שוואַכער כון מאָל צו מאָל און דער מאָרד האָט זיך געטראָגן אַרום. זי האָט ממש געקאָנט טרעפן ווער ווען ס׳איז דערמאָרדעט געוואָרן. טירן האָבן זיך געהערט פּראַלן זיך אויף, יעדעס מאָל אין אַן אַנדערע שטוב און געשרייען רייסן זיך אויף און ווערן אַנט־שטילט. מיטן קלאַנג פון געשיס זענען שטיל געוואָרן די לעבנס שטימען, יעדעס מאָל אַזוי.

דערשיטערט און דערשלאָגן איז זי אַזוי אָפּגעשטאַנען שעה׳ן לאַנג אין וואַסער ביז ס׳איז געוואָרן שאַ שטיל. דאַן האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס שלאַכטן האָט זיך געענדיקט. די מערדערס זענען זיך צעגאַנגען אַהיים שלאָפן רואיק און די יידן פון דער אַלטער שטאָט זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק.

אויסגעהערט איר געשיכטע האָב איך געוווסט אַז דאָס ווישניוויצער יידנטום איז פאַרלוירן.

די נאַכט האָבן מיר אָפּגענעכטיקט צוזאַמען. גאַנצפרי בין איך אַוועק צום ברודער אין זאלאשצי און צו מיין מאַן. מיין שוועגערן האָב איך איבערגעלאָזט, זי איז געווען באַזעצט מיט קליינינקע קינדערלעך און אַן אַלטע מאַמע. זי האָט זיך נישט געוואַגט אַרויסגיין אין וועג צענדליקער קילאָמעטערס צופוס.

פריידען האָבן מיר אויך איבערגעלאָזט. ביי איר איז מיין שוועגערן געווען די איינציקע קרובה, וואָס איז איר געבליבן ביים לעבן.

יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פריידע האָט זיך טאַקע געראַטעוועט פון טויט אין דער ערשטער שחיטה, אָבער ווען מ׳האָט געשאַפן דעם געטאָ, ווען מ׳האָט אויסגעפּירט די גוט באַוווּסטע „אַקציעס״, איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט איר קליין קינדעלע, צוזאַמען מיט מיינע צוויי ברידערס קינדער און אלמנות.

אין זבאַראָזשער לאַגער

אין מאַי 1942 איז מען געקומען נעמען מיין מאַן מיט אַן אויסרייד, אַז מיקולסקי, דער שעפסקאָמאַנדיר, וויל אים זען. צווישן די יידישע פּאָליציאַנטן וואָס זענען אים געקומען נעמען האָט איינער זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און שטיל געזאָגט, אַז אייגנטלעך וועט מען אים שיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. כ׳האָב אים דאָס דערציילט, ער האָט אַ מינוט אַ קלער געטאָן ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון זיי. ער האָט זיי געזאָגט, אויב מ׳וועט שיקן צו אים אַן אוקראַינער אָדער אַ דייטש וועט ער גיין, און ער איז געשטאַנען דערויף. ביז זיי האָבן זיך אַ דריי געטאָן האָב איך געגעבן אַן עפן דאָס אונטערשטע פענסטער און מיין מאַן איז אַרויס און אַוועק אין די פעלדער.

איך בין אויך אַוועק.

אין אָוונט בין איך געקומען אַהיים, מיין מאַן האָב איך נישט געזען. צומאָרגנס ווען כ׳בין געשטאַנען אין הויף פון דער שטוב און געאַרבעט, האָב איך געהערט ווי מ׳רופט מיין נאָמען און מ׳פרעגט אויף דייטש:

צי ביסטו מאַדאַם קירשנבוים?

כ׳האָב געוווּסט אַז כ׳קען גאָרנישט מאַכן, בין איך צוגעגאַנגען צו אים לויט זיין באַפעל. ער האָט מיך פאַרשיט מיט פראַגען וועגן מיין מאַן. וואו איז ער? פאַרוואָס האָב איך אים געהאָלפן אַנטלויפן? ער האָט מיך גענומען אין דער קאָמאַנדאָ, דער וועג איז געווען אַ ווייטער, מער ווי אַ קילאָמעטער. איך בין געווען זייער פאַרמאַטערט און ס׳איז מיר געווען זייער שווער צו גיין צופוס. אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט און אַ גאַנצן וועג מיך נישט אויפגעהערט צו פרעגן און פרובירן ביי מיר אַרויסציען ווערטער וואו איז מיין מאַן באַהאַלטן. איך האָב באמת נישט געוווּסט, האָט ער מיך אָנגעפאַנגען שלאָגן ביז מיר זענען געקומען אין קאָמאַנדאָ בין איך שוין געווען צעקלאַפּט, פאַרווּנדעט און אָנגעווייטאָגט. ער האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן אין קעלער, געלאָזט מיך זיין אַביסל אין דער פינסטער און נאָכהער אַראָפּגעקומען ווידער מיך מאַטערן, פאַר מיין גרויסער זינד וואָס כ׳בין באַגאַנגען, כ׳האָב געראַטעוועט מיין מאַן. צו מיין מזל האָב איך פאַרחלשט, כ׳בין געפאַלן און שטאַרק צעקלאַפּט דעם קאָפּ. ווען כ׳האָב זיך אויפגע־

כאַפּט פונעם חלש׳ן איז מען מיך געקומען רופן כ׳זאָל פאָרן קיין זבורוב צו דער קאָמאַנדאָ פונעם ראַיאָן.

ס׳איז געשטאַנען גרייט אַ לאַסט וואָגן וואָס מ׳האָט אים אויסגעליידיקט פון קוילן, פאַרשוואַרצט און פול מיט שמוץ און פאָרך פון די קוילן. דאָרט האָט מען מיך אַרויפגעזעצט און מיר זענען געפאָרן. דער דײַטש האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן שאָפער, מיך מיט נאָך צוויי יידן האָט מען אַוועקגעזעצט אין דעם קאַסטן.

אויפן וועג האָב איך געוואָלט אַנטלויפן, זיי האָבן דערפילט מיין כוונה און פון דער קאַבינע האָט מען געשריגן צו מיר:

מאַדאַם קירשנבוים, מיר ווייסן דיינע כוונות, אָבער מיר ראַטן דיר דאָס נישט צו טאָן. בעסער פאָר מיט אונז צו דעם הער קראַוס, און דאָרט וועלן מיר אויס־פאָרשן ווו דער מאַן איז. וועסט טאָן אַ חכמה, אַז דו וועסט אָנעמען אונזער עצה.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אין אַרבעטס־לאַגער פון זבורוב.

ער האָט מיך איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדיר און דערציילט אים מיין גרויסן חטא.

דער קאָמאַנדיר פון לאַגער, קראַוס, האָט מיר געזאָגט:

— מ׳גיט דיר 24 שעה, אויב ביז דאַן ברענגסטו נישט דיין מאַן, וועלן מיר דיך שיסן ווי אַ הונט. נעכטן האָבן מיר דאָ געהאָנגען אַ פרוי וואָס האָט באַהאַלטן איר זון, דער זעלבער גורל וואַרט דיר.

שטייענדיק דאָרט אין דער ביוראָ פון דער קאָמאַנדע, ס׳איז אויך געווען אַ ביוראָ פונעם לאַגער, האָב איך געזען די מענטשן פונעם לאַגער און די קישקעס האָבן זיך מיר איבערגעדרייט פאַר פחד, פאַר ווייטאָק, פאַר רחמנות און פון אָנ־באַלפּענקייט. עס זענען אַרומגעגאַנגען דאָרט מתים, סקעלעטן פון מענטשן, זעק מיט ביינער, אויסגעלאָשענע אויגן, אויפגעריסענע האָבן אַרויסגעקוקט פון די לעכער, פינסטערע און גלייכגילטיק צום לעבן, מיט אַלעמען וואָס איז דאָ אין דעם

איך האָב געוווסט אַז מיין מאַן איז אין זבורוב, אָבער כ׳האָב זיך נישט געקענט מיט אים פאַרשטענדיקן. אָבער מיין אַרעסטירן און די סכנה וואָס שוועבט אויף מיין קאָפּ, איז צוגעקומען צו אים דורך אַן אַנדער וועג. ער האָט געבעטן דעם דירעקטאָר בורסקי, ער זאָל עפּעס טון. דאָרט איז געווען איינער אַ גוי יאַנקביץ. ער איז געווען אַ גוי מיט אַ יידיש האַרץ. ער און זיין מאַמע האָבן זייער אַ סך געטון צו ראַטעווען יידן. אָבער ער האָט אים געזאָגט:

ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, דו מוזט גיין און צושטעלן זיך אין קאָמענדע. דאָס וועט זי באַשטימט ראַטעווען. מיין מאַן האָט אָנגענומען זיין עצה, ווי אַן עצה פון אַ פריינד און איז געקומען אין דער קאָמענדע.

כ׳ווייס נישט צוליב וואָס, אָבער זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ קליינער שטראָף און אים בלויז פאַרמאַכט אין לאַגער. מיך האָט מען באַפרייט. מיר האָבן זיך צעשייד, איך האָב געהאַט אַ ברויט, האָבן מיר דאָס צוטיילט אויף צווייען, מיר האָבן זיך געווונטשן צו באַגעגענען זיך ביים לעבן. אָבער דער

ספק האָט געגריזשעט טיף אין האַרצן, מיר האָבן כמעט ווי נישט געגלויבט אין דעם, אַז עס וועט קומען א צייט און מיר וועלן זיך זען.

יאַנקעוויטש האָט מיך גענומען צו זיך אַהיים און מיר געזאָגט: איך וועל ראַטעווען דיין מאַן פונם לאַגער. מיר האָבן אים ליב און דו דערווייל קום אַביסל צו זיך, זיי דאָ מיט אונדז.

די שטוב איז געווען אַ פּאַלאַץ. זיי זענען געווען שטיין רייך. אַלעס האָט געגלאַנצט און געשפּיגלט. די טייערע זאַכן האָבן פאַרבלענדט די אויגן און איך פּאַרביטערט, באָרוועס, אַ פאַרסאַזשעטע פון דעם פאָרך פון די קוילן, אין שמו־ציק פון אויטאָ.

זיי האָבן מיר געמאַכט אַ באָד. די פרוי האָט מיר מיט אירע אייגענע הענט געוואַשן. זי האָט מיר געגעבן עסן, באַרואיקט מיך און אַריינגעגעבן מיר אַביסל מוט מיט האָפענונג צום לעבן. דעם אָוונט האָב איך יאָרן נישט פאַרגעסן, זי איז געווען אַ מלאך אין געשטאַלט פון אַ פרוי. מ׳האָט מיר דערציילט נאָכהער, ווי זי האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן נישט איינמאָל און פלעגט ברענגען קוישלעך פול מיט עסן פאַר יידן אין לאַגער. אַלע האָבן זי גערופן „די מוטער פון די יידן". דאָס האָט געבראַכט אויף איר אַ אומגליק און זי האָט באַצאָלט מיטן לעבן. אַזוי איז געווען די משפחה ינקביץ.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים קיין זאלאטצ׳י. מיין מאַן איז געבליבן אין זבורוב אין לאַגער. 3 מאָנאַטן ביז סוף אוגוסט אין דעם יאָר פלעג איך גייען צופוס קיין זבורוב, וואָס איז געווען 29 קילומטר פון אונדז און געבראַכט עסן אין לאַגער. איך פלעג אים געבן דאָס עסן אין אַ פאַרבאָרגן פּלאַץ, מ׳זאָל נישט באַמערקן. ווייל דערמיט האָבן מיר זיךביידע איינגעשטעלט דאָס לעבן. כ׳האָב זיך אויך איינגעשטעלט דאָס לעבן, גייענדיק קיין זבורוב, אַליין צווישן גויים, דורשטיקע נאָך אַביסל יידיש בלוט. אָבער כ׳האָב געוואָלט מיין מאַן דערהאַלטן ביים לעבן.

ענדע אויגוסט האָבן מיר געפונען אַ וועג צו באַפרייען אים. מיר האָבן באַצאָלט 350 דאָלאַר קראָוס׳ן, אַן אויסגעאַרבעטן פוקס פאַר זיין פרוי, אַ קאָלנער און אויזן פון לעדער גוט אויסגעאַרבעט פאַר הער קראָוס, דער פאָרשטייער פון דייטשער קולטור.

יאַנקעוויטש איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעפירט די פּראָצעדורן פון באַ־פרייאונג. ווען ער האָט אים אַרויסגענומען פון לאַגער, האָט ער אַרויפגענומען מיין מאַן אויף אַ ראָווער און אים געבראַכט צו אונדז, 29 קילאָמעטער פאָרן מיט אַ ראָווער איז נישט געווען קיין געוויינלעכע אָנשטרענגונג. ווי אַזוי קען מען פאַרגעסן אַזאַ טייערן מענטש מיט אַזאַ שיינער נשמה? און נישט נאָר ער מיט זיין פרוי בלויז, אויך זיין שוועסטער איז געווען אַ שותף צו די גוטע טאַטן. זי אַ שיינהייט פון אַ פרוי, פלעגט זיך איינשטעלן איר לעבן און עטלעכע מאָל אין וואָך גייען אין לאַגער און ברענגען מיין מאַן עסן.

*

איין טאָג — דאָס איז געווען דער 15.9.42, איז דורכגעגאַנגען דער פויקער פון דער שטאָט, אַ גוי, וואָס האָט געהייסן יאַנקו, און האָט אָנגעזאָגט, אַז אין משך פון 2 וואָכן דאַרף זאַלאַזשצ׳י ווערן ריין פון יידן. אַלע יידן מוזן אַריבערגיין קיין זבורוב. דאָרט האָט מען אויפגעשטעלט אַ געטאָ פאַר אַלע יידן פון דער סביבה, און דאָרט דאַרפן זיי זיך איינשליסן אין דעם געטאָ.

מיין ברודער מיט זיין משפחה און מיין שוועסטער האָבן באַשלאָסן צו גיין קיין זבורוב. איך האָב געוווּסט, וואָס עס וואַרט אונדז דאָרט. האָב איך פּראָבירט משפיע זיין אויף זיי, זיי זאָלן דאָס נישט טון, אָבער כ׳האָב נישט מצליח געווען.

זיי האָבן געזאָגט וואָס עס וועט זיין מיט אַלע וועט זיין מיט אונדז.

אין זאַלאַזשצ׳י זענען אינצווישן געווען קליינע און פריערדיקע אַקציעס און יידן זענען געהרגעט געוואָרן. האָבן זיי געוואָלט קודם־כל אַוועק פון דאַנען.

איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן.

מיר האָבן געוווינט ביי אַ גויע, יוהאַנאַ וואַנשיצקאַ האָט זי געהייסן, אַ פּאָלקע וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ אוקראַינער און איז געוואָרן אַ אלמנה. זי האָט געוווינט מיט אַ אַלטער מאַמע פון 80 יאָר אַ אָרעמע און האָט נישט געהאַט קיין ברויט, סך הכל האָט זי געהאַט איין קו, און פון דעם האָבן זיי נישט געקענט לעבן. האָט זי געמוזט גייען אַרבעטן צו אַנדערע גויים, כאָטש זי איז געווען פון אַ אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, די ברידער זיינען געווען דאָקטוירים, לער׳ער, און האָבן געוווינט נישט ווייט פון זיי, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אָנקומען צו זיי. מיר האָבן איר פאָרגעלייגט, אַז מיר ווילן בלייבן ביי זיי. זי האָט אָנגענומען אונדזער פאָרשלאַג און האָט זיך איינגעשטעלט. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב אונטער דער קאָריטע, אַריינגעשטעלט דאָרט צוויי קאַשע־טעס און איבערבעטן און אונטער דעם באַהעלטעניש פון דער קאָריטע זענען מיר געווען כמעט 2 יאָר.

אַ סך מאָל האָט מען געמאַכט אַ אָבלאַווע אויף איר שטוב, און מיר האָבן געמוזט אַנטלויפן פון מאָל צו מאָל און באַהאַלטן זיך באַזונדער אין דער גרויסער בלאָטע אונטער דער שטאָט, אין די סטערטיס פון דער פּאַשע האָב איך אויסגעגראָבן אַ קליינעם טונעל, אַרויסרייסנדיק דאָס גראָז און זיך באַהאַלטן. מיין מאַן האָט געזוכט אַן אַנדער פּלאַץ.

די גויה האָט אונדז מפרנס געווען די גאַנצע צייט, ווען מיר זענען אַוועק פון איר פונם בונקער, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי איר. פלעג זי אונדז ברענגען וואַרימע טיי און עסן. זי פלעגט וויסן ווו מיר זענען. מיר האָבן איר אַלע מאָל געזאָגט. יעדעס מאָל פלעגן מיר זיך ביידע טרעפן ביי איר. 4 מאָל האָט מען אונדז געפּאַקט. שכנים האָבן אונדז געמסרט און זי פלעגט אונדז אויסלייזן פון די דייטשן מיט איר לעצטן פאַרמעגן.

איינמאָל האָט זי זיי אַוועקגעגעבן איר איינציקע קו, דער קוואַל פון איר

פּרנסה, בכדי אונדז אויסצולייזן. אַמאָל האָט זי זיי געגעבן דאָס לעצטע קעסטל מיט פּראָדוקטן, וואָס זי האָט געהאַט אין שטוב.

מיין און מיין מאַנס לעבן האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען יוהאַנאַ קרשיצקאַ. דאָס איז אַ הייליקטום פון אַ מענטש, מיין גאַנץ לעבן וועל איך טראָגן אין מיין זכרון די פּראַכטפולע פרוי, וואָס אין די שרעקלעכסטע צייטן האָט זי מיר געגעבן אַ האָפענונג צו קלערן, אַז ס'איז נאָך דאָ מענטשלעכקייט אין די חיישע צייטן.

אינצווישן האָט זיך מיין ברודער צוריקגעקערט קיין זאַלאַשצי' מיט זיין פאַמיליע. מיר האָבן געזוכט געלעגנהייטן צו באַגעגענען זיך. אָבער ס'איז געווען אונמעגלעך. מיין מאַן האָט אויך געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן באַזונדער ווייט פון מיר. איך ווידער האָב געוואַנדערט און בין צוריקגעקומען צו יוהאַנען מיין פריינדין. כ'בין אַריין צו איר אָן איר וויסן. כ'האָב זי נישט געוואָלט ברענגען אין אַ געפאַר, האָב איך זיך פאַרבאַהאַלטן אין אַ בונקער, וואָס כ'האָב מיר געמאַכט אין מיסט און נישט אין דער פאַרלאָזטער שטאַל. דער באַרג מיסט איז געווען אין הויף און עמיצער האָט מיר באַמערקט און מיר געמסרט צו דער געסטאַפּאָ.

ס'זענען געקומען עטלעכע דייטשן, אין דער שפּיץ פון זיי איינער אַ געזונטער, פעטער גוי, אַ בלוטדורשטיקער. ווען ער איז צו צום בונקער און האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, בין איך געווען שמוציק, צעפּאַטלט, דאַר און פאַרשטונקען. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, צוגעהאַלטן די נאָז פאַרן געשטאַנק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מיר און געזאָגט צו זיינע אונטערגעוואָר־פענע און צו די אַרומיקע אוקראַאינער, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ מאָרד הוליאַנקע :

— אַ פרוי, וואָס קעמפט אַזוי פאַר איר לעבן, דאַרף מען זי לאָזן לעבן, טשעפּעט זי נישט און לאָזט זי אָפּ.

זיי זענען אַוועק, אָבער איך האָב דאָך געמוזט אַנטלויפן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף די יידישע רעשטלעך. בין איך אַריין אין אַ קעלער, וואָס האָט זיך מיר אָנגעטראָפן. דאָרט איז געשטאַנען אַ גויע. דערזעענדיק מיך, האָט זי זיך זייער דערשראָקן און פאַרלאַנגט פון מיר באַלד צו פאַרלאָזן דעם קעלער. כ'האָב געענטפערט, אַז כ'גיי נישט. כ'האָב זי געבעטן, זי זאָל פאַר מיר גיין זען, וואָס הערט זיך דאָרט מיט מיין משפחה. דאַן וועל איך אַוועקגיין.

ס'איז אַוועק אַ שעה — איז זי געקומען און דערציילט, אַז אַלע זענען אומגעקומען. דערצו האָט זי צוגעגעבן :

— אַנטלויף פון מיר, דו ביזט נישט פאַר מיר!

כ'בין אַנטלאָפן.

אויפצומאָרגנס איז מיקולסקי געקומען צו מיר. זיין הונט האָט אים געפירט צו מיין באַהעלטעניש. איך בין נישט געווען דאָרט. כ'האָב זיך אָפּגעראַטעוועט.

אָבער כ׳בין געווען גלייכגילטיק דערצו. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן מיין לעבן. כ׳האָב געוואָלט גיין אין דער קאָמענדאַנטורע זיך איבערגעבן און אַן ענדע זאָל עס נעמען. די לעצטע וואָכן זענען געווען צו שווער צום אויסהאַלטן. כ׳האָב זיך צוזאַמענגעבראָכן. מער האָב איך שוין נישט געקאָנט דאָס אויסהאַלטן.

לויפנדיק אויפן וועג צו די דייטשן, האָב איך באַגעגנט יוהאַנען. כ׳האָב זי שוין נישט געזען עטלעכע טעג. כ׳האָב איר דערקלערט:

— כ׳האָב פאַרלוירן מיין מאַן, מיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען. וואָס טויג מיר מיין לעבן?

זי האָט מיך באַרוהיקט:

— ס׳קאָן נישט זיין, העניק דיינער איז זייער אַ פלייסיקער. ער איז באַשטימט אַנטלאָפן און לעבט. טו דאָס נישט. שטאַרק זיך און בלייב לעבן צוליב אים.

אירע רייד האָבן מיר געשטאַרקט.

*

אין יאַנואַר 1944 האָבן מיר זיך באַגעגנטביידע. מיר זענען ביידע געווען נעבעכדיק, דערפרוירענע, פאַרפרעסענע פון הונגער און געיאָגטע ווי הינט. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אין האַרצן צו בלייבן לעבן.

אין פעברואַר 1944 איז געקומען יוהאנא און געמאָלדן, אַז רוסישע פאַר־טיזאַנען זענען דאָ און געפינען זיך אין איינגאַנג פון דאָרף. מיר האָבן זיך געגרייט גיין צו זיי. אָבער די נאַכט האָבן זיי זיך אָנגעשיכורט צום טויט און די דייטשישע רעשטלעך האָבן זיי אויסגעקוילעט ביז צו איינעם.

די אומגעבונג איז ווידער אַריין אין די הענט פון די דייטשן.

מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער פון אַ געביידע. אינדערפרי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס׳ווינען דאָרט דייטשן, אַן אויסקוקס אָפּטיילונג זענען זיי געווען. אונדזער לאַגע איז געוואָרן האָפּענונגסלאָז.

מיר האָבן געוואַרט צוויי טעג. שבת האָבן מיר זיך געזעגנט און יעדער איינער איז אַנטלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג. איך בין אַריין אין אַ שטוב פון אַ פּאָלקע. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ פּאָלקע און האָט מיר איינגעאָרדנט אַלס אַ קעכין ביים גלח פון דאָרף. איינמאָל אין אָוונט האָט זי מיר דערציילט, אַז ס׳איז געווען ביי איר אַ יידישער בחור, וואָס האָט זיך געוואָלט שמד׳ן און ער האָט מיך דערקענט, און אַז איך בין זיין קרובה און אַ ייד ווי ער.

זי האָט מיך אַרויסגעטריבן:

— כ׳האָב אַ שווער האַרץ אויף יידן. זיי האָבן אונדז אויסגענוצט. זיי האָבן אונדז געליען געלט מיט געהאַקטע פּראָצענטן. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט יענעמס לאַגע.

כ׳האָב זיך געבעטן ביי איר. די געשיכטע מיט דעם בחור איז געווען אַ ריכטיקע. כ׳ווייס אפילו ווער דער בחור איז, אָבער כ׳האָב געלייקנט אַלץ שטיין און

ביין. אינצווישן איז אַנגעפאַלן די נאַכט. ס׳האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ אויף מיר און זי האָט מיך געלאָזט בלייבן ביי איר, אָבער דאָס מאָל האָט זי מיר געלייגט אין קעלער.

דעם 26־טן מערץ 1944, אין אַ פרייטיק טאָג, איז זי אַראָפּ צו מיר אין קעלער און מיר אָנגעזאָגט מיט פרייד:

— מיר האָבן געסט. די רוסן זענען דאָ.

און באַלד איז זי אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד צו מיינע פיס און זיך געבעטן כ׳זאָל איר אַלץ פאַרגעבן. אָבער איין זאַך האָט זי נאָר געוואָלט וויסן: פאַרוואָס האָב איך זי אָפּגענאַרט און נישט דערציילט דעם אמת?

כ׳האָב איר געענטפערט קורץ:

— כ׳האָב געוואָלט לעבן.

כ׳בין אַוועק אויסזוכן מיין מאַן. וווהין כ׳בין געקומען, האָב איך געטראָפן ידיעות, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן פאַר מיינעטוועגן.

דעם 27־טן מערץ 1944 האָבן מיר זיך באַגעגנט. דאָס מאָל, כדי צוזאַמען וואַנדערן אין רוסלאַנד.

פוילן, דעם ים פון מענטשלעכן שגעון, האָב איך פאַרלאָזן אויף אייביק.

גדליה רוזנברג
(זבאראזש)

א קינד פון 12 יאר אין דייטשן רעזשים

גדליה, אַ זון פון מענדל וויטקאָוויצער, געפונט זיך איצט אין זבאראזש אונטער אַ אַנדערן נאָמען. זיין דערציילונג האָט אונז איבערגעגעבן זיין קוזין.

די רעדאַקציע

אין דעם זעלבן טאָג, וואָס די דייטשן זענען אַריין קיין ווישניוויץ האָבן זיי געגומען יעקב חזן, אַ באַוווסטער סוחר פון קיישלעך אין שטאָט, אַרויפגעזעצט אים אויף אַ לאַסט וואָגן און אים געפירט איבער דער שטאָט. זיין זון פון 9 יאָר האָט דאָס געזען, איז ער נאָכגעלאָפן נאָכן אוטו מיט אַ געוויין און אַ געשריי:

— טאַטע, כ׳וויל נישט זאָלסט פאָרן. מיר וועלן זיך מער נישט זען, כ׳האָב מורא.

ווען די דייטשן האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי איינגעהאַלטן דעם אוטו, אַרויפגענומען דאָס קינד, ער זאָל זיין נעבן טאַטן און אויפן וועג קיין פּוטשאָויב האָבן זיי ביידע געהרגעט.

די מוטער איז גלייך משוגע געוואָרן.

* *
*

אַזוי האָב איך געזען דעם רעזשים אין זיין אָנפאַנג. אַלס קינד האָט מיך יאָרנלאַנג נאָכגעיאָגט דער פאַל. כ׳האָב דאָס נישט געקענט פאַרגעסן די גאַנצע צייט פון דעם חורבן. פלוצים האָב איך דערזעען, אַז קינדער זענען הפקר, קיינער וועט אים נישט העלפן אויב ער וועט דאָס אַליין נישט טאָן, און אין האַרץ האָב איך באַשלאָסן, איך מוז מיך אַליין שיצן, רחמנות האָב איך געהאַט אויף די עלטערן מיינע.

כ׳האָב געפילט פלוצים אַז מיט מיין גאַנץ ליבשאַפט צו זיי בין איך שוין ווייט פון זיי, זעלבשטענדיק, אַ מענטש פאַר זיך אַליין. 12 יאָר ערשט און אַליין, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך.

מיין טאַטע מענדל האָט געאַרבעט ביי די רוסן. ער פלעגט צוזאַמענעמען ביי די גויים קאָנטינגענטן פון תבואות, וואָס די רוסן האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אונז אין 1941 און זענען שוין געווען אין דאָרף זבינטש איז דער טאַטע אַנטלאָפן קיין קאָלאָדני מיט אַ וואָגן. ער האָט אונז אויך געוואָלט מיטנעמען, אָבער ווען ער האָט אונז נישט געפונען אין שטוב און די צייט איז געווען קורץ, איז ער אַוועק אַליין.

מיין מאַמע איז געבליבן מיט 3 קינדער, מיט מיר און מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך. דער עלטסטער זון איז געווען אין מיליטער ביי די רוסן. מ׳האָט אונז

אײַנגעשפּאַרט אין געטאָ צוזאַמען מיט אַלע, אין דעם זעלבן טאָג וואָס מען האָט געשאַפן דעם געטאָ אין ווישניוויץ.

12 יאָר בין איך אַלט געווען, פלעג איך יעדע נאַכט אַרויסגיין פונעם געטאָ, געגאַנגען 15 קילאָמעטער און געבראכט עסן פאַר מיין משפחה אין געטאָ. יעדעס מאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען דורך אַן אַנדערן וועג און זיך צוריק געקערט דורך אַן אַנדערן וועג. אַזוי האָט זיך געצויגן עטלעכע מאָנאַט. אין אויגוסט 1942, ווען כ׳בין געגאַנגען אין דאָרף און צוריק דורך דעם וועג וואָס פירט קיין זבאראזש, האָב איך באַמערקט און געזען אַז מ׳פירט אַפאָר מענטשן, טרויעריקע, אויסגע־מאַטערטע. כ׳האָב זיך באַהאַלטן און געוואַרט. כ׳האָב געזען אַז מ׳שיסט זיי. זיי זענען געווען נאַקעט, און כ׳האָב געזען, ווי זיי פאַלן געהרגעטע. דאָס איז געווען נאָך ביים אָנפאַנג פון אויפשטעלן דעם געטאָ, נישט ביים ליקווידירן. דאָס איז געווען אַ מין אויסערגעוויינלעכע אַקציע.

נישט ווייט פון דאָרט האָט אַ גויע געפּאַשעט די קו. כ׳האָב זיך צוגעגנבעט צו דער גויע און געפרעגט זי, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, האָט זי מיר מיט פּחד גע־ענטפערט און זיך איבערגעצלמ׳ט:

דאָ הרגעט מען יידן, און דו ביסט אויך אַ ייד, אַנטלויף וואָס פריער.

כ׳בין אַוועק, ווייל צו איר האָב איך אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי. כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין די תבואות, און אין אָוונט בין איך צוריק געקומען אין געטאָ.

כ׳האָב געפונען מיין מאַמע מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך, כ׳האָב צוזאַמענ־גענומען נאָך יידן, און זיי דערציילט וואָס כ׳האָב געזען, און איך אַ קינד פון 12 יאָר, האָב זיי געראַטן צו אַנטלויפן. כ׳האָב זיך געבעטן ביי זיי מיט מיין גאַנצן ברען און ערנסטקייט: יידן אַנטלויפט כל זמן איר לעבט נאָך.

מיין משפּחה האָט גענומען דאָס ביסל עסן וואָס כ׳האָב געבראַכט און מיר האָבן באַשלאָסן ביינאַכט צו אַנטלויפן.

מיר זענען געלאָפן דורך דער באלאניע. מיר, אַלע דריי קינדער, האָבן באַוויזן אַריבער׳שפרינגען דעם טייך איידער עס האָבן אונז באַמערקט די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, אָבער די מאַמע וואָס האָט נישט געקענט אַזוי לויפן און איז געווען ווייטער פון אונז האָט נישט באַוויזן צוצולויפן צום טייך.

מיר האָבן געוואַרט און פּלוצעם האָבן מיר דערהערט אַ שאָס און באַלד אַ קרעכץ.

מיר האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו וואַרטן. זי איז שוין קיינמאָל נישט געקומען צו אונז צוריק. מיר אַלע דריי, די עלטערע שוועסטער מאַניע, 14 יאָר אַלט און די קלענערע, 10 יאָר אַלט, האָבן זיך געלאָזט גיין אין דעם דאָרף ווו מיר זענען געבוירן, כדי זיך צו ראַטעווען.

אין דאָרף האָבן מיר געזען ווי די פּאָליציי נעמט צוזאַמען די פּאָר יידן אין איין פּלאַץ. האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן אַוועק פון דאָרטן, און נאָך די זעלבע נאַכט, מיד נאָך פונעם פריערדיקן וועג, זענען מיר געלאָפן קיין זבאַראזש דאָרט האָט געוווינט מיין טאַטנס שוועסטער.

אויפן וועג צווישן קאַלאַדנע און זבאַראַזש געפינט זיך אַ געדיכטער וואַלד, מ׳רופט אים „דער שוואַרצער וואַלד״. דער וואַלד האָט דאַן געצויגן אַלס גרענעץ צווישן אַמאָליקן עסטרייך און וואָלין. איצט האָט ער געהערט אינגאַנצן צו דייטש־לאַנד. אין דעם וואַלד האָט מען אונז געכאַפּט. צוויי דייטשן האָבן אונז באַגעגענט, איינער האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף זיי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. דער צווייטער האָט אונז געפרעגט:

— וווּ גייט איר דאָ אַליין?

ווען מיר האָבן אים דערציילט אַלעס און וווּהין מיר גייען, האָט ער געזאָגט צום חבר זיינעם:

— אומגליקלעכע, לאָמיר זיי לאָזן גיין, זיי וועלן במילא ווייט נישט דערגיין.

ער האָט אונז געוואָרנט, נישט דערציילן קיינעם וועגן אונזער געשפּרעך, ווײַל דאָס קען שאַטן סיי זיי און סיי אונז.

מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער און געגאַנגען קיין זבאַראַזש. נעבן טויער פון קלויסטער, ביים אַריינגאַנג פון שטאָט, האָבן אונז באַגעגענט 2 יידן פונעם יודענראַט פון זבאראזש. מיר האָבן זיי דערקענט לויטן אַרבל וואָס איז געווען באַצייכנט. איינער האָט אונז געכאַפּט און האָט געזאָגט צו צווייטן, מ׳דאַרף זיי איבערגעבן צו דער געסטאַפּאָ, דער צווייטער האָט זיך אינטערעסירט ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר קומען. מיר האָבן זיי דערציילט, אַז מיר זענען מענדל וויטקאָוויצערס קינדער. האָט ער געענטפערט:

— מענדל איז געווען אַ גוטער ייד, כאָטש ער איז געווען אַ פאַרברענטער קאָמוניסט פון שטענדיק, איז ער אָבער געווען אויך אַ גוטער ייד.

זיי האָבן אונז באַגלייט מיט אַ גוטן שמייכל און געלאָזט אונז ווייטער גיין.

אַ מאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די געסטאַפּאָ האָט מודיע געווען: ווער עס וועט זיי איבערגעבן 50 יידישע קעפּ וועט זיך ראַטעווען זיין לעבן. האָב איך מורא געהאַט טאָמער נעמען זיי אונז, כדי זיך צו ראַטעווען, אָבער זיי האָבן אונז געוויזן ווו אונזער מומע וואוינט, מיר זאָלן נישט דאַרפן לאַנג זוכן און מיר זענען גלייך אַוועק צו איר.

די מומע האָט אונז זייער שיין אויפגענומען, אונז אָנגעגעסן און נאָכהער געזאָגט:

טייערע, גלייבט מיר, אַז עס אַרט מיך נישט וואָס איר וועט דאָ בלייבן, אָבער איר זאָלט וויסן, אַז אונזער לעבן איז אין אַ סכנה, איז אויב דאָס מזל האָט אייך געשפּילט און איר זענט נצול געוואָרן ביז איצט, איז אפשר כדאי איר זאָלט גיין ווייטער, אפשר וועט אייך געלונגען און איר וועט בלייבן לעבן.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף און איין שכן אַ קריסט פון די שטונדיסטן, אַ האַרציקער און גוטער גוי, האָט אונז באַהאַלטן ביי זיך. זיי האָבן אויסגעגראָבן אין שטאַל אַ טיפן גרוב, וואָס איז גוט פאַר חזירים און דאָרט האָט מען אונז, מיך מיט מיין קלענערער שוועסטער באַהאַלטן, די גרעסערע שוועסטער מאַניע האָבן זיי איבערגעפירט קיין הורינקע צו זייערן אַ קרוב, כדי צו פאַרקלענערן די סכנה. מיין קלענערע שוועסטער איז פלוצים קראַנק געוואָרן און זייענדיק אַמאָל מיט איר אַליין אין שטאַל, האָט זי געקריגן פלוצים היץ, אָנגעפאַנגען שרעקלעך צו ציטערן. האָב איך געמיינט, אַז עס וועט איבערגיין. כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, האָב איך זי גענומען אויף מיינע הענט און געהאַלטן זי ביז זי איז געשטאָרבן. ביינאַכט בין איך אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין, אויסגעגראָבן אַ גריבל אונטער אַ בוים, אָנגעצייכנט דעם בוים פאַר אַן אָנדענק און מיט מיינע הענט זי באַגראָבן אין גאָרטן נישט ווייט פון אונזער שטוב. כ׳האָב איבערגעלאָזט אַ קליין בערגעלע פאַר אַ סימן ווו מיין שוועסטערל ליגט און געלאָפן זיך פאַרשטעקן צוריק אין מיין נאָרע אונטער דער ערד.

אינדערפרי האָבן די גוים באַלד באַמערקט דעם פרישן קבר. האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען, אַז מענדלס קינדער באַהאַלטן זיך דאָ ערגעץ אויף. זיי האָבן אָנגעפאַנגען זוכן און שפּיאָנירן נאָך אונז. די סכנה איז געוואָרן גרויס, נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר מיין גוטן גאַסטגעבער און לויט זיין עצה, האָב איך געמוזט אַנטלויפן.

ביינאַכט בין איך אַרויס. כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין הויף פון אַן אַלטן בית־קברות, נישט ווייט פון דאָרף. דעם בית־קברות האָב איך געקענט פון יאָרן. דאָרט זענען געווען נישעס געבויט אין פעלז פאַר די פּוילישע אַריסטאָקראַטן. כ׳האָב אויסגעקליבן איינע פון די נישעס און זיך דאָרט באַהאַלטן. ביינאַכט פלעג איך אַרויסגיין צו מיין בעל־טובהניק, געקריגן פון אים עסן און צוריק זיך אומגעקערט אין מיין נאָרע.

אַזוי בין איך געבליבן לעבן אַן עלנדער און אַ פאַרטריבענער, אַ געיאָגטער ווי אַ הפקר הינטל ביז די סאָוויעטן זענען אַריין. דאַן האָב איך געטראָפן מיין שוועסטער און ביידע עלנטע און פאַרלאָזענע, האָבן מיר באַשלאָסן צו זוכן אונזער טאַטן.

* * *

ווען די רוסן זענען געקומען, האָבן ווידער די בענדעראָווצעס אָנגעהויבן צו געוועלטיקן. זיי האָבן געהרגעט יעדן איינעם, וואָס איז געווען קעגן זיי, כדי צו פאַרטושן אַלע שפּאָרן פון זייער מיטאַרבעטן מיט די נאַצעס. איבערהויפּט האָבן זיי געוואָלט פּטור ווערן פון די יידן. זיי האָבן ספּעציעל געזוכט יידן, וואָס זענען לעבן געבליבן פון דעם דייטשן־אוקראַאינישן גיהנום און זיי אויסגעהרגעט. זיי

זענען אויך אַרויף אויף אונזער'ע שפּאָרן און אונז אויך נאָכשפּיאָנירט. אָבער דער גוי האָט פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיי און אונז געטויבלט אַלס שטונדיסטן. מאַניע איז צוריק אַוועק קיין האָרענקי, און איך בין געבליבן אין וויטקאָוויץ. צוויי קליינע, גוטע קריסטן זענען צוגעקומען אויף דער וועלט. די בענדערן האָבן אונז אָפּגעלאָזט. מיר זענען געבליבן לעבן.

אין דער צייט איז מיין שוועסטער אַלט געוואָרן 16 יאָר און אירע אַפּוטרופּסים האָבן באַשלאָסן זי חתונה צו מאַכן מיט אַ גוי. איך האָב זיך דערפֿון דערוווּסט פֿון איר. אַלס ברודער, בין איך דערשיטערט געוואָרן, כאָטש כ'האָב משלים געווען מיט מיין קריסטנטום, דאָך בין איך נישט מסכים געווען דערצו, ווייל דאָס וואָלט דער טאַטע נישט געוואָלט. כ'בין אַוועקגעפּאָרן קיין האָרענקע, אַרויסגע־כאַפּט זי פֿון איר טובה־טוער און זי געברענגט צו מיר.

אינצווישן איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון מיין טאַטן צו די שכנים, און דער טאַטע האָט זיי געשריבן פֿונעם פּלאַץ ווו ער האָט זיך געראַטעוועט און געבעטן זיי אַז זיי זאָלן אים אַלץ דערציילן וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיין משפּחה, אויב זיי ווייסן. זיי האָבן אים געשריבן וועגן אומגליק און אַז נאָר גדליה מיט מאַניען זענען געבליבן לעבן. איין שכנה, אַ ווייב פֿון אַ שטונדיסט, האָט אים געראַטן צו קומען און אונז נעמען איצט, ווייל ס'איז דאָ אַ סכנה פֿון די בענדערעס. אויף דעם בריוו האָט ער געענטפֿערט זיי: „אויב מיר האָבן מצליח געווען היטלערן אַראָפּצונעמען דעם קאָפּ, וועלן מיר אויך זיי, די בענדערעס, די פּליי, די רוצחים אַראָפּדרייען די קעפּלעך. איך בין דערווייל אַריבער קיין זבאראזש און די שוועס־טער איז געבליבן דאָרט מיט אַ אוקראַאינישער חברטע וואָס מיט איר האָט זי געלערנט אין שולע. זענען זיי געקומען, גענומען ביידע חברטעס און אַריינגע־וואָרפן אין אַ ברונעם. זיי האָבן מיך אויך געזוכט, אָבער זיי האָבן מיך נישט געפֿונען. אַז כ'בין געקומען ביינאַכט אַהיים, האָט מען מיר דערציילט וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען.

די אוקראַאינקע האָבן אירע עלטערן אַרויסגענומען און באַגראָבן. מיין שוועס־טער האָבן זיי געלאָזט אין ברונעם. איינער פֿון די שכנים האָט געשריבן מיט אַ טעלעגראַמע צום טאַטן אַז מען האָט געהרגעט זיין טאָכטער. דער טאַטע איז באַלד געקומען און אָנגעפֿאַנגען זוכן די רוצחים. דערווייל האָט ער אַרויסגענומען דעם קערפּער פֿון ברונעם און צייטווייליק באַגראָבן. כ'האָב אים אויך געוויזן דעם קבר פֿון דעם קליינעם שוועסטערל און דער טאַטע האָט זיי געמאַכט אַ מלוכהשע לויה. ביידע קערפּערס האָט מען באַגראָבן צוזאַמען מיט אַלע גבורים פֿון רוסלאַנד אין בית־הקברות אין זבאראזש.

ווען ער האָט מיך איינגעאָרדנט אין זבאראזש אויף אַ זיכערן פּלאַץ און איינ-געאָרדנט אין שולע, האָט זיך דאַן דער טאַטע באַפֿרייט און אָפּגעגעבן זיך מיט

הייליקן ברען צום אויסראָטן די רוצחים, די בענדעראָוועציעס און די אוקראַינעשע פּאָליציי.

ער האָט געקריגן 2 אָפּטיילונגען פון זעלנער באַוואָפנטע. מיט זיי איז ער אַוועק אין ווישניוויעצער געגנט. עס איז זיי געלונגען צו כאַפּן די מערדער און ענדיקן מיט זיי איינציקווייז, און נישט נאָר מיט די פון אונזער דאָרף, אויך אַנדערע פון אַנדערע דערפער, און דערמיט האָט ער מקיים געווען זיין נדר, אָראָפּ־צונעמען די קעפּלעך פון די מערדער, די פּליי, די בענדערציעס.

איך בין איצט מיט מיין פאָטער אין זבאראזש און האָף עולה צו זיין קיין ישראל.

מיין מאמע איז אוועק קיין פאנאר

„אַוועקגעפירט דיין מאַמען קיין פּאָנאַר"...
אַ יוגנט פריינט געבראַכט האָט מיר די בשורה,
און אויפגעברויזט האָט דאַן אין מיר דער צער:
דו לעב דיין מאַמען אויף כּאָטש אין די שורות!

אַריינגערעדט אין מיר האָט שאַרפער צער
די פעדער מיינע האָט עס אויפגעצייכנט —
מיין מאַמעס וועג פון ווילנע ביז פּאָנאַר,
און פון פּאָנאַר ביז אומבאַקאַנטע הויכן;

דאָס האָט דער ווינט איר אַש דערהויבן הויך,
און ווו האָט ער דערנאָך אַראָפּגערעגנט?
און אפשר האָט עס זיך צו מיר דערטראָגן אויך
פּאַלנדיק אין טראָפּנס רעגן.

אָט ווי אַ טרער ביי מיר דאָ אויפן האַנט,
און איך האָב נישט פאַרשטאַנען:
אַז ס'האָט אַזוי אַריינגעוואַנדערט דאָ אין לאַנד
מיין מאַמע...

י. מאזור

מיט די סאָוויעטן איןווישניוויץ און נאָך איר

שבת פאַר ראש השנה, יאָר 1939. ס׳גייען אַרום קלאַנגען, אַז די רוסן קומען אָן. מ׳האָט זיי שוין געזען אין זבאראזש, אין לאַניוויץ און זיי דערנענטערן זיך צו אונדז.

די וועכטער פון פוילישן וואַנקנדיקן רעזשים זענען אַוועק אַהיים, זיי האָבן זיך באַהאַלטן אויס פחד פאַר די אוקראַאינער און די אוקראַאינער האָבן פאַרשטאַנען דעם ווינק, זענען זיך צונויפֿגעקומען נעבן קאָסציול, אַוועקגענומען ביים מאנאך די שליסל און געוואָלט זיך אַ נעם טאָן צו די מאנאכן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער מיר אַ גרופּע יידן מיט יאשקע שטיין און מיך אין שפּיץ, האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צו די צעיושעטע אוקראַאינער און געזאָגט:

— חברה, וואָס גייט איר טאָן? יאָרן און דורות האָבן מיר געלעבט צוזאַמען מיט אייך, וואָס פלוצעם דער ריס, פאַרוואָס דאַרפט איר אויסנוצן די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז אַראָפּ אויף זיי. גיט זיי אָפּ די שליסל און גייט אַהיים. זיי האָבן דאָך באַשטימט קיין שלעכטס אייך נישט געטאָן.

אינטערעסאַנט, זיי האָבן אונז געפאָלגט, אָפּגעלאָזט די מאנאכן און זיך צעגאַנגען.

כ׳בין נאָך געווען אַ יינגל, אָבער פלוצעם איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן אַז מענטשלעכע יסודות וואַנקען, פאַרבינדונגען צווישן פעלקער הייבן אָן זיך צו טריפן און די וועלט איז שוין נישט די וואָס איז געווען. ס׳האָט זיך עפּעס אין איר דערשיטערט. אַזוי האָב איך אָנגעהויבן אַרויסווייזן איניציאַטיוו נישט לויט מיינע יאָרן. כ׳בין געוואָרן וואַכזאַם צום אַרום און וואָס ס׳געשעט אין אים.

נאָך 3 טעג, מאָנטיק. דער מאַרק־טאָג פון דורי דורות אין ווישניוויץ און אַ יריד פאַר דער גאַנצער סביבה, האָב איך באַמערקט אוקראַאינער שטראָמען צו פיל. פלוצעם האָבן זיי זיך צוזאַמענגעקליבן אויסער דער שטאָט, אָרגאַניזירט ווי צו אַ פּאָגראָם. די שטאָט האָט געשטוינט, די קרעמער האָבן געשלאָסן די געוועלבן ווי אַ זאַך ס׳מאַכט זיך, זאָלן זיי זיין פאַרשלאָסן. האָבן זיי זיך אָנעהויבן צו טשעפּן צו די קרעמער, וואָס זענען געשטאַנען נעבן די געשלאָסענע געוועלבן און געפאָדערט כּדי זיי עפענען די קלייטן. די יידן האָבן פאַרשטאַנען זייער צוועק, הגם זיי האָבן זיך געמאַכט אַזוי נעבעכדיק און ערלעכדיק און געבעטן:

— עפֿנט, מיר ווילן קויפן, ס׳איז דאָך היינט אַ יאַריד, נאָכוואָס האָט מען אונז באַמיט אַהערצו צו קומען און מ׳לאָזט אונז נישט קויפן.

די יידן האָבן נישט געעפנט. ס׳האָט זיך באַלד אָרגאַניזירט אַ שוץ־גרופּע פון שטעטישע יונגען, וואָס זענען געווען באַקאַנטע העלדן. באַלד האָבן זיי געכאַפּט

מאַשינגעווער, וואָס פּוילישע דעזערטירן זעלנער האָבן אַוועקגעוואָרפן (ס׳איז באַצייכנטווערט, אַז ווי נאָר די אוקראַינישע זעלנער האָבן אָנגעהויבן דעזערטירן און פאַרלאָזט די פּאָליאַקן, איז באַלד ערשינען אַ רוסישער פּאָרשטייער און אָרגאַניזירט די יידישע יוגנט אַלס איינהייט, וואָס איר ציל איז געווען אַוועקנעמען ביי זיי דאָס געווער און באַזוכן זייערע וואָגענס און צונעמען יעדע שטיק געווער פון זיי און דאָס קאָנצענטרירן אין איין פונקט).

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום און האָב געזען אַז אַלץ איז פּלוצעם אָרגאַניזירט. פון אַלע ווינקעלעך האָבן אַרומגעקוקט מאַשינגעווער און יידישע ייִנגלעך ביי זיי. כ׳קאָן נישט פאַרגעסן די אָריענטאַציע, די גבורה וואָס מיין שטעטעלס ייִנגלעך האָבן אַרויסגעוויזן אין טעג פון וועלטס־אָפּהענדיקייט.

די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך צעמישט, צעטומלט, זיי האָבן זיך באַראַטן וואָס אָנצוהייבן.

כדי צו העלפן זיי וואָס שנעלער אָנצונעמען זייער באַשלוס און זיך צעגיין, איז אַרויס צו זיי אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע חברה און זיי געזאָגט:

— איר זעט, מיר זענען גרייט און ס׳וועט אייך גאָרנישט נישט אַרויסקומען. ס׳לוינט זיך אייך אַהיימצוגיין רויק, ווען נישט וועלן מיר מוזן אָנווענדן געווער.

די פּאָגראָמשטשיקעס זענען נאָך געשטאַנען, זיך שרייעוודיק באַראַטן, ווי אַזוי נישט אַהיימצוגיין מיט ליידיקע הענט. אויב מ׳האָט באַשלאָסן ראַבעווען און פּאָגראָמירן דאַרף מען ראַבעווען. אָבער אַז ס׳האָבן זיך נישט געפונען צווישן זיי העלדן־וואָלאָנטירן זיך קעגנשטעלן די יידן, האָבן זיי זיך בחרפּת בושה אָפּגעטראָגן און אַוועק.

דער פאַל האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ בינטל קאָמוניסטישע ייִנגן פון שטאָט האָבן אָרגאַניזירט אייגענע זעלבסטשוץ־רינגען. כ׳בין געווען יונג און כ׳האָב נישט געקלערט נאָכצושפּאָרן דעם פאַל. כ׳ווייס אַלזאָ נישט צו באַצייכענען ווי דאָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן, צי דורך אַ באַפעל פון אויבן אָדער דורך אייגענער איניציאַטיוו. אָבער אַ דאַנק דעם איז ווישניוויץ ניצל געוואָרן פון פּאָגראָמען אויף אַ קורצער צייט.

מיר זענען אַלע געשטאַנען אויף דער וואַך, לויט אַ ריי ביי די געווער שטעלונגען, ביז די רוסן זענען אַריין. מיר האָבן פעסטגעשטעלט מיט זיך אַזאַ סאָרט צווישנצייט־רעזשים. אויף אַ מינוט האָבן די קאָמוניסטן פאַרגעסן אונזער ציוניסטישע פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן אונז מיטבאַטייליקט ווי יידן מיט יידן.

פון ראש השנה ביז יום־כּפּור האָבן מיר אַזוי אויסגעהאַלטן. מוצאי יום־כּפּור זענען די רוסן אַריין.

אין 1940 האָט מען מאָביליזירט אין מיליטער צוויי יוגנטלעכע פון אונזער שטעטל. כ׳פאַרשטיי נאָך איצט נישט פאַרוואָס האָט מען נאָר אונז צוויי מאָביליזירט, מיך מיט יצחק׳ן לייזער דעם שערער׳ס ברודער.

דאַן זענען מיר אַוועק ווייט פון שטעטל און אויף יאָרן לאַנג.

ביזן 1942 יאָר האָב איך געדינט אין דער ראָיטער אַרמיי. כ׳האָב מיטגעמאַכט פֿאַרשידענע בלוטיקע פראָנטן. נאָכדעם האָבן זיי אונז געפּסלט, זיי האָבן זיך דערמאָנט אין אונזער פּוילישער אָפּשטאַמונג. מיר זענען געוואָרן פֿאַרדעכטיקט און כיינטלעך. מ׳האָט אונז פֿאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. ס׳איז געווען אַן אַרבעט נאָענט צו די פראָנט און קאַמף ליניעס און סכנותפֿול ווי דער פראָנט אַליין. כ׳בין אַנטלאָפֿן אין אַן אַנדער אַרבעטס־פּלאַץ, ווי מ׳האָט געאַרבעט ביי צוקער בוראַקעס. דאָרט האָב איך געאַרבעט חדשים לאַנג.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרענדיקן און כ׳האָב אָנגעהויבן קלערן פֿון פאָרן קיין פּוילן. כ׳האָב געפּאַקט אַ ציגיינער, אַ זעלטענער מאָלער און גראַפֿיקער, וואָס האָט געלעבט פֿון „גוצלעכער״ קונסט און ער האָט געמאַכט פֿאַלשע פּוילישע בירגער־שיינען פֿאַר זעקס יידן, אויסער מ׳יר, קאַרדאַשן פֿון ראָווגע, לוסגאַס יהושע פֿון קראַסנע (זיי זענען ביידע נאָכהער געשטאָרבן פֿאַר הונגער פֿאַר מיר אין די אויגן), הולצער רוזיע (איצט אין חולון), פֿאַר גאָלדשטיין פֿון סטאַניסלאַוו דער סאַניטאַר אונזערער, פֿאַר אַ דאָקטער פֿון קאָלאָמעיע אַ געוויסער אַדוואָקאַט און נאָך איינער, וואָס זייערע ביידע נעמען האָב איך פֿאַרגעסן. דעם לעצטן וויל איך נישט דערמאָנען, ווייל ס׳איז אַ סברה, אַז ער האָט אונז אויסגעגעבן און פֿאַראַטן, און אַ דאַנק אים האָט מען אונז פֿאַרשיקט קיין ס׳ביר און אויף לאַנגע יאָרן.

דאַן האָט מען אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירן באַטאַליאָנען פּויליש מיליטער און זיי איבערפֿירן אויף פֿאַרשידענע פראָנטן אין פּוילן.

מ׳האָט פּלאַנירט אַז ס׳זאָל זיין אַ לעגאַלער אַרויספֿאָר פֿון רוסלאַנד איידער ס׳ווערט צו שפּעט. כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס, אָבער כ׳האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מיר וועלן דאָ צוגאָרנישט צוקומען, נ׳שט אין אונזער פּריוואַט לעבן און נישט אין געזעלשאַפֿטלעכן. דאָס געפֿיל איז געווען כמעט באַזיר׳ט. די באַציאונג צו אונז סיי פֿון דער רעגירונג און סיי פֿון די בירגער איז געווען ווי צו אינערלעכע שונאים, וואָס איז כדאַי פּטור צו ווערן פֿון זיי. מיין טרוים איז געווען איבער־צוגיין מיט די פּוילישע באַטאַליאָנען קיין פּוילן און פֿון דאָרט עולה זיין קיין ישראל.

אין מיטן גרייטן זיך צום אַרויסגיין, וואָס איז געווען, ווי כ׳האָב פֿריער גע־זאָגט, הונדערט פּראָצענט לעגאַל, האָט מען אונז פֿאַרהאַלטן אָן אַ סיבה, דעם 21.4.43 האָט מען אונז אַרעסטירט און מיך האָט מען געשיקט קיין אַלמה־אַטה, וואָס געפֿינט זיך אין קאַזאַכסטאַן, פֿון דאָרט האָט מען מיך געשיקט קיין טאַש־קענט. אין טאַשקענט האָב איך געטראָפֿן דזשיגאַן מיט שומאַכער און צוזאַמען האָט מען אונז איבערגעפֿירט קיין אַקטיובינסק אין קאַזאַכסטאַן, אין אַ לאַגער פֿון 12,000 מענטשן. דער לאַגער איז געווען צוטיילט אויף דרייען, מענער, פֿרויען און קראַנקע.

אין דעם לאַגער זענען מענטשן געשטאָרבן ווי פֿליגן פֿון הונגער און פֿון גלייכגילטיקייט צו מענטשן. 8 מאָנאַט בין איך דאָרט געווען ביז צום משפּט, וואָס

מ׳האָט אָנגעגעבן קעגן מיר, אַלס געוועזענער ציוניסט. דער משפט איז פאָרגע־קומען אין מאָסקווע, איך בין איבערגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע צום געריכט.

דעם 13 נאָוועמבער האָט מען געקריגן דעם פסק־דין. דער פסק־דין איז געווען קעגן מיר און נאָך אַנדערע חברים, וואָס האָבן מיט מיר מיטגעאַרבעט, כלומרשט.

מיר האָט מען געפסקנט 10 יאָר. די איבעריקע — יעדן צו 8 יאָר. דאָס וואָס זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר זיי, האָט געוויזן אַז ס׳איז געווען אַ מסירה.

אָפיציעל האָט מען מיך באַשולדיקט אין:

איך בין געווען טיכטיק אין קאָנטרעוואָלוציע, איך האָב אָרגאַניזירט די „ציוני־ניסטישע אָרגאַניזאַציע” וואָס זי איז מסכן די עקזיסטענץ כונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער רעזשים.

מ׳האָט מיך באַלד געשיקט אין צפון אוראַל. מיר זענען געפאָרן מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט, מ׳האָט זיך געוואַלגערט אין אָן מענטשלעכע באַדינגונגען, און ערשט אין אַ מאָנאַט אַרום זענען מיר אָנגעקומען צו דעם גזירה פּלאַץ. אויפן וועג האָבן מיר באַוויזן צו זיצן אין טורמע אין טשעלאבינסק, דאָס איז געווען אַ פאָרשוס פאַר סיביר, בכדי מיר זאָלן פאַרשטיין וואָס דאָרט וואַרט אונז.

זיי האָבן אונז אַרעסטירט צוליב דעם, ווייל מיר זענען אַזוי אונטערנירט אַז זיי האָבן אונז געוואָלט ברענגען צו אַ בעסערן געזונט צושטאַנד, ווייל אַנדערש האָבן מיר נישט געקענט ממשיך זיין. אין אונזער וועג פון דאָרט זענען מיר איבערגעגאנגען אין אַן אַנדער טורמע אין סבערלאָווסק, פון דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אוראַל.

אין דער נסיעה זענען מענטשן געפאַלן, געשטאָרבן פון הונגער און אויך דערפון וואָס זיי האָבן נישט געהאַט גענוג קליידער אין דעם שרעקלעכן פראָסט, וואָס איז דאָרט געווען דאַן. כון 200 מענטשן, וואָס מיר זענען געווען, איז אַ דריטל געפאַלן, און ווען מיר זענען שוין אָנגעקומען און מ׳האָט אונז צוטיילט אויף גרופּן זענען ווידער געשטאָרבן מענטשן. פון מיין גרופּע, וואָס האָבן געציילט 26 מענטשן זענען 24 געשטאָרבן, מיר זענען געבליבן בלויז צוויי.

✶

פון אָנפאַנג האָבן מיר געאַרבעט אין סטאָליאַרניע. שפּעטער, צוליב מיין געזונט צושטאַנד, האָט מען מיך איבערגעפירט צו מיין פאַך, כ׳האָב געאַרבעט אַלס שער׳ער אין לאַגער.

ווען כ׳בין אָנגעקומען אין לאַגער בין איך געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן עסן אין לאַגער האָבן געגנבעט די פּראָדוקטן און ס׳איז נישט געווען וואָס צו עסן. איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַז כ׳האָב זיך נישט געקענט פאַרטראָגן, כ׳האָב נישט געקענט אַרויפגיין אַפילו אַ פּאָר טרעפּ אין שפּיטאָל. יעדעס מאָל ווען כ׳האָב געדאַרפט אַרויפגיין און אַראָפּגיין, בין איך גע־קראָכן אויף אַלע פיר. אין דעם שפּיטאָל בין איך געלעגן מיט אַ דיזענטעריע און

פּילגרה און לויט אַלע אויסזיכטן און ערפאַרונג פונעם שפּיטאָל, האָב איך געדאַרפט שטאַרבן. איך האָב געוווסט מיין לאַגע און געווען גרייט צום שטאַרבן, אָבער ס'איז געשען אַ נס און כ'בין געזונט געוואָרן. דאָ געזונט ווערן נאָך דער פּילגרה, איז באַגלייט מיט אַ שוואַכקייט און שרעקלעכע ווייטאָגן, אָבער מ'האָט דאָס געפּיל אַז מ'קערט זיך צוריק אום צום לעבן.

ווען כ'בין אינגאַנצן געזונט געוואָרן, האָב איך זיך געדאַרפט צושטעלן צו אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים. זיי האָבן מיר פעסטגעשטעלט אַן ערשטע קאַטעגאָריע געזונט צושטאַנד, כאָטש מיין געפּיל איז געווען אַ שווערער. מ'האָט מיך געשיקט אין לאַגער, דאָרט האָט מען מיך באַשעפטיקט מיט אומוואַרפן ביימער אין וואַלד.

אין דעם לאַגער האָב איך געאַרבעט אַ חודש צייט מיט מיינע גרעסטע אָנשטרענגונגען, און שרעקלעכע באַדינגונגען, פשוט נישט צום אויסהאַלטן. אין משך פון טאָג האָט מען געהאַקט ביימער און ביינאַכט אָנלאַדן וואַגאָנעס, און עסן איז נישט געווען, נאָר ברויט וואָס מ'האָט איינגעווייקט אין וואַסער. די גוטע פּראָדוקטן האָבן די קאָמיסאַרן צוגעגנבעט און פאַרקויפט. זיי האָבן געפרעסן און געווען נאָך מער ווי זאַט, און אונז, די „פּראָלעטאַריער", ברידער צו איין אידעאָלאָגישער מיינונג, זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער.

איך בין ווידער צוגעקומען צו אַ לאַגע אַז די כוחות האָבן זיך מיר אויסגעלאָזט, כ'האָב געזען אַז מיין לעבן ענדיקט זיך, ס'איז מיר אַלעס נמאס געוואָרן, כ'בין אַריין אין אַ דעפּרעסיע, כ'האָב געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, כ'האָב דאָס געמאַכט אויף אַזאַ אופן, ווען כ'האָב געקאַטשעט אַ שווערע שטשאַפּע־האָלץ אַרויף אין די וואַגאָנעס אַריין, האָב איך געכאַפּט איין שטיק האָלץ, וואָס האָט געוואויגן 500 קילאָ, אויפגעהויבן דאָס מיט מיינע לעצטע כוחות, אין דער הויך פון וואַגאָן, געהאַלטן אין דער לופט, נישט געקענט דעצידירן, און ביים סוף ווען די כוחות האָבן מיך פאַרלאָזט, די הענט האָבן מיר געציטערט, און די קניעס האָבן זיך מיר געטרייסלט, מיין אָנשטרענגונג איז געוואָרן שוואַכער. כ'האָב באַשלאָסן אָפּצולאָזן דעם קלין, וואָס פאַרהאַלט און לאָזן דאָס שווערע האָלץ זאָל זיך אַראָפּגליטשן אויף מיין קערפּער און מיך צעקוועטשן, און אַזוי ענדיקן מיט מיינע ליידן און פאַרמיידן נאָך שווערערע ליידן, וואָס זענען געשטאַנען פאָר.

צו מיין מזל האָב איך צעקלאַפּט דעם קאָפּ אין איינע פון די באַן ליניעס, כ'האָב פאַרחלשט און אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם וואַגאָן. דער אָפּגעהאַקטער ריזן בוים האָט דערווייל אַראָפּגעקאַטשעט אונטן און אַ שרעקלעכן דונער געטאָן, געבליבן שטעקן אין דער ערד און שטיין געבליבן גלייך, און איך בין געראַטעוועט געוואָרן.

גלייך האָט מען מיך גענומען אין שפּיטאָל מיט מיין צעקלאַפּטן קאָפּ און אויך כ'זאָל אַביסל קומען צו זיך. מיין קאָפּ איז געווען געשוואָלן, דער ווונד איז געווען גרויס און איך האָב געהאַט געפערלעכע ווייטאָקן. מ'האָט מיר געגעבן 3 טעג פריי כ'זאָל זיך אויסרוען און גיין ווידער צו דער אַרבעט. נאָך דריי טעג האָבן די ווייר־

טאָקן נישט אויפגעהערט, מיינע נערוועז זענען געווען שוואַך, כ'האָב זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן, אַ טומאַן האָט זיך געדרייט ביי מיר אין קאָפּ, און כ'בין געווען אינגאַנצן מבולבל.

אָבער כ'בין צוגעקומען צו דער מיינונג מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז כ'קען מער נישט געשיקט ווערן צו דער אַרבעט אין וואַלד, ווייל כ'וועל דאָס נישט אויסהאַלטן אַפילו איין טאָג נישט. זיי אַליין האָבן זיך דערשראָקן פון זייער באַהאַנדלונג, וואָס זיי געבן מיר און האָבן זיך גערעכנט מיט מיין לאַגע און מיך איינגעאָרדנט אין באָד פון דעם לאַגער אַלס וועשער.

נאָך צוויי וואָכן בין איך געשיקט געוואָרן אויף אַ פּלאַץ, דאָרט האָט מען קאָנצענטרירט אַלע נערוון־קראַנקע, דאָרט בין איך געווען די גאַנצע צייט אונטער אַן אויפזיכט פון דאָקטוירים. ס'איז מיר נאָר אַביסל בעסער געוואָרן, האָט מען מיך גלייך געשיקט אַרבעטן צוריק אין וואַלד.

אינצווישן האָט זיך די מלחמה געענדיקט און איך האָב ממשיך געווען מיין אַרעסט. אין 1949 בין איך שוין געווען אינגאַנצן געזונט, האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אין אַ וואַלד. דאָרט האָט אָנגעפירט מיטן וואַלד אַ פּוילישער גוי, אַ געבוירענער אין דניעפּראָפּעטראָבסק, וואָס האָט ספּעציעל גוט באַהאַנדלט די יידן. מענטשן האָבן געגעבן אָנצוהערן אַפילו, אַז ער איז אַ ייד, אָדער ער שטאַמט פון יידן.

ער האָט מיך גענומען צו זיך און לעבן אים בין איך געזונט געוואָרן אינגאַנצן. עסן איז געווען גענוג דאָרט, און מיין לאַגע איז פיל בעסער געוואָרן.

אין דעצעמבער 1949 איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זאָל מען אָפּזונדערן פון אַנדערע אַרעסטאַנטן און זיי שיקן אין אַ ספּעציעלן לאַגער אין סרגנדער, דאָס איז געווען אַ קאָנצענטראַציע לאַגער פון פּאָליטישע פאַרברעכער.

לויט די אינסטרוקציעס פון דעם לאַגער, זענען מיר געגאַנגען די זעלבע קליידער ווי די אַרעסטאַנטן און נומערירט אַלע ווי זיי. בייטאָג האָבן מיר געאַרבעט ביי בויען הייזער און 10 אַזייגער האָט מען אונז פאַרשלאָסן אין די הייזער. דאָס איז געווען אַ רוסישער איינפאַל. מיר זענען נישט געווען קיין טורמע אַרעסטאַנטן נאָר שטוב אַרעסטאַנטן.

אין די שטובער זענען מיר געווען פאַרשלאָסן ביז 7 אינדערפרי, פון 7 ביז 10 האָט מען נישט געטאָרט זיך דרייען אין גאַס, דאָס אַלעס בכדי מ'זאָל אויסמיידן מיר זאָלן שאַפן אַ מסוכנע פּאַרטיי קעגן רעזשים. אויסער דעם איז דאָ דאָס אַרט לעבן נישט געווען אַזוי שלעכט, עסן איז געווען צו דער זאַט, און דאָס האָט אויך משפּיע געווען צום גוטן אויף אונזער געדאַנקענגאַנג.

אין דעם לאַגער זענען אויך געווען אוקראַינער בענדעראָווצעס, זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס, זיי האָבן אויך געהייסן „פּוילישע אַרעסטאַנטן”, אייגנטלעך זענען זיי געווען געוויינלעכע באַנדע רויבערס, און אויך דאָ אין לאַגער

זענען זיי געווען אַ פֿאַראייניקטע באַנדע. זיי פֿלעגן אַרויסגיין פֿון די שטובער, צוטיילן זיך אין גרופּעס, אַרומגעשלעפּט זיך אין די שעה׳ן פֿון 7—10 ביינאַכט ווען די גאַסן זענען געווען ליידיק פֿון מענטשן, און דאַן האָבן זיי געהרגעט מענטשן, צוליב דעם, וואָס מ׳האָט זיך כלומרשט נישט ריכטיק באַגאַנגען מיט זיי. אַזוי האָבן זיי פֿאַר מיינע אויגן געהרגעט דעם יידישן שרייבער אינגל. מיט אַ האַק האָבן זיי אים געקלאַפּט און אים געלאָזט ליגן אַ טויטן.

אין לאַגער מיט מיר זענען געווען יידן באַוווסטע, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן מיטן באַוווסטן פּראָגראַם 58. ס׳איז געווען פּראָפעסאָר עמדין, אַן אייניקל פֿון ר׳ יעקב עמדין. ער איז געווען אַ גאון, אַ פּעדאַגאָג אין לענינגראַד. ס׳איז אויך געווען דאָרט אַ רעפערענט־דאָצענט פֿון היסטאָריע, קאַנטאָר שמואל איז געווען זיין נאָמען, אויך פֿון לענינגראַד. אים האָט מען אַרעסטירט יום־כּפּור, ווייל ער האָט מיט 2 חברים, אויך יידן, געטרונקען אַ לחיים און געזאָגט „לשנה הבאה בירושלים״. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער פֿון זיי איז געווען אַ מוסר און דער דוצענט האָט באַצאָלט טייער פֿאַר זיין גרויסן זינד. נאָך געדענק איך דעם שרייבער אושרוביץ הירש פֿון ווילנא, דער יידישער דיכטער מאָטל גראַביאַן, וואָס באַטייליקט זיך היינט אין רעדאַגירן די „סאָוועטישע היימלאַנד״. ער שטאַמט פֿון מינסק און איז געווען אוטשיטל, אַ ייד אַ תלמיד חכם און אַ טיפּזיניקער פֿון בעסאַראַביע, אַ באַוווסטער העברעאישער לערער איז ער געווען. ווייסט אויס אַז דאָס איז געווען זיין גרויסער חטא, וואָס ער איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער העברעאישער שפּראַך.

אין 1952 האָט מען מיך איבערגעפֿירט פֿונעם לאַגער קיין אקמולינסק אויף אייביק. דאָס איז געווען אַ לאַגער פֿאַר „פֿאַרמשפּטע אויף אייביק״, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, נאָענט צו ווישניאָווסקער גובערניע אין דרום סיביר. מיין משפּט איז נישט פֿאָרגעקומען און ביז היינט ווייס איך נישט פֿאַרוואָס האָבן זיי פֿאַרשטאַרקט מיין שטראָף. מ׳האָט מיר געגעבן אונטערצושרייבן, כ׳האָב איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל און דאָרט איז געווען געשריבן אַז אַלעס ווערט געטאָן מיט מיין וויסן און הסכמה.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין ברירה און אונטערגעשריבן. כ׳בין געווען גלייכגילטיק צו מיין גורל און פֿאַרצווייפֿלט, און נישט איינמאָל האָב איך באַדויערט וואָס ס׳איז מיר נישט געלונגען דער זעלבסטמאָרד.

אין 1956 האָט מען מיך באַגנעדיקט, לויט כרושטשאָב׳ס באַפֿעל און כ׳בין געבליבן וואוינען אַלס פֿרייער בירגער. פֿון דאָרט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו פֿאָרן אויף אַ וויזיט קיין ווישניוויץ.

כ׳בין אָנגעקומען קיין דובנה מיט דער באַן, פֿון דאָרט מיט אַ טעקסי קיין קרעמעניץ. אויף דער ווישניוויצער ראָגאַטקע בין איך געשטאַנען אפשר אַ שעה און נישט געזען קיין איין ייד דורכגיין דורך מיר. כ׳האָב נישט געהאַט ווען

עפעס צו פרעגן. כ׳בין געווען געפלעפט, כ׳האָב געוווּסט וועגן דער קאַטאַסטראָפע, אָבער כ׳האָב נישט געגלויבט אַז ס׳איז נישט געבליבן קיין יידן מער. כ׳האָב נישט געגלויבט אַז אין קרעמעניץ וועל איך נישט טרעפן קיין איינעם פון אונזערע ווישניוויצער יידן.

פלוצים איז דורכגעגאַנגען אַ פרוי. אין דעם גאַנג האָב איך דערקענט אַז זי איז אַנדערש ווי די אַנדערע וואָס גייען דאָ דורך מיר. כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָס איז אַ יידישע פרוי. כ׳האָב פאַרפירט מיט איר אַ שמועס און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז פון קאַטערבורג און זי איז געבליבן מיטן מאַן אין קרעמעניץ, ער איז אויך פון קאַטערבורג. זיי האָבן שטענדיק געחלומט צו זיין אין קרעמעניץ, אין אַ גרויסער שטאָט, און איצט האָט זיך זייער חלום פאַרווירקלעכט, אויף מער האָבן זיי נישט געטרוימט. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין ווישניוויץ איז נישט געבליבן קיין איין ייד, אויסער מילער און צבי׳ שגר. לויט זי זאָגט, זענען אין קרעמעניץ אויך מער נישטאָ קיין ווישניוויצער. כ׳האָב נישט געוווּסט וועמען זי מיינט. כ׳בין געווען ביי זיי אַ פּאָר שעה און געפאָרן קיין ווישניוויץ.

פאַרנאַכט בין איך אַרויסגעפאָרן מיטן אויטאָבוס קיין ווישניוויץ און אין אַ האַלבע שעה בין איך געווען אין מיין שטעטל. איך בין נישט פון די מענטשן, וואָס ווער אַזוי שנעל גערירט, אָבער די נסיעה האָט געווירקט אויף מיר, וועל איך אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. ווען כ׳האָב געהערט אַז איינער האָט אין אויטאָבוס אַ געשריי געטאָן, דאָ איז ווישניוויץ, האָב איך נישט געוווּסט וווהין כ׳בין אַנגעקומען. כ׳האָב פלוצים דערזען, אַז ס׳איז נישטאָ אונזער שטאָט, ס׳איז קיין זכר נישט געבליבן פון איר.

נישטאָ מער ווישניוויץ, נעלם געוואָרן.

כ׳האָב געפונען אַז ס׳איז געבליבן אַ פּאָר געציילטע שטובער, אין איין שטוב וואוינט אברהם רוזנבוים, ביי אים בין איך געבליבן נעכטיקן און צומאָרגנס בין איך געגאַנגען זען וואָס איז געוואָרן פון ווישניוויץ.

כ׳בין אָנגעקומען אין דער שול גאַס. אַלע שטובער זענען נעלם געוואָרן, נישטאָ, נאָר די הייליקע שול אונזערע, דאָרט איז איצט געווען אַ טורמע דאָס יאָר, נאָכהער האָבן זיי פאַרוואַנדלט די שול אין אַ געוויינלעך הויז צום וואוינען. מ׳האָט דערפון געמאַכט 3 שטאָק און צימערן אין יעדן שטאָק. די אַלע אַנשטאַלטן פון דער שטאָט האָט מען איבערגעפירט אין אַ אַנדער שטאָט און די טורמע האָט מען מבטל געמאַכט.

ס׳איז געבליבן אויך די „תרבות״ שולע, וואָס אַלע געדענקען זי. אין דער זבאראזשער גאַס איז געבליבן שטובער פון י. קמצן, י. גון (יידל הון), מאזורס שטוב און בערעלע משה אַהרונס שטוב, אויך משה יוסף געלערס שוויגערס שטוב און די שטוב פון די ברידער שמואל רייזלס. כ׳בין געבליבן אין ווישניוויץ, געפאָדערט מ׳זאָל באַפרייען די שטוב אונזערע און אַלס איינציקער יורש פאָדערן

דורך משפט די רעכט אויף איר. נאָך 3 מאָנאַטן האָב איך געווינען דעם משפט, כ׳האָב פאַרקויפט די שטוב און אַרויסגעפאָרן קיין זבאראזש.

איידער כ׳בין עולה געווען קיין ישראל, האָב איך ווידער באַזוכט ווישניוויץ. איצט האָב איך געפונען ענדערונגען. דער זאַמעק איז באַנייט געוואָרן און ער איז איצט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. אין שאָט בויט מען שטאָקיקע הייזער און זי איז באַזעצט געוואָרן. פונעם קאָשציול איז נישט געבליבן קיין שפּאָר. נאָכן אויס־רייניקן די שטאָט פון יידן, גייט איצט ווישניוויץ איבער אַ אויסרייניקונג פון פוילישקייט. אויף דעם זאַמעק זעען זיי ווי אַ רוסיש פאַרמעגן, און לויט דעם האָט מען אים געריכטעט.

עפּעס וועגן סאָוויעטישער מענטשלעכקייט

אין 1946 אין חודש פעברואַר, ס׳איז 40 גראַד קעלט, האָט מען אונז צוזאַמען גענומען און געוואָלט שיקן צו דער אַרבעט. מיר האָבן נישט מסכים געווען, ווייל מיר זענען געווען אויסגעהונגערט און פאַרמאַטערט. איז אַריינגעקומען אַ קאָמאַנ־דיר, אין דער ראַנגע פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס איז באַוווסט געווען אַלס גרויסער אַנטי־סעמיט און שלעכטער מענטש. ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר און געזאָגט זיין סעקרעטאַר צו פאַרשרייבן מיר אַ ראַפּאָרט, פאַר אומבּרענגען רעגירונג פאַרמעגן. כ׳האָב קאַליע געמאַכט אַ מאַטראַץ אָדער אַ קאָלדרע, אַזוי האָט עס געהייסן. פאַר־שטענדלעך אַז ס׳איז נישט געווען ריכטיק, אָבער אַזוי האָט ער געזאָגט, בכדי צו באַרעכטיקן מיין אַרעסט, אָדער די שטראָף וואָס ער האָט געוואָלט אַרויפלייגן אויף מיר. איך האָב אויסגעטאָן מיינע קליידער און געוואָרפן זיי אים פאַר די אויגן און געזאָגט: נעם זיי און גיב דאָס דיינע קינדער אַ מתנה.

דאָס האָט אים נאָך מער אויפגערעגט און ער האָט געגעבן אַ באַפעל מיך אויסטאָן אינגאַנצן נאַקעט און אַרויספירן מיך אין גאַס. דאָרט זענען זייביידע געשטאַנען און געטריבן מיך אין פראָסט און שניי הונדערטער מעטער, אַהין און צוריק, און שפּעטער האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין טורמע אין קאַרצער און פאַרמאַכט מיך אויף אַ גאַנצער נאַכט.

אין קאַרצער איז געווען קאַלט, ווינטן האָבן געבלאָזן פון אַלע זייטן. אַ קליי־נער אויוון איז געשטאַנען, אָבער זיין פייער האָט שוין לאַנג נישט געברענט. איך האָב זיך אָנגעקלאַמירט אין אייוועלע, געגאָסן פון זיינע קראַטעס, וואָס זענען געווען עטוואָס וואַרעם. אַזוי בין איך אָפּגעקומען די גאַנצע נאַכט, האַלב שלאָפנ־דיק נאַקעטערהייט אָן אַ באַדעק צו מיין קערפּער, געשלאָפן און מורא געהאַט שלאָפן, כדי נישט פאַרפרוירן ווערן.

* * *

דעם 15־טן פעברואַר 1951, אין איינעם פון די טרויעריקע אָוונטס, האָב איך געשפּילט אַ שאָך מיט טשערנאָוויצער יידן, אין דעם איז אַריינגעקומען דער לאַגער

אויפזעער אַנטונוב, אַ ראַסן אַנטיסעמיט, ער האָט זיך אויפגערעגט און געשריען אַז מיר שטערן די רו פון די מענטשן מיט אונזער שפּילן און אונז אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער. די פאַל איז געווען פון בעטאָן, מיין פאַרטנער האָט געהאַט וואַליקעס אויף די פיס און געווען גוט אָנגעטאָן, אָבער איך, וואָס האָב געאַרבעט אין שוויץ באָד, בין געווען לייכט געקליידעט, מיט לייכטע שיך, האָב דאָס שנעל אָפּגעפילט. נאָך אַ האַלבע שעה האָבן מיינע פיס אָפּגעפרוירן, כ׳האָב געפילט, אַז כ׳פאַרליר זיי. האָב איך זיך אָנגעשטרענגט מיט מיינע לעצטע כוחות און אָנגעהויבן לויפן אַרום די ווענט פון קליינעם קאַרצער, כדי צו דערוואַרעמען מיינע פיס.

אַזוי בין איך אָפּגעלאָפן פון 9 אַזייגער אָוונט ביז 6 אינדערפרי, ווען מ׳האָט מיך גערופן צו דער אַרבעט.

ווען נישט דאָס, וואָס זיי האָבן מיר געדאַרפט צו דער אַרבעט, ווער ווייס צי זיי וואָלטן זיך דערמאָנט אין מיר און כ׳וואָלט געענדיקט מיין לעבן אין קאַר־צער אָן שום זינד און פאַרברעכן.

כ׳מיין מ׳רעדט נאָר פון נאַציס — און וואָס איז מיט די רוסן?

משה סגל (הערש מתיסעס)

פון איין גיהנום אין צווייטן

דער ערשטער סעפטעמבער 1939, דער טאָג פון מלחמה אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און פוילן האָט מיר געטראָפן ביים טאַטן אין שטוב, אין ווישניוויץ, ווו כ׳האָב פאַרבראַכט מיין זומער וואַקאַציע. אויף די גאַסן זענען אויפגעקלעפּט מודעות, וואָס רופן די יאָר־גענג זיך מאָביליזירן אין קרעמעניץ, די ראַיאָן שטאָט אונדזערע. אָבער פוילן קאָן בישט אויסהאַלטן די בליץ אַטאַקן פון די דייטשן, און ס׳נעמט נישט אָן קיין סך און פוילן פאַלט אַוועק מיט איר רעזשים צוזאַמען.

די פוילישע רעגירונג, אַנטלויפנדיק קיין רומעניע שטעלט זיך אָפּ אין קרעמעניצער ליצעאום. מיט איר צוזאַמען לויפן אויך דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס, די עלטערע באַאַמטע און אַנדערע. דער וועג קיין קרעמעניץ ווימלט מיט פּראַכט־מאַשינען, וואָס פליען אין זייער פולער שנעלקייט, אַראָפּ אַראָפּ צו דער דרומדיקער גר׳ענעץ. צווישן זיי געפונען זיך געצייילטע יידישע פליטים, באַרימטע זשורנאַליסטן. אין ווישניוויץ פאַרהאַלטן זיי זיך אויף אַ קלייניקן אָפּרו אין דער געביידע פון „תלמוד תורה״, וואָס איז די שטוב פון לייבקע טשאטשקא. אייניקע שטאָט מענטשן, פון די אַקטיווע טוער, האָבן זיך דערוווּסט וועגן די פאָרנעמע פליטים, שטאַטן אָפּ ביי זיי אַ קורצן באַזוך פול מיט סוד און טאַקט.

די ידיעה וועגן דער דייטשישער באָמבאַרדירונג פון קרעמעניץ און וועגן די ער׳שטע יידישע קרבנות, מאַכט די סכנה וואָס דערנענטערט זיך מער קאָנקרעט און וועקט אויף שרעק און פאַניק. די טרויער׳יקע מעלאָדיעס וואָס הערן זיך אין די ראַדיאָ אַפּאַראַטן, און דאָס אָנאויפהערלעכע אויפרופן די פוילישע זעלנער זיי זאָלן „בעסער צילן״, גיט נאָך צו מער טרויער און אומעט.

ביים ענדע איז אויך דער ראַדיאָ אַנטשוויגן געוואָרן.

* * *

דאָס שטעטל איז איינגעהילט אין פינסטערניש, אַזוי זעט זי אויס נאָך מער פאַרלאָזט און פאַריתומט. די פּאָליציי מיט די היגע, ביז איצטיקע הערשער, זענען פאַרשוווּנדן. גויים, פויערן פון דער געגנט הויבן אָן פלוצעם אַרומשמייען אין שטאָט מיט זעק אונטער די אָרעמס. זיי האָבן דערשמעקט דעם ריח פון הפקר און פאַרלאָזט פאַרמעגן. ס׳טראָגט זיך אַ פּאָגראָמעלע אין דער לופט.

פאַרנאַכט זאַמלט זיך אויף די משפחה שטילערהייט ביים אַריינגאַנג. מ׳וויל זיין צוזאַמען ווען עס טונקלט, מ׳וויל זיך צוהערן, אויפפּאַסן, אויסטוישן שטילער־הייט מיינונגען מיט שכנים איבער דעם וואָס האַלט ביים געשען. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט שרעק וועגן דער צוקונפט.

די בשורה פלוצעם, אַז די רוסן קומען, ענדערט די גאַנצע ווירקלעכקייט. ריכטיק, די ערשטע צוויי וואָס זענען אָנגעקומען צו דער פּאָסט, זענען רוסישע

אָפּיצירן. אַרומגערינגלט מיט אַ ריזן־מאַסע מענטשן, שטעלט זיך אַרויף איינער פֿון זיי אויפֿן דאַך פֿון דער מאַשין און פּרעדיקט הייס פּעלקער־ברודערשאַפֿט. ער ווייזט אָן אויף דער צייט, ווי אויף דער עפּאָכע פֿון שקלאַפֿן־פֿעלקער באַפֿרייונג און דער אויסגעשטרעקטער „ברודערלעכער האַנט" פֿון די רוסן צו די אוקראַינער און ביעלארוסן, כּדי צו באַפֿרייען זיי פֿון דעם פּוילישן יאָך. אַפּלאָדיסמענטן און הוראַ אויסגעשרייען פֿון די אַרומיקע, באַגלייטן זיינע ווערטער.

די גאַסן אין שטיבער זענען ווידער באַלויכטן. די אוקראַינישע באַפֿעלקערונג, נאָר זי אַליין, פֿאָרמירט זיך אין אַ סימפּאַטיע־דעמאָנסטראַציע וואָס שפּאַנט צום זאַמעק. די שטעטישע יידן, אָנגעלערנטע נעבעך מיט דער פּראַקטיק פֿון אַזעלכע ענלעכע געשעענישן פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט, באַציִען זיך מיט רעזערוו צו דער פֿרייד דעפּילאַדע.

די שאָוויניסטישע לידער, וואָס עס זינגען די אוקראַינער דערמאָנען טרויעריקע קלאַנגען פֿון די נישט ווייטע נאָך טעג און ברענגען אַרויף דעם אָנדענק פֿון פּעטלורא מיט זיינע באַנדעס.

דער כאַאָס הויבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן. די גמינע געביידע פּילט זיך אָן צוביסלעך מיט יידישע אָנגעשטעלטע, וואָס זיצן ביי די ביוראָ טישן און טוען נישט גאָרנישט. די געטרייע פֿון נייעם רעזשים וואָס זענען אַרויס פֿון זייער אַנלעגאַליטעט זענען טעטיק, צופֿיל טעטיק. ס'אָרגאַניזירט זיך אַ „קאָמסאָמאָל" פֿון בלויז יידישער יוגנט. יידישע טעכטער זוכן זיך צו חברן מיט אוקראַינקעס פֿון זייער עלטער. די גויישע שפּראַך הערט זיך רוישנדיק אין גאַס. די פֿעלקער ברידערלעכקייט גייט אַרויס פֿון די כּלים.

אַ מיליטערישע אָפּטיילונג מיט איר פֿולער שווער־אַמוניציע קומט אָן אָנאויפֿהערלעך פֿון טאַרנאָפּאָלער וועג. אַ טייל באַזעצן זיך אין די פֿאָרשטעט קוואַרטאַלן. זעלנער באַיאָנירטע זיצן אויף די לאַסט אויטאָס, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן אין די גאַסן ווינקען און פֿירן איידעלע, האַרציקע געשפּרעכן מיט די מענטשן, וואָס דרענגען זיך צו זיי. אין מיט שטאָט שטייט אַ זעלנער און דערציילט די אַרומיקע פֿאַרזאַמלטע וועגן גוטס און גליק, וואָס פֿליסט ממש אין זיין לאַנד, וואָס וואַרעמט זיך ביי דער זון פֿון סטאַלין, דער „טאַטע פֿון פֿעלקער", דער „מענטשן זשעני". אין אַ רעדל נישט ווייט, טאַנצן צוויי זעלנער צו די קלאַנגען פֿון אַקאָרדיאָן און אַקראָבאַטיזירן ממש אַ ווונדער קאָזאַטשאָק.

לעבעדיק און פֿריילעך.

אינצווישן צעלאָזן זיך די זעלנער אין די געוועלבן און קויפֿן וואָס ס'לאָזט זיך, אַלעס איז קויפֿבאַר און גוט.

דוואָסיע בנימינ'ס, פֿון דעם גאַלאַנטעריע געוועלב, איז אויסער זיך פֿון דעם פֿיינקייט פֿון די נייע קונים, וואָס דינגען זיך נישט און באַצאָלן וואָס זי בעט זיי. ס'נעמט נישט קיין סך און זי דערשמעקט, אַז אייגנטלעך איז עס אַ מין אויפֿגעצוווּנגענע ליקווידאַציע־אויספֿאַרקויף, און זי הייבט אָן צו ראַטעווען וואָס זי קאָן.

ס׳הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיינע פּראָדוקטן שפּאַכלעריי, די קלייטן ווערן אויס־געליידיקט, די אַקטיווע פון נייעם רעזשים שפּאַנען זיך איין צום קאַמף מיט די „ספּעקולאַנטן״, וואָס פאַרבאַהאַלטן און האַלטן איין פּראָדוקטן, מען מאַכט באַ־זוכונגען, מען אַרעסטירט.

אָט אין די טעג געזעגען איך זיך מיט מיין משפחה. כ׳ער׳פיל די אָנווייזונגען פוני דער מאַכט, וועלכע צווינגט אויף יעדן, ער זאָל זיך געפונען אין זיין אַרבעטס פּלאַץ און כ׳פאָר אַרויס קיין האָראָדיק, וואָס נעבן ווילנא, ווי כ׳בין געווען אַ לערער אין אַ שולע. כ׳בין געזעסן אין אויטאָבוס און דורך דעם פענסטערל האָט זיך אָפּגעמאָלן מיין טאַטנס געשטאַלט, עליו השלום. די באָרד ווייס פון אָנצייטי־קער אַלטקייט. ער האָט מיר אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין עטלעכע קופּערנע מאָנעטס, מיר זיי אַריינגעשפּאַרט צווישן די פינגער און זיי באַהייליקט מיט אַ פּאָטערל׳עכער שטילער תפילה, וואָס בעט פאַר גאָטס גנאָד. דאָס פּאָטערלעכע האַרץ האָט פאָרויסגעזען, אַז דאָס איז אונזער לעצטע צעשיידונג. ווען דער אויטאָ האָט זיך גערירט, האָט ער אָפּגעווישט אַ טרער פון די אויגן און די ליפּן האָבן געמורמלט שטילערהייט: „יברכך ד״, גאָט זאָל דיך, זון מיינער בענטשן און אָפּהיטן, און דערלויכטן זיין פּנים צו דיר, זון מיינער.

⁂

קיין האָראָדעק בין איך אָנגעקומען נאָך גרויסע וועג שוועריקייטן. כ׳האָב מיין אַרבעט געטאָן אין שולע אָן אַ וואָרט צו זאָגן, ווי דער שטייגער איז אין סאָוויעטן רעזשים. אָבער כ׳וועל איבערהיפּערן דאָס דערציילן וועגן דער צייט, ווייל כ׳וויל דערציילן וועגן די שוידער טעג, וואָס האָבן אונז געטראָפן אין די טעג פון די נאַציס מיט זייערע מיטהעלפּערס. און כ׳מאַך דאָס כדי זיך מתייחד זיין מיט דעם אָנדענק פון צענדליקער זין פון ווישניעוויץ מיין שטעטעלע, וואָס זענען, ווי איך, אויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער פרעמד, און אין זייער לעבנס און עקזיסטענץ קאַמף, אַ קאַמף פון קער־פּערלעכע יסורים און גייסטיקע פּיין. געפּענטעט פון שטן, האָבן זיי אַרויסגעהויכט זייערע נשמות אין מענטשן קרעמאַטאָריעס און קיינער ווייסט נישט ווו זייער אַש געפינט זיך.

⁂

דאָס שטעטל האָראָדעק איז נישט אַנדערש מיט גאָרנישט פון אונזערע שטעט־לעך אין מזרח פּוילן. דער געטאָ און דאָס לעבן דאָרט אונטערשיידעט זיך מיט גאָרנישט פון אַנדער׳ע געטאָס. דער נאַצישער אויסראָטונגס מעכאַניזם אַרבעט אומעטום לויט איין סיסטעם, וואָס איז אויספּלאַנירט און פאַרפּולקאָמט. איר טאַקטיק איז פאַרנאַרונג און פאַרבלענדונג און איר ציל איז גענצלעכע אויסראָ־טונג און פולע ענטוואָרצלונג.

די זעלבע גרויל טאַטן וואָס טרעפן אין געטאָ פון ראַקוב, דאָס דערבייאיקע שטעטל, טרעפן אויך די יידן פון דעם נאָענטן ראַדישקעוויטש, דאָ אין ראַקוב

ווערן יידן געצווינגען אָנטאָן טלית און תפילין און שטייען און צוקוקן, ווי זייערע ווייבער שטייען פֿאַר זיי נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט און טאַנצן אַרום אַ שייטער, געמאַכט פֿון ברענענדיקע ספֿר־תורות, ביז ס׳קומען אָן די האַנט־גראַנאַטן און מאַשין געווערן און דערשטיקן די באַוועגונג פֿון די טענצערינס און שליסן אָפּ די שווידער־נאַכט.

אַ זעכצניעריק ייִנגל איז דער איינציקער, וואָס באַווייזט צו אַנטלויפֿן פֿון דעם שייטער־הויפֿן און קומט צו אונז אין געטאָ. לויט די פֿאַראָרדנונגען פֿון דער פּאָליציי טאָר זיך קיין פֿרעמדער נישט אויפֿהאַלטן אין געטאָ. מוז מען אים באַהאַלטן אין אַ גרוב, געמאַכט אין הויף פֿון אַ קו־שטאַל, און דאָס ייִנגל איז באָר־וועס, אַזוי איז ער אַנטלאָפֿן אין מיטן ווינטער. זענען אַלע זיינע פֿינגער אָפּגע־פֿרוירן, געשוואָלן און רינען מיט אייטער. ער זיצט אין גרוב, וויינט און בעט זיך מ׳זאָל אים אויסהיילן די פֿינגער. איך ברענג אים פֿאַרבאָרגענערהייט וואַרעם וואַסער מיט שמאַטעס און אַביסל עסן.

אין ראַדישקעוויטש שפּאַנען מענטשן — יידן, קינד און קייט, אַלטע און פֿרויען, צו די אָפֿענע גרובער, מ׳וואַרפֿט זיי אַריין לעבעדיקערהייט און ליגנדיק דערשיסט מען זיי צום טויט.

ס׳קומען אָן אַזעלכע און אַנדערע גרויל־דערציילונגען פֿון אַלע געטאָס פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. צו אונדז איז נאָך דער שטן נישט געקומען, ווייסט אים דער גוטער־יאָר פֿאַרוואָס. די פּייניקונגען, די ווייטיקן און בלוט צאַ־פּענישן ציען זיך אָנענדליך: אָט האָבן די שטאָט לאָבוזעס אַרויפֿגעשלעפּט דעם חזן מיט זיינע צוויי משוררים־ייִנגלעך אויף אַ באַלקאָן אין סאַמע מיטן שטאָט, זיי זאָלן פֿאַרוויילן מיט זייערע תפֿלות די שפּאַצירנדע מאַסן פֿון גאַס, וואָס גייען געמיטלעך זייער זונטיקדיקן שפּאַציר־גאַנג. די קלאַנגען פֿון חזנ׳ס תפֿלה רייסן זיך אין געטאָ אַריין דורך די פֿאַרהאַקטע לאָדנס און זיי ציפּן ביים האַרצן און דערשיטערן די נשמה.

און אָט ווערן אַלע געטאָ איינוווינער אַלאַרמירט אויפֿן שטאָט פּלאַץ. ווען זיי זענען אַלע פֿאַרזאַמלט שיסן די מערדער דרייסיק יידן אויפֿן פּלאַץ און ס׳ווערט באַפֿוילן אַלע זאָלן גיין אַהיים און קומען צוריק אַהער מיט גאָלד און זילבער שטיק, סערוויזן באַשטעק, מאָנעטיס און בריליאַנטן און אָנפֿילן מיט זיי דעם ליידיקן לאַסט־אויטאָ, וואָס שטייט דאָ פֿאָרבערייט. וואנזיניק און דערשראָקן לויפֿן די מענטשן אַרום אַהין און צוריק, געוויין פֿון קינדער און געשרייען פֿון דער־וואַקסענע צעוואַקסן זיך ביזן הימל אַריין:

געוואַלד יידן, ראַטעוועט זיך, ראַטעוועט און ברענגט.

און יידן ראַטעווען זיך... און ברענגען... און דער לאַסט־אויטאָ ווערט אָנ־געפּילט פֿון מינוט צו מינוט מיט גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, ירושה פֿון דורות.

* * *

אין די לאַנגע ווינטער אָוונטס איז דער געטאָ איינגעטינקט אין פינצטערניש, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרשלינגען אין אייגענעם שאָטן. דאָס ענגשאַפט אין די הייזער איז גרויס, אין אַלע פיר עקן פון צימער ליגן אויסגעלייגט פינף יידישע משפחות אויף די פּעקלעך, וואָס דינען אויך אַלס בעטגעוואַנט. אין דעם נאַכט־רוים שוועבט אַרום דער שאָטן פון מלאך המות. קיינער ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אַ יונג פאָרפאָלק האָט זיך באַזעצט מיט זייער צוויי־יעריק קינדעלע אין אַ פינצטער ווינקל הינטער דעם אויוון. זיי ווילן אויך איינגעשלינגען ווערן אין אייגענעם שאָטן, נישט זיין געזען. זיי שרימפן זיך איין, קורטשן זיך איין. זיי ווייסן, אַז דער ערשטער ביים אויסראָטן וועט זיין דאָס פיצעלע קינד, און זיי ווילן דאָך אַזוי, אַז דאָס זאָל לעבן. דאָס קינדעלע זאַפּט אין זיך אַריין דער מאַמעס ווייען און קרעכצן און ווײנט נישט. פון ווען אָן עס איז שוין מיט אונז האָט עס נאָך קיינער נישט געזען. מ׳האָט עס נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגענומען פון דעם פינצטערן ווינקל. די מאַמע נעבעך וויל מ׳זאָל דאָס נישט האָבן געזען, מ׳זאָל נישט וויסן פון אים. זי שטייט איבער אים איינגעבויגן, צוגעקלאַמערט צום פיצעלע שעה נאָך שעה, ביינאַכט און בייטאָג.

ביינאַכט שווייגן אַלע, אַלע דיינע חושים זענען וואַך און געשפּאַנט. מ׳מוז הערן וואָס טוט זיך אין דרויסן. פון יענער זייט שטעכל־דראָט פאַרקן הערט זיך אַ גערויש פון אַ לאַסט־וואָגן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער מאָטאָר לעשט זיך אויס און מיט אים אויך דיין אָטעם־צוג. דיין בלוט פאַרליווערט, דו בלייבסט שטיין ווי דו שטייסט, אפשר זענען דאָס געקומען די מלאכי חבלה? אפשר שוין איז דער סוף געקומען?

* * *

אויך אין אונזער געטאָ ווירקט אַ יודנראַט, אַ נאָמינירטער, אַ ווערקצייג אין די הענט פון געסטאַפּאָ וואָס לעבט זיך אויס אין אילוזיעס פון „טאָמער״ און „אפשר ווער ווייסט״ און ער ווערט נישט מיד בייטאָג און ביינאַכט אַרומשמייען און זיי ברענגען די צוויי־וועכנטלעכע קאָנטיגענטן, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויפן געטאָ. צוויי פון יודנראַט באַוועגן זיך מיט ערלויבעניש אין ראַיאָן און קויפן ביי די גוים פאַר געפעפערטע פרייזן די אַלע דעטיילן, וואָס זענען פאָרגעשריבן אין דער קאָנטריבוציע.

אָט ערשט האָבן די צוויי געבראַכט דער געסטאַפּאָ, וואָס זיצט אין קרייזשטאָט, די „באַשטעלונג״. און שוין גייען זיי צוריק מיט אַ נייער באַשטעלונג און די ליסטע איז לאַנג, 100 קאַראַקול מאַנטלען פאַר די מאַטראָנעס, 200 פוטער מאַנטלען פאַר די מענער, 1000 פאָר וואַרעמע הענטשיקעס, און נאָך און נאָך. דער געטאָ איז פאַרטאָן אין איין זאָרג. מ׳ציטערט, פונוואַנען וועט מען דאָס אַלץ נעמען? דער יודנראַט זאַמלט אויף און נעמט צונאַמען גאָלד און זילבער, מיט גוטן און מיט שלעכטן.

אין איינעם פון די אויגוסט טעג, נאָכדעם וואָס דער געטאָ איז שוין אָפּגעראַבירט געוואָרן און מ'האָט אים שוין באַנומען פון אַלעם און נאָך דעם, וואָס די מענטשן זענען געוואָרן סקעלעטן, טויט מאָגער, האָבן געסטאַפּאָ מענטשן אים אַרומגערינגלט און אויסגעהרגעט די יידישע געטאָ עסקנים, זייערע טרייע העלפערס. ביי אַ זיבן הונדערט שילער, צווישן זיי אויך יונגע קינדערלעך און פּיצינקעלעך, ברעקעלעך, האָט מען אַרויפגעוואָרפן מערדערלעך אויפן טויט־אויטאָ און אַרויסגעפירט אין טאָל אַריין. טאַטעס און מאַמעס האָבן צוגעזעען ווי האַנט־גראַנאַטן און קוילן־וואַרפער צעפליישן זיי און דערהרגענען. אין קעלער פון דער גרויסער שול האַלט מען פאַרשלאָסן אַלטע יידן און אַנדערע, כדי צו פאַרלענגערן זייער גסיסה. די יונגע, וואָס טויגן נאָך צו אַרבעט, ווערן אויסגענוצט און פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגער, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אין נאָענטן שטעטל.

* *
*

ווען די רעשטלעך פון אונדזער געטאָ זענען אָנגעקומען אין דעם אַרבעטס־לאַגער, בין איך שוין דאָ געווען אַ וועטעראַן. מיר האָט מען אַהער פאַרשיקט פריער, נאָך דאַן ווען דער לאַגער האָט געפאָדערט פון יודנראַט אַרבעטס־קרעפטן. איך אַרבעט שוין דאָ אויף דעכער פון הויכע ריזן־געביידעס, וואָס ווערן אויפגעשטעלט אין אומגעבונג פון לאַגער. איך שלאָף אויף אַ האַרטער פּריטשע פון ברעטער אין דעם גרויסן באַראַק, וואָס געפינט זיך אַן ערך פון אַ שעה גאַנג נעבן דעם לאַגער. מיין אָנטון איז אויך מיין צודעק ביינאַכט. די בלעך פּושקע, וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט פון געטאָ — אין איר קריג איך מיין פּאָרציע זופּ יעדן טאָג — האָב איך נאָך מיט מיר.

ווען די לאַגער אַרבעטער קערן זיך אום פון זייער אַרבעט אין די וווין־באַראַקן, שלענגלט זיך נעבן דער קוך אַ לאַנגע ריי פון הונדערטער מענטשן־שאָטנס, כדי צו קריגן זייער פּאָרציע פאַרעיפּושט ברויט מיט אַביסל וואַסעריקער זופּ, וואָס פּיצעלעך קאָר־בוראַקעס שווימען אַרום אויף איר ווי שמוץ. די ריי דערנידעריקט און פאַרמאַטערט. די אוקראַינישע אויפזעער מיט זייערע שטעקנס זאָרגן פאַר דער אָרדענונג און פאַרן גלייכן שטיין.

דער וואָס שטייט פאַר מיר אין דער ריי איז דורכגעפאַלן ביים דערלאַנגען זיין בלעכל צום זופּן פאַרטיילער. ער האָט נישט אויסגערעכנט געוויי די שטרעקע פון זיין האַנט. גיט דער שטאָלענער לעפל אַ האַק אים איבערן קאָפּ. ער פאַלט אַנידער אויף דרערד און טריפעט זיך אין גסיסה קאָנוווּלסיעס. קיינער העלפט אים נישט. ס'איז נישט געוווּנטשן אַ קוק טון אין דער זייט פון אים און וועקן רחמים... דאָס איז אַ קלייניקייט, יעדן טאָג געשעט דאָס. מאָרגן וועלן קומען אַנדערע אויף זיין אָרט.

די שטימונג פון זופּ פאַרטיילער איז היינט נישט קיין גוטע, אָדער זיינע אונטערהעלפער־חברים זוכן זיך אַ שפּילעכל. ווערט דער קעסל זופּ אויסגעגאָסן אויף דרערד, און זאָלן די שטויב־מענטשעלעך קריכן אויף זייערע קניען, לעקן

מיט דער צונג און צוזאַמענגענעמען די שיריים פון דעם שטינקנדיקן שפּייז. די סצענע איז פאַר זיי זייער אַמוזירנדיק.

* * *

אין די וואַרעמע זומער טעג זיץ איך מיר, ווי שטענדיק, הויך אויפן דאַך, שוואַך און פאַרמאַטערט, פאַרטון אין חלומות פון עסן. דער בחור אַנטקעגנאיבער מיר רעדט נאָר פון עסן: פון דער ראָסל־זופּ, וואָס זיין מאַמע פלעגט אָנגרייטן פון פרייטיק אויף שבת, און וועגן די געבעקסן אירע, אָט טונקט ער איין שטיקער פרישע חלה אין ראָסל, וואָס איז באַווירצט מיט קאָנבל. אָט אַזוי טראָגט ער דאָס צו צום מויל, קייעט און קייעט מיט פאַרגעניגן, עסט און שלינגט...

איך פיל דעם געשמאַק פון ראָסל מיטן קנאָבל און די פרישע חלה און כ׳שלינג מיין גאַווער. אויף די פליגל פון מיין פאַנטאַזיע שוועב איך... און עס און עס... כ׳רוק אַריין די האַנט טיף טיף אין מיין קעשענע. אפשר האָט זיך דאָרט צוגעקלעבט אַ ברעקל ברויט, וואָס כ׳האָב אַמאָל פאַרלוירן. איך נעם אַרויס דעם פינגער, דערלאַנג אים צום צונג און כ׳קער זיך צוריק צו דער ווירקלעכקייט.

אינמיטן דערינען איז אָנגעקומען דאָס לעצטע רעשטל פון געטאָ אין לאַגער אַריין. דאָס זענען געווען די מאַמעס, וואָס האָבן צוגעקוקט ווי מ׳האָט אויסגעהרגעט זייערע קינדערלעך. דאָס זענען געווען די טאַטעס אָן ווייבער און קינדער, יינגלעך אָן עלטערן. יתומים, עלנטע, מענטשן־שטויב. זיי האָבן נישט קיין כוח צו שטאַרבן, לעבן זיי נישט ווילנדיק. דער אינסטינקט פון עקזיסטירן טרייבט זיי גיין צו דער אַרבעט רייענווייז, שטייען אין אָטשערעד נאָך זופּ, זיך לייגן אום אויפצושטיין צומאָרגנס צו דער מי און פּראַציע, צום ליידן און פּיין ביז ס׳וועלן זיך אויסלאָזן די כוחות. ביזן סוף. דאָס איז דער ווילן פון עקזיסטענץ אינסטינקט.

נאָענט צו מיין געלעגער אין באַראַק האָט זיך צוגערוקט איינער פון די, וואָס זענען אָקאָרשט געקומען פון געטאָ. אָט איז איצקו דער קאָוואַל, אַ גוטמוטיקער ייד, א רוהיקער. ער איז נאָך נישט אַזוי אויסגעהונגערט ווי איך, אַניט וואָלט ער נישט אַוועקגעלייגט זיין פּאָרציע ברויט אויפן אושאַק פון פענצטער, ס׳זאָל אים בלייבן אויף מאָרגן. ער איז אַ נייער און ווייסט נאָכנישט, אַז ברויט לאָזט מען נישט איבער אויף אינדערפרי.

דאָס ברויט ווינקט צו מיר פון אושאק אַראָפּ און לאָזט מיך נישט איינדרימלען. איך רוק מיך צו צום עק פון מיין געלייגער, נאָענטער צום שטיקל ברויט, כ׳וויל נאָר הנאה האָבן פון זיין ריח, אָנזעטיקן זיך מיטן שיין פון ברויט אין פינצטערניש פון נאַכט. איך קורטשע מיך פון הונגער, כ׳וואַרף זיך פון זייט צו זייט. כ׳גיי אַראָפּ פון געלעגער גיי ארויף, און גיי ווידער אַראָפּ. דאָס פּאַיאָקל ברויט לאָזט מיך נישט צורו און כ׳קאָן נישטביישטיין דעם נסיון.

און אין סאַמע ענדע פון דער נאַכט, ווען דער גאַנצער באַראַק איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף און טויכט איין אין אָפּגרונט פון קערפּערלעכע און גייסטיקע יסורים. און נאָר טעמפּע קרעכצן רייסן זיך אַרויס פון פאַרשלאָפענע מיילער, בין

איך מיר אַראָפּ פּאַוואָלענקע פון מיין פּריטשע, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל ברויט...

אויפצומאָרגנס אין דער פרי האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט אויף איצקע קאָוואַלס זידלערייען און געשרייען.

* *
*

כ׳האָב געהאַט ביי זיך אַ קליין טייסטערל פאַר קליינגעלט, מיט אַ מאָנאָגראַם איינגראַווירט, אַ מתנה פון מיין יוגנט־חברטע, האָט עס געטראָגן אין זיך אַן איבערבלייבעכץ פון פאַרגעניגן און ליבע, בענקענישן און זכרונות פון נישט לאַנג פאַרגאַנגענע טעג. האָט באַמערקט דאָס טייסטערל אַ גוי, פון די לוין־אַרבעטער כון לאַגער און מיר געבראַכט דערפאַר אַביסל מעל. הינטערן באַראַק האָב איך געהיימערייד געקאָכט מיר מעל מיט וואַסער. זאַלץ איז נישט געווען. כ׳האָב נאָר פאַרזוכט אַביסל. ס׳רעשט ביסל לעמעשקע האָב איך איבערגעלאָזט אויף מאָרגן.

* *
*

פון דאַך אויבן, נישט ווייט פון לאַגער, אויף אַ הויך בערגל, זעט מען אַ צוזאַמענטרייב פון צענדליקער טויזנטער רוסישע קריגס־געפאַנגענע, אַלע יונגע, קרעפטיקע, קאַמפס־געשולטע מענער־יונגען. יעדן טאָג ברענגט מען זיי אַהער אין די טויזנטער־טויזנטער און די ערד שלינגט זיי איין. יעדן פרימאָרגן טראָגט מען הונדערטער קערפּערס — נאַכט שלאַכט — און מ׳באַגראָבט זיי נעבן זייערע וואָפן־ברידער. דאָ באַגראָבט מען שטילערהייד נישט פאַרהונגערטע, אָפּגעגאַרטע יידן, נאָר יינגע מענער רוסישע קריגס העלדן... אַקעגן דעם, וואָס מ׳זאָגט : ס׳טייטש ווי איז מען דאָס געגאַנגען ווי שעפסן צום טויט.

פון מיין געזעס אויבן זע איך אַ דייטש, אַ באַיאָנירטער, פירט אַ בינטל רוסישע געפאַנגענע. זיי זעען אויס זייער יונג, אָבער הונגעריקע און פאַרמאַטערטע. איינער פון זיי בויגט זיך איין און רייסט אָן אַ ווילד געוויקסל און דערלאַנגט עס צום מויל. דער דייטש האַקט אים אַריין אַ קויל. ער בלייבט ליגן נעבן גרעזעלע.

* *
*

לינקס פון מיר, אונטן, זייגן צוויי יידן האָלץ. אַ דייטשער פעלדפעבל גייט צופעליק דורך און הויבט אָן צו שלאָגן איינעם פון זיי, אַ שאַוולער ייד. ער טוט עס אָן שום אורזאַך, סתם אַזוי פאַר גאָרנישט. נו, ווער וועט אים דען עפּעס טון דערפאַר? דער פעלדפעבל ערט נישט אויף אים צו שלאָגן, ביז דער ייד ווערט אינגאַנצן בלוי, פאַרלירט זיין באַוווסטזיין און פאַרפאַלט זיך און גייט אויס.

יעדן טאָג טראָגט מען אַרויס יידישע קערפּערס, קרבנות פון טיפוס. פון מאָל צו מאָל בייט מען איבער די טויטע מיט אַנדערע יידן, נייע, וואָס מ׳ברענגט פון ווייטנס, זיי זאָלן פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

אָט אין די טעג האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן.

אַנטלויפן אין וואַלד אַריין, פּרובירן לעבן ווי אַ חיה. אַזאַ לעבנס־שטייגער. דאָס איז געווען אַן אומשולדיקע אילוזיע, אָבער די זעלבע אילוזיע האָט מיך

דערוועקט צום געדאנק און באַשלוס, צו טאָט און צום זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען.

דאָס האָט מיך באַשעפּטיקט אינגאַנצן און עס האָט אַזוי געדויערט טעג און נעכט. דאָס האָט מיך געבראַכט צו אַ שרעקלעך אָפּשוואַכנדיק געשפּאַנטקייט, אָבער דאָס האָט מיך געלאָזט פֿאַרגעסן די ביטערעווירקלעכקייט און דערוועקט אין מיר אַ האָפֿענונג. און ווירקלעך נאָך מאָנאַטן פֿון לאַנגע פֿאַרמאַטערנדיקע געשפּרעכן מיט חברים און נאָך געהיימע פּלאַנירונגען האָט מיין באַשלוס אָנגענומען אַ קאָנקרעטן כאַראַקטער.

און איין מאָל, ווען אונדזער עשאַלאָן האָט זיך געשלעפּט פֿון לאַגער צום באַראַק און איז אַדורך די שלאָסעריי, וואָס איז געשטאַנען אויסער דעם לאַגער, זענען פֿון דאָרט אַרויסגעקומען יידישע אַרבעטער, וואָס זענען צוגעטרעטן צום עשאַלאָן, ווי דער שטייגער, טאָג איין טאָג אויס און געשפּאַנט צום וווין־לאַגער. איינער פֿון זיי האָט מיר דערלאַנגט אַ בינטל האָלץ־שפּענער, דאָס האָט מען געמעגט נעמען אין באַראַק אַריין. אין די שפּענער איז געווען פֿאַרבאַלטן אַ לופֿע פֿון אַ רוסישער ביקס. יענע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט. פֿאָרזיכטיק און געהיימערייד האָב איך פֿאַרשטעקט די לופֿע אין איינע פֿון די שפּארונעס פֿון מיין האָלץ־געלייגער. שפּעטער צו האָט ער מיר איבערגעגעבן אַנדערע טיילן פֿון ביקס און מיר האָבן זיי צוזאַמען איבערגעטראָגן אין אַ פּוסטער פֿערד שטאַל, נישט ווייט פֿון די באַראַקן. דאָרט ווו מ׳האָט געהאַלטן די טיפֿוס־קראַנקע, וואָס מ׳האָט באַהאַלטן פֿאַר די דייטשן. דאָרט האָבן מיר אויך געהאַלטן די ביקס ביז מיר וועלן אַנטלויפֿן.

* *
*

אין אַ פֿראָסטיקער העלער נאַכט פֿון פֿעברואַר 1943 האָט מען איינגעבראָכן דעם פֿאַרקן, און באַוואָפֿנטע מיט אַ ביקס, וואָס מ׳האָט זי נאָכנישט אויספּרובירט צי זי שיסט, מיט געציילטע קוילן און אַ רעוואָלווער, זענען אַרויס אַכט יונגען אויף דער פֿריי. ווען די וועכטער האָבן אויף אונדז אויפֿגעעפֿנט מיט פֿייער, זענען מיר שוין געווען פֿון יענער זייט שאָסיי, אויפֿן יידישן הייליקן אָרט, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו טרעפֿן. אויס מורא פֿאַר פּאַרטיזאַנער זענען די דייטשן אונדז נישט נאָכגעלאָפֿן, זיי האָבן נישט געוואַגט. מיר האָבן זיך געשלעפּט אין זיגזאַגן, פֿאַרטושט די שפּורן.

* *
*

דאָס גיין אין טיפֿן שניי האָט אונדז שרעקלעך אָפּגעשוואַכט. מיר האָבן געמוזט איבעררייסן, אָפּרוען זיך און זיך אויסטרוקענען, נאָך דעם וואָס מיר זענען אַדורך אַ טייכל אויפֿן וועג. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט ביי אַ פּויער אין טיר. מיר זענען אַריין אינוויינעק. מיר זענען געשטאַנען פֿאַר אים נישט ווי בעטלערס, דאָס געווער האָט אויף אים געמאַכט אַ ווירקונג. מיר האָבן אויסגעטון די שיך און אין שטוב ביי אים געטרוקנט האָניטשעס און אנטון, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך גוט אָנגעעסן

זענען מיר אַוועק ווייטער אויף דעם פונקט ווו מיר האָבן זיך געדארפט טרעפן מיט די פּאַרטיזאַנער.

דריי פּאַרטיזאנער האָבן געוואַרט אויף אונדז. זיי האָבן זיך זייער אַנטוישט. ווען זיי האָבן געזען אַכט יידן און אַזוי ווייניק געווער. נאָר איינעם, דעם שטאַרקסטן פון צווישן אונדז, אים האָבן זיי גענומען מיט דער ביקס און האָבן אים אַוועקגעפירט מיט זיך. זיי האָבן אויך צוגענומען ביי אונדז דעם רעוואָלווער. פֿאַר די איבעריקע פון אונדז האָבן זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו טון דאָ.

ווי האָבן זיי געקאָנט פאַרשטיין אונדזער לאַגע. אויף זייערע פּנימער האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז זיי ליידן נישט פון צופיל יידן־ליבע.

קורץ איז געווען דאָס באַגעגעניש. קורץ די האָפענונג און די פּאַרטיזאַנער זענען אַוועק פון וואַנען זיי זענען געקומען. מיר זענען געבליבן אַליין. און ווידער ווי פריער אָן געווער און אָן האָפנונג, דערשלאָגן און פאַרצווייפלט. דריי טעג האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין וואַלד און ווען מיר זענען אַרויס זוכן עסן, האָט אונדז געדראָט מיט דער געפאר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די פאַרשידענע יידן רוצחים, וואָס האָבן זיך גערויעט אין די וועגן און דערפער. סיי אוקראַאינער סיי פּאָליאקן און ליטווינער.

די פאַרצווייפלונג, די אויסזיכטלאָזיקייט און דאָס אומעגלעכקייט בייצושטיין אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן דערפירט פיר פון אונדז זיי זאָלן באַשליסן זיך צוריקקערן אין לאַגער און איבערגעבן זייער לעבן דעם גורל, וואָס איז זיי באַשערט. צוויי האָבן באַשלאָסן זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג צו זייערן אַ גוט באַקאַנטן ראַיאָן. איך בין געבליבן איינער אַליין אין וואַלד.

שטיל איז אַרום. שטיל איז דער וואַלד און שטום. די הויכע צוזאַמענגע־פלאָכטענע געדיכטע בוימער שטייען אויסגעצויגן, שטראָם און שווייגן. די נאַקעטע צווייגן זענען איינגעהילט אין שניי. פאַרגליווערט און אכזריותדיק איז די וועלט אַרום מיר. איבער דיין קאָפּ בליי וואָלקנס, וואָס פאַרדעקן דעם הימל און שליסן אָפּ אַלע טויערן פון תפלה און רחמים. און אונטער דיר שנייאיקע בלענעדיקע אונענדלעכע שטרעקעס.

איך גיי און שפּאַן אין די טיפע שנייען אַהין און צוריק, כדי צו לאָזן מיין בלוט לויפן שטראָמען, כדי ס׳זאָל נישט אָפּפרירן, און כ׳זאָל נישט אַוועקפאַלן אַ קרבן פון דעם אונרחמנותדיקן פראָסט. ווען די נאכט איז צוגעפאַלן און די קעלט איז געוואקסן, האָב איך זיך צוגעשארט צום עק וואַלד. פון ווייטנס האָב איך באַמערקט דאָס שעמערירן פון די פלעמעלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן אין די שטובער פון דאָרף. כ׳האָב מיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די ליכטלעך. כ׳בין צו צום ערשטן שטיבל, כ׳האָב געעפנט די טיר. כ׳האָב אַריינגערוקט דעם קאָפּ און געבעטן אויף רוסיש אַביסל וואַסער, אַביסענקעלע וואַסער.

פון פינצטערניש פון צימער האָט זיך אָפּגערופן אַ שטימע פון אַ פרוי:

— קום אַריין זינעניו (סינאָק), קום אַריין!

ס׳האָט געֿרעדט אַ פּויערטע, די פרוי פון פויער. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען ווער דאָס איז, וואָס בייט וואַסער אינמיטן נאַכט.

דאָס וואָרט „סינאָק״ האָט מיר אַרייַנגעגעבן אַ וואַרעמקייט אין די ביינער און אַ געפיל פון ליבע. טרערן פון גליק האָבן מיר געשטיקט אין האַלדז. די פרוי האָט מיר צוגעטראָגן אַ טשאַשקע מילך און אַ גרויס שטיק ברויט און נאָכדעם, וואָס כ׳האָב דאָס איינגעשלונגען, הונגעריק מיט איינמאָל, האָט זי מיר געשענקט נאָך אַ פיידע ברויט און געזאָגט:

— בלייב נישט דאָ אין דאָרף. די מענטשן דאָ זענען שלעכטע. סיי אוקראַאינער און סיי ליטווינער קומען אַהער פון מאָל צו מאָל אין די נעכט. גיי אין „פוניע״, דאָרט האָבן פויערן היינט געטרוקנט פלאַקס־שטרוי. ביינאַכט איז דאָרט וואַרעם, אַהין זאָלסטו גיין און איבערנעכטיקן.

אַ צווייהונדערט מעטער פון דאָרף איז געשטאַנען אַ קליינינקע, איינזאַמע, אָרעמע געביידקע. כ׳בין אַוועק אַהין. צו צום שטיבעלע, אויפגעעפנט דאָס טירעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף איין זאַוויסע. ס׳האָט מיך אויפגענומען אַ בלאָנדזנדער הונט, וואָס האָט זיך דאָ צעלייגט. ער האָט זיך נישט גערירט, נאָר אויפגעשטעלט די אויערן אויף מיר און נישט רעאַגירט. איך בין מיר אַריין, אַוועקגעלייגט זיך אַנטקעגן אים אויף איינע פון די טרעפּעלעך, האַלב שלאָפנדיק. אין די מאָרגן־דעמאַרונגען, ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דער הונט שוין נישט געווען.

כ׳בין אַוועק אין וואַלד אַריין צו מאַכן מיין צווייטן טאָג מאַרשירונג. אַנטקעגן אָוונט האָב איך ווידער געמאַכט דעם נעכטיקן קונץ. דאָס מאָל אָבער האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ שלעכטער פרוי, וואָס האָט מיך אַרויסגעיאָגט פון שוועל אַרויס מיט קללות און געוואַלדעס. כ׳בין אַנטלאָפן פון איר.

אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט האָב איך מיר זיך אַרויסגעדרייט און אַוועק אין קר־שטאַל איינגעגראָבן זיך אין אַ קאַפּיצע היי. די נאַכט האָב איך דורכגעמאַכט צוגעטוליעט צום וואַרעמען קערפּער פון דער קו, וואָס איז געלעגן אויפן באָדן.

* *
*

פאַרן זון אויפגאַנג בין איך צוריק אַוועק אין וואַלד אַריין. מיינע כוחות האָבן זיך ערשעפּט. דער הונגער האָט מיר דערקוטשעט. אין האַרצן האָט מיך געגריזשעט דער יאוש און שלעכטע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּעניעק פון אַ בוים, אָפּהענדיק און ראַט־לאָז. פּלוצעם האָב איך דערהערט: ס׳טראָגט זיך פון ווייטנס, פון טיפעניש פון וואַלד אַ דינער קלאַנג אַ מעטאַלענער אַ באַקאַנטער. ס׳האָט מיר דערמאָנט דאָס קלאַנג פון אַ זייגנדיקער זייג.

— באַשטימט זענען דאָס פויערן פון דער געגנט וואָס אַרבעטן אין וואַלד — האָב איך געטראַכט.

— אויב זיי וועלן מיך כאַפּן וועלן זיי מיך הרגענען, אָדער איבערגעבן די דייטשן אין די הענט אַריין פֿאַר אַ געלט באַלוינונג. אָבער מיר איז שוין אַלץ איינס, האָב איך מיר געטראַכט אין האַרצן.

כ׳האָב מיך אַ ריס געטון און אַוועק אין דער ריכטונג פֿון זייג. ווען כ׳בין צו צום פּלאַץ, האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ צוויי יידן, וואָס זענען געשטאַנען אָנגעבויגן און געזעגט האָלץ. זיי האָבן זיך דערשראָקן און בלייך געוואָרן. זיי האָבן מורא געהאט, אַז מ׳האָט ענדעקט זייער באַהעלטעניש און אַ סוף צו זייער לעבן. אָבער נאָך אַ קורצן ווערטער אויסטויש, און נאָך דעם, וואָס זיי זענען געקומען צו זיך, האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט צו זיך אין בודקע, ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן.

דאָס איז געווען אַ זעמליאנקע אויסגעגראָבן טיף אין וואַלד פּלאַנטעריי, פֿאַרדעקט מיט צווייגן און גוט פֿאַרשטעלט און פֿאַרמאַסקירט. פיר משפחות פֿון אַ צוואנציק נפשות, מענער, פרויען און קינדער, האָבן געוווינט אין דער זעמליאנקע. דאָס זענען געווען יידן פֿון נאָענטן דאָרף, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט פֿון די שפּייז געשענקען פֿון די פּויערים, זייערע אַמאָליקע שכנים. קיינער האָט נישט געוווסט זייער פּלאַץ פֿון באַהעלטעניש. נאַכט איין נאַכט אויס פלעגט איינער פֿון זיי אַרויסגיין ברענגען אַביסל מעל, אָדער קאַרטאָפּל אונטערצוהאַלטן די נשמה. אַזוי האָבן זיי אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט און האָבן זיך געגרייט לאַנג אַזוי נאָך צו לעבן און פאָרזעצן אין פינצטערניש פֿון זייער באַהעלטעניש.

זיי זענען געשטאַנען אַרום מיר און אויסגעהערט שווייגנדיק מיין דערציילונג וועגן גורל פֿון יידן, וועגן שחיטות און מאַסן מאָרדן. אַ שווערער אומעט האָט זיך געזעצט אויף דעם שטיבל. זיי האָבן מיר געגעבן אַביסל וואַרעמע זופּ מיט גרויפּן. די פּאַרע, וואָס איז געגאַנגען פֿון איר, האָט מיר דערקוויקט מיין נשמה. נאָך אַ קליינער ווײַלע איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז נישט פֿאַר מיר דאָ צו בלייבן. ערשטנס, איז קיין פּלאַץ נישטאָ, צווייטנס איז קיין עסן נישטאָ פֿאַר מיינעטוועגן. כ׳האָב זיי געפּאָלגט און כ׳בין אַוועק פֿון זיי און געגאַנגען זוכן טיף אין וואַלד אַן אַנדער ענלעכס שטיבל, דאָרט האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ פרוי, וואָס איר זון, מיינער אַ באַקאַנטער, איז אוועק אין דער פּאַרטיזאַנקע. האָבן מיר געדענקט, אפשר דורך אים וועט מען מיך אויך אָננעמען אין די פּאַרטיזאַנער און כ׳וועל געהאָלפן ווערן.

* *
*

שפּאַן איך ווידער אַזוי אין די טיפע שנייען. כ׳מייד אויס דערפער, כ׳שנייד דורך סטעזשקעס און וועגן, זוכנדיק יעדעס מאָל פֿון דאָסניי האָפנונגען, וואָס זענען באַגלייט מיט נייע אנטוישונגען יעדעס מאָל איבערנייעס.

דער טאָג זעצט זיך, די נאַכט פאַלט צו און איך שפּאַן ווייטער צו דעם אומקלאָרן, אומבאַוווסטן.

מאָדנע געהיים זענען די וועגן פֿון צופאַל. גיי איך אַזוי און ס׳קומט מיר

אַנטקעגן דער ייִנגערער ברודער פֿון דעם פּאַרטיזאַן, דעם בחור, וואָס איך זוך. ער גייט צו איינעם פֿון די פּויערים פֿון נאָענטן דאָרף, וואָס איז דער פֿאַרבינדונגס מענטש צווישן זיין ברודער און דאָס רעשטל פֿון זיין משפּחה, וואָס וווינט טאַקע אין דעם שטיבל, וואָס כ׳זוך.

כ׳בין מיט אים אַוועק צום גוי. ער פֿאַרזאָרגט מיך אויך אַ געלעגער ביים פּויער אויף ביינאַכט. אָבער ער אַליין מוז אַוועק צו זיך אין שטיבל. ווייל ס׳איז געפֿערלעך צו בלייבן אין אַ דאָרף, וואָס ס׳פּויזשן דאָרט אַרום סיי פּאַרטיזאַנער, סיי דייטשן. ער פֿאַרענטפֿערט זיך אויך פֿאַרוואָס ער קאָן מיך נישט מיטנעמען מיט זיך אין שטוב אַריין. ס׳לאָזט זיך אויס, אַז ער אַליין מיט זיין מוטער זענען איינגעבעטענע, און ווי קאָן איין גאַסט ברענגען אַ צווייטן גאַסט?

ביינאַכט ליג איך אַזוי אויף דעם שטרוי געלעגער, וואָס דער פּויער האָט מיר געבעט. די שטיוול צוקאָפּנס, שוין אַ צוויי וואָכן ווי כ׳האָב קיין שוך נישט אויסגעטון. איז מיר יעצט לייכטער. ליג איך אַזוי און באַשליס, אַז אויב ס׳וועט פּאַסירן און דייטשן וועלן באַזוכן די נאַכט, אָדער ליטווינער, וועל איך אַרויסשפּרונגען דורכן פֿענצטער פֿאַר זיי אין די אויגן, אַפֿילו ס׳זאָל מיך זייער קויל טרעפֿן אין רוקן. אבי נישט אַריינפֿאַלן לעבעדיק צו זיי אין די הענט.

אינמיטן נאַכט, מ׳קלאַפּט אין טיר. כ׳ווער פֿאַרשטוינט, כ׳ווער פֿאַרגליווערט. כ׳קאָן זיך פֿון אָרט נישט אַ ריר טון, די פֿיס פֿאָלגן מיך נישט. דער גוי גייט צו עפֿענען די טיר און צו מיינע אויערן דערטראָגט זיך זייער געשפּרעך:

— פֿרעמדע זענען נישטאָ דאָ?

— פֿאַראַן.

— ווער?

— אַ ייִד.

— אַ ייִד? פֿון וואַנען?

— פֿון קראַסנע.

ס׳איז מיר לייכטער געוואָרן. פֿון דעם פֿרעמדנס ריידן האָב איך אָפּגעשפּירט אַ באַקאַנטע זינגענדיקע שטים, וואָס דער ייִדישער אַקצענט הערט זיך אָפּ קלאָר פֿון איר. און אין איין אויגן־בליק זענען געשטאַנען פֿאַר מיר די פּאַרטיזאַנער, ייִדן, אָנגעטאָן אין ווייסע לייוונטענע כאַלאַטן — אַ פֿאַרמאַסקירונג פֿון שניי־סטעפּן. צוויי פֿון זיי האָב איך גוט געקענט. זיי זענען מיר באַקאַנט נאָך פֿון האראַדעק. יעצט קומען זיי פֿון גאָר ווייט און ווילן מיטנעמען מיט זיך זייערע פֿאַמיליעס, די רעשטלעך פֿון זיי, צו זיך אין וואַלד אַריין. דער דריטער איז פֿון מינסק. ער זוכט זיין צוועלפֿיעריק טעכטערל, וואָס איז אַנטלאָפֿן אין צייט פֿון דער אַקציע און לויט ווי מ׳זאָגט, געפֿינט זי זיך ביי אַ פּויער און אַרבעט ביי אים די הויף אַרבעטן.

פֿאָרן מיר זאַלבעפֿערט אין שליטן, געשפּאַנט צו 2 פֿערד און מ׳שלעפּט זיך אַרום, זוכן דאָס קינד.

פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען אויפן פּלאַץ.

דאָס באַגעגעניש פון טאַטע מיטן טעכטערל איז נישט צו באַשרייבן. דאָס האָט צעריסן דאָס האַרץ. דער פּויער דערוווּסט זיך ערשט איצט איר ריכטיקע אָפּשטאַמונג. ער ווערט דערציטערט פון דער עצם געפאַר, וואָס איז פאַרבונדן מיט אויסהאַלטן אַ יידיש קינד. אָבער מ׳זאָגט אים צו לעבנס פּראָדוקטן און מ׳גיט אים אַ ווונק, אַז ער מוז זי אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז׳ס, און אַלעס איז אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער לאָזט זיך אָנווינקען, ווייל ער זעט, אַז מיר זענען צופיל ערנסט.

צוויי פון אונדז זענען אַוועק און איך מיט דעם מינסקער יידן בלייבן וואַרטן ביים פּויער, ביז זיי וועלן צוריקקומען. צונאַכט דערוויסן מיר זיך, אַז אויפן וועג זענען זיי אַריין אין א קאמף, וואָס האָט זיך געפירט צווישן פאַרטיזאַנער און אַ ליטווינישע אָפּטיילונג, און אַז צוויי ליטווינער זענען אַנטלאָפן פון זייער אָפּטיילונג און אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זענען צוויי ווילנער יידישע יונגען, וואָס האָבן געלעבט אויף אַרישע פּאַספּאָרטן און צוליב דעם האָט מען זיי מאָביליזירט אין ליטווישן מיליטער, כדי זיי זאָלן קעמפן קעגן די פאַרטיזאַנער און זיך באַטייליקן אין פאַרניכטן די געטאָ׳ס.

די צוויי חברה האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און דעזערטירט און זיך אונטערגעגעבן.

דער פאַרטיזאנען שטאַב, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט פאַרשטענדעניש צו קריסטן אין ענלעכע פאַלן, האָט זיך גאַנץ אַנדערש געפירט מיט די צוויי יידישע חברה. זיי האָבן זיך שרעקלעך אכזריותדיק באַצויגן צו זיי. און אויפצומאָרגנס האָבן זיי זיי געשאָסן צום טויט פאַר „מיטאַרבעטן מיט די נאַציס״.

צוליב פאַרשידענע אָפּהאַלטונגען אין וועג האָבן זיך ביידע אונדזערע חברים נישט באַוויזן צו פאַרבינדן מיט זייערע פאַמיליעס און האָבן זיך געמוזט אומקערן צו זייער אָפּטיילונג.

איידער זיי זענען אַוועק, האָבן זיי זיך געווענדעט צו די איינוווינער פון שטיבל און געבעטן, זיי זאָלן נישט מפקיר זיין אַ יידישן בחור, וואָס דרייט זיך אַרום אין די וועלדער און איז אויסגעוויזן צום אונטערגאַנג.

די נאכט האָב איך גענעכטיקט אין שטיבעלע און בין געווען איינער פון זיי.

* * *

כ׳בין נישט געזעסן מער ווי אַ פּאָר וואָכן אין דעם שטיבל. מיטן קומען פון פרילינג האָט זיך אָפּגעפילט אַ פאַרשטאַרקטע קריגס טעטיקייט צווישן די דייטשן מיט די פאַרטיזאַנער. ס׳האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די אויסראָטונגס טעטיקייט פון די געטאָס און דאָס אומברענגען פון די רעשטלעך פון יידנטום אַרום.

געציילטע פּליטים, בידנע פּייער־רעשטלעך, וואָס זענען אַנטלאָפן ממש פון די קברים־גריבער, האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די וועגן, אין די טיפענישן פון

די וועלדער און געזוכט פאַר זיך אַ רעטונגס־אָנהאַלט. פיל פון זיי האָט מען אויסגעכאַפּט, פאַרמאַטערט און דערמאָרדעט אין די וועגן. נאָר געציילטע פון זיי האָבן זיך אויפגעקליבן אין די וועלדער.

אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן פאַרשטאַרקט זייער קאַמף מיט די פאַרטיזאַנער, וואָס זייער צאָל איז געוואקסן פון טאָג צו טאָג. צענדליקער טויזנטער דייטשישע זעלנער, מיט זיי די ליטווישע און אוקראַאינישע יוצר־משרתים, האָבן זיך צעלאָזט אין די וועלדער, כדי צו ליקווידירן די פאַרטיזאַנען צענטערס.

דער באָדן האָט אָנגעהויבן ברענען אונטער די פיס. מיר האָבן געמוזט אַוועק פון דאָרט, נישט וויסנדיק וווהין צו גיין. די זעמליאנקע אייגוווינער האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן. צו אונדז זענען צוגעקומען נאָך יידן פון אַנדערע פלעצער, פאַריאָגטע, צעשראָקענע, נאַקעטע און הונגעריקע. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די אומענדלעכע זומפן פון ביעלאָרוסיע. ס׳זענען פיל פון אונדז געפאַלן, געבליבן זענען זער ווייניק.

די איינציקע שטרעבונג איז געווען קריגן געווער, כדי אָנצונעמען זיך אין אַ פּאַרטיזאַנען אָפּטיילונג. מיר איז געקומען צו הילף אַ אָפּטיילונגס־קאָמאַנדיר. ער איז געווען אַ וואָרעמער ייד, אַ מינסקער אינזשיניער, מיט אַ יידיש עמפינדלעך האַרץ, אָבער וואָס האָט געמוזט מאַסקירן זיין יידישקייט צוליב דעם מערדערלעכן אַנטיסעמיטישן גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיינע זעלנער. זיין געהיימס מענטש איז געווען אַ פינסקער בחור — וואָס האָט אויך געמוזט אָנגיין פאַר אַ קריסט — „וואנקע דער געלער" האָט מען אים גערופן. זיי האָבן צוגעזען אָפטע אַנטיסעמיטישע אָפענע אויסברוכן, וואָס דאָס ביסל יידן אין זייער אָפּטיילונג האָבן אויסגעשטאַנען פון די רוסן. ס׳האָט נישט איינמאָל פאַסירט, אַז ווען ס׳האָט זיך אומגעקערט אַ קאָמפּאַניע פאַרטיזאַנער פון אַ מינען און סאַבאָטאַזש אַרבעט, האָט זי איבערגעגעבן אַ דין וחשבון איבער אַ יידישן פאַרטיזאַנער, וואָס איז געפאַלן אין דער אַרבעט. קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן, ווער ס׳האָט אים געהרגעט.

דער עצם צופאַל, וואָס דאָס האָט פאַסירט נאָר מיט יידן יעדעס מאָל, האָט נישט געקענט וועקן קיין צווייפל, אַז דאָס איז אַ רוסיש שטיקל אַרבעט. די ברודערשאַפט פון וואפן און קאַמפס אייניקייט, וואָס ס׳פאָדערט אויף די געפאַר, פאַרשווינדעט ביי אונדזערע ברידער קריסטן, ווען ס׳באַהערשט זיי דאָס אַנטיסעמיטישע געפיל.

אַ סך פאַקטן האָבן באַוויזן, אַז די פאַלן וואָס יידישע פאַרטיזאַנען זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך זייערע קריסטלעכע געווער חברים, זענען גאָר נישט ווייניק. ווען נאָר זיי האָבן געהאט די געלעגנהייט, האָבן זיי דאָס געמאכט. און אַזעלכע געלעגנהייטן זענען געווען, ווען מ׳האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ צוזאַמענשטויס און פייער אויסטויש מיט די דייטשן.

ביי זיין בעסטן ווילן האָט דער פאַרבאָרגענער יידישער קאָמאַנדיר נישט

געקאָנט מיך אַריינעמען צו זיך אין זיין איינהייט. אָבער ער האָט אונדז נישט מפקיר געווען. מיר האָבן זיך באַהאַלטן און געוואַרט.

אין אַ שענעם טאָג האָט וואַנקע דער געלער געהיימערהייט געבראַכט צו אונדז אין באַהעלטעניש צוויי ביקסן, פאַר מיר מיט מיין חבר. מיר האָבן גענומען די ביקסן, זיך געזעגנט מיט אים און אַוועק.

מיר זענען אַוועק צו אַ ווייטער פון דאנען אָפּטיילונג און אַ נייער גרויזאַמער בלאַט אין מיין יוגנטלעך לעבן האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו אונדזער בוך.

ג. נודל

דער יידישער קאָמוניזם אין ווישניוויץ

ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאָזט ווישניוויץ האָט געהערשט א צעטומלונג אין שטאָט, די אוקראַינער האָבן זיך אָרגאַניזירט ווי זייער שטייגער אין א הפקר-צייט און געזוכט צו קומען צו דער מאַכט מיט דער כוונה צו רויבן און הרגענען, מיר האָבן זיי געזען אין פאַרשידענע ווינקלען פון שטאָט מיט זעק אין די הענט גרייט צום רויבן.

זעענדיק דאָס, האָבן זיך אַלע יידן צוזאמענגענומען צו זיין גרייט און זיך געגנשטעלן. אינצווישן איז אָנגעקומען א ידיעה אין שטאָט, אז די רוסן קומען, הערנדיק דאָס האָבן די קאָמוניסטן זיך אָפּגעזונדערט און קאָנסאָלידירט אָ קערפּערשאַפט פון מאַכט, וואָס אין שפּיץ איז געשטאַנען ט. דענענבערג און אברהם גובער. פאַר זיי זענען דאָס געווען גרויסע טעג, וואָס יאָרן האָבן זיי געוואַרט דערויף, פול מיט האָפנונג, אַז עס וועט קומען דער אויסגעחלומטער רעזשים.

די רוסן זענען אריינגעקומען דורכן קרעמעניצער באַרג און האָבן זיך דערווייל באַזעצט נעבן פּאַרק און פאַרכאַפּט אויך צוויי שטובער, וואָס זענען געווען פאַר זיי נויטיק, דאָס זענען געווען ליפשיץ און גניפּ׳ס שטובער, אין דער צייט האָט מען געזען עטלעכע קאָמיסאַרן איבערגעטאָן אַלס זעלנער קומען אין שטאָט.

מיטן אָנקומען פון די רוסן האָט די קאָמוניסטישע פּארטיי ממש אויפגעלעבט און זיי אויפגענומען מיטן בעסטן ווילן און פריינדשאַפט, זיי זענען ממש ארויס פון דער הויט, און געטריי מיט זיי מיטגעאַרבעט, און אויך צוליב זיך, כדי אָפּיאַרשנען אַביסל פונעם פארמעגן — עס האָט נישט אָפּגעשטעלט אפילו ווען מען האָט געדאַרפט אויסגעבן נעמען פון אייגענע ברודער.

די פאָלגן פונעם מסר׳ן זענען געווען פארבונדן מיט פארשיקן גוטע טייערע יידן אויף סיביר און אין די ווישניוויצער טורמעס.

מיר האָבן אין אונדזער שרעקלעכסטן שוואַרצן חלום זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ווישניוויצער זאָלן פערראַטן ברידער, און אַז די יונגע קרענקלעכע זאָלן זיין אַזוי אויפגעפרעסן פון קנאה, און גזלה.

א גליק וואָס די פארעטער זענען געווען ווייניקע, אָבער די פאָלגן פון זייערע מעשים זענען געווען שרעקלעכע, ס׳האָט זיך אויסגעדריקט אין פארמעגן, גייסט און קערפּער.

מטיס רבקה״ס פון די פיש איז געשטאַנען אין שפּיץ פון נ.ק.וו.ד. האָט ארעסטירט נחום ברן, יוסף שפירא און אנדערע פון די טייערסטע מענטשן פון דער ווישניוויצער קהלה. די בעסטע פונעם יונגן דור האָט מען ארעסטירט און זיי איבערגעפירט קיין קרעמעניץ אין דער פינסטערער טורמע. די הויפּט דיריגענטן פון דער מלאכה זענען געווען אברהם גרובער און חנה גרובער. די פרישע קאָמוניסטן האָבן זיך אויך מתחייב געווען צו זאָגן עדות אין משפט און האָבן דאָס מקיים געווען.

נאָכן אויסרייניקן די „ציוניסטן" האָט מען אָנגעהויבן ריינקין די „קאפיטאַליסטן" פון דער שטאָט, זיי האָבן זיך באוועלטיקט אויף די פארמעגנס פון די ליפּשיצעס, שפּיגעלמאַנס, טודרוס, און אויף אלע גרויסע און קליינע געשעפטן, און בכלל ווער עס האָט געהאַט די חוצפה אַביסל רייך צו ווערן אין פּוילן האָט מען איהם גלייך געשיקט קיין סיביר.

פון די ערשטע פארשיקטע געדענק איך די ברודער ליפּשיץ, שפּיגעלמאַן, און גניפּ, דער איינציגער חטא זייערער איז געווען, וואָס זיי זענען געווען רייך, און וואָס זיי האָבן געהאַט די חוצפה נישט צו נעמען אין בעטראַכט, אַז עס וועט קומען אַמאָל סטאַלינס רעזשים קיין פּוילן.

ענדע דעצעמבער אין יאָר 1939 האָט מען זיי פארשיקט קיין סיביר.

ווען מען האָט געענדיקט מיט זיי, האָט מען צוזאמענגענומען מענטשן פון ברית-החיל און די אַסאַדניקעס, די פּוילישע און אויך זיי פארשיקט אין דעם גזירה לאַנד. דאָס פארשיקן איז געווען באגלייט מיט פּייניקן און ברוטאַליטעט. זיי האָבן דאָס געמאַכט שנעל און אין יעדער שעה פון טאָג אָן א משפּט און א דין. זיי זענען אריין אין דער באַצייכנטער שטוב ווען זיי האָבן געוואָלט, געזאָגט דעם מענטש ער זאָל זיך אָנטון צום גיין. די שליטנס זענען געווען גרייט צו דעם יסורים־וועג און די קאָמיסאַרן אויף די פערד זענען אויך געווען גרייט צום באגלייטן, חלילה עס זאָל נישט ווער אַנטלויפן.

פון די וואָס מען האָט פארשיקט זענען געבליבן איינציגע. די ברודער ליפּשיץ זענען אומגעקומען, גניפּ איז געשטאָרבן און פון אנדערע האָט מען נישט געהערט ביז היינט.

די מצוה פונעם פארשיקן האָבן געמאַכט יהושע שמואל הערש מטיס צוזאמען מיט ברודער גרובער מיט אַזאַ התלהבות, דביקות, זייער אויפפירן זיך האָט אונדז דערדריקט, ביז אזוי איז אראָפּ א מענטש פון ווישניוויץ נאָך יאָרן פון לעבן און איינהייט? פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אָפּפרעמדונג ? דאָס אכזוריות׳דיקייט? שפּעטער איז אונדז אביסל קלאָר געוואָרן, דער שטויס צו אזא אויפפירן, עס האָט זיך ארויסגעוויזן פשוט, אז דאָס איז געווען א תאוה פון רויב, וואָס האָט געגליהט פון אַסך יאָרן, ביז ערשט יעצט איז זי געקומען צו דער באַפרייאונג.

די גרובערס האָבן איבערגענומען די מיל פון שאגען מיט די שותפים, און האָבן אַ גרויס הנאה געהאַט פון דער הכנסה פון דער מיל, יהושע האָט געוועלטיקט אויף די בעקערייען, און אנדערע אויף די פאבריקן, וואָס זענען געווען אין שטאָט, זיי האָבן איינגעפירט נאַרמעס און רייען צו קריגן ברויט און אנדערע עסנווארג, אונדזער בעקעריי האָט אייגענטלעך געקענט זיך אָנרופן פאַר אַ פּראָלעטארישע אונטערנעמונג ווייל מיר, די גאַנצע משפּחה האָבן געאַרבעט ביי אַלע ארבעטן, ריכטיגע פּראָלעטאַריער. די גויים האָבן דאָס פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען כשרע אין רעזשים, אַבער די יידישע קאָמוניסטן, זיי האָבן דאָס נישט געקענט פארטראָגן און ווען זיי האָבן נישט געקענט זיך קעגנשטעלן דער פאַראָרדנונג פון די גויים צו

דעם האָבן זיי כאָטש געגומען נקמה, וואָס זיי האָבן אונדז איבערגעפירט צו סופר׳ס בעקעריי און סופר׳ן צו אונדזערער.

די נאַרמעס, וואָס זיי האָבן פעסטגעשטעלט זענען נישט געווען רעאַל, אויף יעדער 100 קילאָ מעהל האָבן מיר געדאַרפט געבן 140 קילאָ ברויט, און ווען עס איז איינמאָל אַרויס נישט ריכטיק 143 קילאָ האָט זיך דער אַנפירער אויפגערעגט מעשה בעל־הבית און נאָך אַן אָנגריף פון ציניזם און גראָבקייט האָט ער אַ זאָג געטון: געגוג געגעסן חלות, איר האָט זיך גענוג אָנגעשטאָפּט אין אייער לעבן, גענוג אָנגעפרעסן. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און אים געזאָגט: פּערגעס נישט, אז דיין מאַמע האָט אויך געפרעסן חלות און פיש, און די צוזאַמען מיט איהר. ביים סוף האָט איך אים געגעבן אַפּאַר פּלאסקן. צו מאָרגנס האָב איך געמוזט אנט־לויפן, איך בין אַוועק קיין ראָוונע. איך בין אויך אַוועק צוליב נאָך אַ סיבה. אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך אָנגעהויבן טשעפּען צום השומר־הצעיר, מען האָט פאַרבאָטן יעדע ציוניסטישע טעטיקייט, און מען האָט די נייע שליטים אופגע־קלערט, אַז דער השומר הצער איז אַ סכנה פאַרן רעזשים.

מיר האָבן אלע באַשלאָסן אַנטלויפן און זיך מאָביליזירן אין דער רויטער אַר־מיי. אין ראָוונע האָב איך געקענט אויספירן מיין באַשלוס און זיך מאָביליזירט, מער האָב איך נישט געהערט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין שטאָט פון זייערע מעשים, סיי פון די „פריערינגע" און סיי פון די „פרישע" ברודער, אייגן בלוט און פלייש — אָבער עס איז געשען מיט מיר א אויסטעריש געשעעניש ווייט פון שטאָט און ס׳איז מיר אויפגעקומען אויפן געדאנק דער גאנצער ענין מיטן פולן שרעק.

דאָס איז געווען אין 1942 איך בין דאן געווען אויפן פראָנט שעפּעטאָווקע. איך ליג אין אַ בונקער אין צושטאַנד פון אונטערגאַנג און איך חלום, אַז איך קום קיין ווישניוויץ דורך דער קוואַל נעבן האָרין. די צייט איז פּסח צייט, און איך קום אַהיים, גע אריין שטיל דורך דער הינטער טיר, אין שלאָפצימער פון טאַטן, גיי דורך די איבעריקע צימערן, כ׳זע די גאנצע משפחה, נאָר דעם טאַטן נישט. איך זוך איהם, ער איז נישטאָ, איך פרעג מיין ברודער, מיין מאַמען: ווו איז דער טאָטע? און זיי ענטפערן היינט האָט מען איהם געהרגט.

דאָס אלעס האָט זיך ארויסגעוויזן איז טאַקע געווען אמת, די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגענומען די עלטערע מענטשן פון שטאָט און זיי געהרגט. דאָס איז געווען דער ערשטער עפנטלעכער מאָרד פאר דעם קומען פון די דייטשן, דאָס איז געווען אַ נאַצישער קאָמוניזם.

אמת, אז אָנגעפירט מיט דער מלאכה פון מאָרד האָבן די גויים, די שונאי־ישראל אוסטרובסקי און סטורוזש וואלינסקי, אָבער די יידישע קאָמוניסטן האָבן זיי געגעבן די פולע שטיצע.

יהודה מרגלית

יידישער קאמוניזם אין ווישניעוויץ

ווען די רוסן זענען אריין קיין ווישניעוויץ האָב איך ממשיך געווען צו ארבייטן מיט מיין פערד און וואָגן אין דער פאראוּוער-מיל, וואָס האָט געהערט צו שאָג-ליפשיץ-ביסקער. איך האָב געקלערט אַז אין דעם רעזשים וואָס איך האָב אים אַזוי פיינט, וועט דאָך מיין לאַגע זיין בעסער, ווייל איך בין דאָך א ארבייטער און גע-זאָגט דאָס מיין פרוי, אָבער אונדזערע אייגענע קאָמוניסטן, אחינו בני-ישראל האָבן אַנדערש געוואָלט, אַנדערש געקלערט ווי איך. צו דער מאַכט זענען געקומען דאָן אברהם גובער. מ׳האָט אים געמאכט פאַר קאָמיסאַר פון שטאָט, און קלמן טשוּאיש פאַר קאָמאַנדיר פון דער פאָליציי.

די ביידע האָבן אָנגעפאַנגען מיטן „רייניקן" לויט סטאַלינס סיסטעם, און צע-טיילן די ירושה און מאַכט מיט משפחה, און אייגענע מענטשן, מענטשן פון זעלבער אידעע. זיי האָט מען צוגעזאָגט גוטע אַרבעטס־פּלעצער, זיכערע און לוינבאַרע, אויפן חשבון פון אַנדערע מענטשן וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען די ארבעט און ברויט.

צווישן די קרבנות בין איך אויך געווען. שמואל גובער, אברהם׳ס ברודער האָט איבערגענומען דאָס פירן די מיהל, און צומאָרגענס איז ער שוין געזעסן אויף ליפּ-שיצעס גרויסן פאָטעל. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך בין אָפּגעזאָגט פון רעכט צו קומען אַהער אַרבעטן, מיין אַרבעטס־פּלאַץ פון יאָרן. דאָרט ווו איך האָב אַריינ־געלעגט מיין מי און כוח. איך בין אריינגעגאַן צו אים און געפּוּוט אים זאָגן: ווי איז דאָס מעגלעך? איך בין דאָך א ארבעטער אַלע מיינע יאָרן, און דאָ איז מיין ארבעטס-פּלאַץ און זכות פון מיין האָראָוואַניע, מיין שווייס און מיין זויבערער פארגאנגענהייט.

ער האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן און געזאָגט: אויב וועסט אַזוי שיין רעדן, וועלן מיר דיך נאָך שיקן קיין סיביר. זיי צופרידן וואָס מיר לאָזן דיך דאָ.

איך בין ארויסגעגאַנגען. איך האָב אויפגעהערט צו פארשטיין זייער גערעכ-טיקייט. מיך האָט מען פארטריבן און אויך דעם בעל-הבית האָט מען ארויסגע-טריבן פון דער מיל, אָבער דעם רוס גרוזינאָוו, וואָס איז געווען אַ רייכער גוי האָט געהאָט א גרויס פארמעגן, פעלדער, וועלדער און א מיל, אים האָט מען איבערגע-לאָזט אויפן פּלאַץ. איך האָב זיך געוואונדערט, לויט וואָס פאר א פּרינציפּ האָבן זיי דאָס געמאַכט? אינצווישן בין איך געבליבן אָן ברויט און מיין משפחה איז געווען הונגעריג, האָב איך זיך געווענדעט צו גרוזינאָוון דעם גוי און אים געזאָגט:

איך האָב א פרוי מיט 4 קינדער, מען האָט מיך ארויסגעוואָרפן פון מיין אַר-בעט — מיר שטאַרבן פון הונגער.

דער אַלטער גוי האָט זיך כמעט צעוויינט און מיך נישט געלאָזט ענדיקן מיין רעדן:

לאָז זיך אָפּ — האָט ער געזאָגט — נעם דיין וואָגן און קום צו מיר אין דאָרף, וועסט אַרבייטן אַ פּאָר וואָכן און ברויט וועט דיר נישט פעלן, שפּעטער וועלן מיר זעען. זיי האָבן נאָך נישט געענדיקט זייער לעבן.

מיין פרוי האָט נישט מסכים געווען. אין אַזעלכע צייטן, יעדן טאָג זיך שלעפּן אין דאָרף, זי וועט צוגיין צו קלמן טשואיש, און וועט אים ווייכער מאַכן.

ער האָט זי אַרויסגעטריבן און אויך געדראָט מיט שיקן קיין סיביר. איין סטיל פון רעדן איז געווען ביי זיי, די שטאַרקע.

זי האָט זיך אומגעקערט א פארשעמטע א דערשלאָגענע. איך בין געלאָפן אין פּאָליציי און זיך צוגעשטעלט צום קאָמאַנדיר טשואיש און אים געזאָגט: איך בין דאָ, שיק מיך קיין סיביר, און באַלד.

זונטיק איז געקומען צו מיר גרוזינאָווס א מענטש און מיר געזאָגט, אז דער פּריץ האָט געהייסן נעמען פערד און וואָגן און באַלד קומען צו דער ארבעט, אַרבעט איז דאָ פאַר הונדערט כוחות. די זשעסטע פון דעם גוי האָט מיר אַביסל דערוואָרעמט מיין האַרץ.

איך בין אַוועק צו גרוזינאָוון, זיי האָבן דערווייל אים נישט געטשעפּעט און אים געלאָזט זיין וואַלד און גוטס.

זיין ברודער, דער קרומער האָט מיר געזאָגט, דאָס זענען דיינע ברודער, און דאָס זענען די גוטע יאָרן, וואָס עמיצער האָט געבעטן אויף זיי.

ביים ענדע פון טאָג האָט מען מיר געגעבן קאַרטאָפל, מעהל און אנדערע פּראָדוקטן, אין שטוב איז געווען יום-טוב. ס'איז שוין אוועק א סך טעג, אַז מיר האָבן נישט געעסן צו דער זאַט.

אינמיטן דער נאַכט פונקט 12 אַזייגער האָט מען געקלאַפּט אין טיר, די קינדער האָבן זיך זייער דערשראָקן. מיין פרוי איז דערציטערט געוואָרן, איך האָב זי באַרוהיקט, איך בין צוגעגאַן צו דער טיר און געפרעגט ווער קלאַפּט?

קלמן בכבודו האָט מיר געענטפערט, אז דאָס איז ער.

איך האָב געעפנט די טיר און קלמן מיט 2 פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען און געזאָגט:

טו זיך אָן און קום מיט אונדז.

האָב איך געפרעגט מיטן ווייב און קינדער?

האָט ער געענטפערט: ניין, נאָר דו און איינס צוויי!

האָב איך געזאָגט:

הער זיך איין גרויסער מענטש און קאָמאַנדיר, איך גיי נישט אָן מיין משפחה, און צווייטענס, וואָס ברענט עס ביי דיר?

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און געזאָגט:

— איך הרגע דיך אויפן פּלאַץ, און צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו מיינע אויגן, האָב איך אים געזאָגט:

— אַז דו ביסט אַזאַ גיבור האָב איך נישט געוווסט, זאָלסט וויסן אַז במילא

איז מיר נמאס דאָס לעבן און דיין רעזשים, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, איך גיי נישט אָן מיין משפּחה. דאָס איז עס.

ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און געפּרוווט צוגיין נאָענט צו מיר, איז מיין פרוי צוגעגאַן, אים געגעבן צוויי פּעטש אין פּנים און בלוט האָט אָנגעהויבן אים רינען פון דער נאָז.

דאָס האָט געהאָלפן. פון גרויס כעס האָט ער געהייסן אויך זי נעמען קיין סיביר.

די קינדערלעך האָבן אָנגעפאַנגען וויינען אַלע צוזאַמען. האָב איך זיי געזאָגט: קינדער טייערע האָט נישט קיין מורא, במילא האָט איר דאָ גאָרנישט, טוט זיך אָן און מיר וועלן גיין. דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן און מ׳מוז פאָלגן, קומט, במילא וועלן מיר שוין קיין גוטס נישט זעען.

אינצווישן האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן רינען דאָס בלוט פון דער נאָז און ער האָט זיך צעשריגן:

— טוט זיך שנעל אָן און גייט!

מיר זענען אַרויס אין גאַס, איך, מיין פרוי און קינדער. 4 קליינע ציטערדיקע שעפעלעך, האָבן געוויינט הייזעריק און פאַרשלאָפן. און דאָ איז די לבנה פונקט אין פולן שיין, דאָס בילט איז געווען רירענד. קלמן טשואיש איז געשטאַנען אַביסל צעטומעלט און זיך נישט גערירט פון פלאַץ. האָב איך געזאָגט, נו וואָס איז גע-שען? פאַרוואָס שטייט מען? האָסט געזאָגט, זיי מקיים. און איך האָב א געשריי געטאָן — חבריא מיר גייען! פאָראויס!

פלוצים איז געשען א זעלטענע זאַך. קלמן האָט געגעבן אַזאָג צו די פּאָלי-ציאַנטן (איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז זיי זענען געווען אוקראַאינער) וואַרט דאָ און איך קום באַלד.

ער איז אַוועק אָבער מער נישט געקומען. מיר האָבן געוואַרט אַ שעה, צוויי און ער איז אַלץ נישטאָ. די קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער, די פּאָלי-ציאַנטן זענען אויך געשטאַנען צוגעשמיטע גלייך מיט אונדז. איך האָב זיי געזאָגט, חברים וואָס וועלן מיר טאָן ס׳איז נישטאָ דער קאָמאַנדיר?

האָבן זיי מיר געענטפערט:

— נעם די פרוי מיט די קינדער אין שטוב אריין און דו בלייב מיט אונדז וואַרטן.

איך האָב אַזוי געטון, און ווען איך בין צוריק אַרויס אין גאַס זענען שוין ביידע שקצים נישט געווען.

דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ווען מיין פרוי האָט אים געגעבן די פּעטש האָט זיך דערווייל נעבן אונדז צוזאַמענגענומען מענטשן. קלמן האָט זיך צעטומעלט און איז נעלם געוואָרן, אויך די פּאָליציאַנטן האָבן געזען זיין דורכפאַל און האָבן זיך אויך אָפּגעריקט.

אינדערפרי בין איך אוועק ווידער צו דער אַרבעט צו גרוזינאַוון, גלייך ווי גאָרנישט איז געשען.

ער האָט שוין געוואַרט אויף מיר. די געשעענישן פון ביינאַכט האָט ער שוין געוווסט.

ער איז געווען ערנסט און אויפגערעגט און געפרעגט: וואָס איז געווען מיט דיר ביינאַכט? דערצייל אַלעס, אַלעס.

איך האָב פּראָבירט פּאַרטושן, אָבער ער האָט מיר געזאָגט: זייער שען פון דיין זייט, וואָס דו ווילסט נישט באַליידיקן דיינע ברידער, אָבער איך ווייס אַלעס. דיין פרוי דאַרף באַקומען א אויסצייכנונג.

פון דאַן בין איך געבליבן ביי אים אַרבעטן און גאַנץ גוט געלעבט.

אין איין שיינעם טאָג קומען אַריין צו מיר די ברידער גובער, רופן מיך אַוועק אין א זייט, פרעגן מיך וועגן מיין לאַגע, ווי אַזוי איך לעב? צו פעלט מיר נישט עפּעס? צו איז מיר נישט שווער? אפשר קלאָג איך זיך אויף עפּעס? האָב איך זיי געענטפערט:

גייט ביידע צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן אין דער ערד אריין. אַז איך וועל זיין אין סיביר וועל איך הערן פון אייער מפּלה, איר באַגראָבט זיך אליין.

זיי האָבן זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל גיין מיט זיי, זיי וועלן מיר געבן א גוטע אַרבעט. צוליב וואָס דאַרף איך אַרבעטן ביי אַ בורזשוי? זיי האָבן נישט גע-זאָגט ביי „גוים", און זיי האָבן אויך נישט געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס מעג א גוי יאָ בלייבן א בורזשוי.

איך האָב זיי מוחל געווען זייערע טובות און געזאָגט:

איר זענט נישט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען. זיין שטויב פון די שיך, וועל איך נישט געבן פאַר אייך. איך האָב געלערנט מיט אייך אין איין חדר, צוזאַמען געוואַקסן, ווי שעמט איר זיך נישט? ווער זענט איר?

זיי האָבן זיך געבעטן ביי מיר, און מיך געדראָט, אַז במילא וועל איך נישט בלייבן אַרבעטן אויף דעם פּלאַץ.

אין א חודש אַרום האָט מען אויך גרוזינאַוון אַרויסגעיאָגט און ווידער בין איך געבליבן אָן ברויט.

איך בין געבליבן אין ווישניוויץ אָבער צו זיי בין איך נישט געגאַנגען.

איך בין צוגעגאַנגען צו קלמן פישמאַן׳ס א פעטער פון די גובערס, ער איז געווען א טרייגער, מיט אים האָב איך געהאַט א געמיינזאַמע שפּראַך און איך האָב אים געזאָגט, וואָס טוט מען? וואָס זאָגסטו? האָב ער מיר געענטפערט:

דו ריידסט צופיל, דאָס איז עס.

איך האָב זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, וואָס ס׳איז געווען און אוועק צו דער מיל אַרבעטן. ס׳איז אַוועק דער אָנפירער צו שמואל גובער, און געבעטן פאַר מיר רחמים, ער האָט נישט מסכים געווען, האָט אים קלמן געזאָגט, איר זענט קינ-דער, איר ווייסט נישט וואָס איר טוט.

איך בין געשטאַנען אונטער דער טיר און דאָס געהערט. צום סוף האָט עפּעס עמיצער געזאָגט צו שמואלן, לאָז אים ארבעטן.

דאָרט האָט אויך געארבעט יעקב קריגסהאָבער, מיטיעס טאַטע, ער איז געווען דאָרט דער מאַגאַזיניער, ער האָט מיר געגעבן א צעטל צו דער אַרבעט און מיר גע-זאָגט:

האָסטו דאָ 16 זעק, פאַנג אָן אַרבעטן, און סטאַרע זיך וויינינקער צו ריידן. דאָך האָט מיר שמואל נישט אויפגעערט צו שטערן, אָבער יעקב קריגסהאָבער האָט זיך איינגעשטעלט און מיר געגעבן צעטלעך צו דער ארבעט, אַזוי ווי פאַר אלע.

ווען ס׳איז געווען א גרויסע פארזאמלונג פון דער פארטיי האָט מען שמואל שוין נישט אויסגעוויילט, זיין פלאַץ האָט פארנומען אברהם, זיין ברודער.

די זון פון די יידישע קאָמוניסטן האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין.

אינצווישן זענען אריין די דייטשן, מען האָט מיך אוועקגענומען פון מיין מש-פּחה, איבערגעפירט קיין דובנאָ, פון דאָרט בין איך אנטלאָפן קיין רוסלאַנד. ליידער בין איך אליין אוועק.

אלעס האָב איך פארגעסן, אויסער מיין משפחה און דער פאראט פון אייגענע ברידער, וואָס איז פאַרבליבן ווי א נישט פאַרהיילטע וווּנד אין האַרץ. איך וועל דאָס נישט פארגעסן.

שמחה הירש באיטענער׳ס

ווישניוויץ 1944

די רוסן זענען אַריין צו אונדז דעם 17.12.39. איך האָב געאַרבעט אַלס פאַרקויפער ביי יאָסל אַווערבוך. הגם כ׳בין געווען אַ כשרער אַרבעטער, האָב איך באַשלאָסן איבערפאָרן פון שטעטל און נישט צוזען די גליקן, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך דער נייער רעזשים.

כ׳בין אַוועק צו מיין ברודער אין באָיטן, דאָרט בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פרעצעדאטעל סיעל־סאָוויעטא (עלטסטער פון דאָרף, אַ מין בירגער־מייסטער).

דעם 2.10.1940 האָט מען אַרויסגעשיקט אַלע פוילישע אוסאדניקעס פון דער געגנט קיין סיביר.

איך האָב דאָס אויפגענומען מיט אַ רואיק געוויסן, ווייל די אוסאדניקעס זענען אונדז גענוג אַריין אין די ביינער ביי די פּאָליאקן.

דעם 16.4.1941 האָט מען מיך מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און כ׳בין אַריבערגעפירט קיין טיף רוסלאנד 300 קילאָמעטער נאָך מאָסקווע. באַלד האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשישע מלחמה אין 22.6.41 און איך בין אַריין אין איר אַלס טאַנקיסטן אָפיציר.

כ׳דערצייל דאָס, ווייל קעמפנדיק מיט די דייטשן האָב איך נישט געוווּסט, אז די דייטשן מאָרדן און ראָטן אויס דאָס יידישע פאָלק. כ׳האָב געקעמפט פאַר מיין אַרמיי און פאַר רוסלאנד.

אין 1942 האָבן די אוקראַינער אָנגעהויבן אַנטלויפן פון די פראָנטן, פאַרראטן די סאָוויעטן און אַוועק אהיים. זיי האָבן עפּעס געהערט וועגן היטלערס נצחונות, ווייזט אויס. זיי האָבן אויך געוואָלט נעמען אנטייל אין דעם קוילענען יידן. אָבער סטאַלין האָט אונדז אַלע געהאלטן פאַר פאַרדעכטיקטע און געהייסן אַראָפּנעמען פון פראָנט אַלע מערב־אוקראַינישע בירגער, געמיינט אויך יידן. איך, ווייזט אויס, האָב געהייסן אַ פאַרטרוילעכער און בין געבליבן אויפן פראָנט.

אין אָנהויב 1944 האָבן די רוסן זיך געשלאָגן נעבן טאַרנאָפּאָל. ביי די רוסן לאָזט מען נישט אַ סאָלדאט זיך שלאָגן נאָענט צו זיין היימאַטס־קאַנט. איך האָב דאָס געוווּסט, האָב איך נישט דערציילט גאָרנישט און בין אַוועק אויף טאַרנאָפּאָל זבאראזש, מיטן געדאנק, אפשר וועל איך זען מיין משפחה, נאָענטע, באַקאַנטע.

כ׳בין אַוועק קיין דובנע. אין גאַס האָב איך דערקענט אַ ייד, איז געווען אַ היטל־מאַכער און הייסט יענקל ציטרין.

ס׳איז אַוועק אַ שמועס. צוביסלעך, צוביסלעך האָט ער מיר דערציילט: אין דובנע זענען געבליבן פון 16,000 יידן קוים 30 יידן צעבראָכענע, וואָס האָבן זיך בנס געראטעוועט. אין קרעמעניץ נאָך ווייניקער. אין ווישניוויץ? ער

האָט דערשמעקט, אַז ער טאָר מיר נישט דערציילן דעם אומגליק פון אונדזער שטעטל. ער האָט נאָר געזאָגט:

— פאָרט נישט קיין ווישניוויץ! בלייבט בעסער דאָ אין דובנע.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. כ׳בין אַוועק קיין קרעמעניץ און פון דאָרט קיין ווישניוויץ. כ׳האָב געציילט די מינוטן צו קומען אַהין.

איך האָב די שטאָט נישט דערקענט. כ׳בין אַוועק צו דער גרעבליע, ווו מ׳פאָרט צו דער אַלטער שטאָט. כ׳האָב אָפּגעשטעלט מיין מאַשין און געזאָגט צו מיין קאַפּיטאַן:

— טאָוואַרישטש מאלציעוו, איך בין געבוירן אין דער שטאָט און איך בעט גיב מיר 12 שעה פריי.

ער האָט מיך געוואָלט אָפּרעדן דערפון. אָבער כ׳האָב אים איבערגערעדט. אַלע מאַשינען זענען אַוועקגעפאָרן און איך בין געבליבן אין ווישניוויץ.

אַרויסגייענדיק אויפן מאַרק נעבן שמעון חיים שמעונס, האָב איך געטראָפן אַ גוי פוז באָיטן, פאַרנדיק אַהיים. ער האָט מיר דערקענט און געזאָגט, כ׳זאָל זיך נישט וואגן צו בלייבן דאָ אין שטאָט. די סכנה איז גרויס, מ׳וועט דיך הרגענען. ער האָט מיך פאַרנומען מיט זיך קיין באָיטן. כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז די סכנה צו פאָרן מיט אים איז גרעסער, ווי צו זיין אויפן פּראָנט.

אין דאָרף בין איך אַוועק צו טשערווינסקין. ער האָט זיך צעקושט מיט מיר, שטאַרק געוועזן גערירט און האָט מיר געבעטן:

— שמחה, אנטלויף פון דאנען. מ׳וועט דיך דאָ דערשלאָגן און קיינער וועט נישט וויסן ווו דיין געביין איז.

כ׳האָב מורא געהאט און כ׳בין פון דאָרט אַוועק אין אַ דערבייאיקן פלאַץ, ווו כ׳האָב געהאט אַ גוטן פריינד פאוולע פיענטקאָווסקי מיט זיין ווייב אנעלקא. אָבער זייער שטוב איז געוועזן פּוסט, זיי זענען אַוועק שוין לאנג, אויך פאַר מורא פון די אוקראַינער.

כ׳בין אַריין אין סטאָדאָלע. כ׳האָב נישט געוואָלט בלייבן אין שטוב. דאָרט האָב איך מיר געמאכט אַ לאָך אין היי, איינגעגראָבעט זיך און געקוקט זיך אין דרויסן.

שקצים האָבן האָפּערדיק געזונגען לידער, דערביי געלאכט און געשטיפט, אָבער איין ליד האָבן זיי יעדעס מאָל איבערגעחזרט.

זשידי פאכאַוואלי
דערעווא פוסאדילי
דערעווא בודוטסיא ראזוויוואטע
בודעם דא פאניוו סי פּאביראַטע.

אין יידישן הייסט עס: מיר האָבן די יידן אויסגעהרגעט אוןביימער פאַר־פלאַנצט, די ביימער וועלן זיך אַנטוויקלען וועלן מיר זיך אַ נעם טון צו די פּאַנעס, די פּאָליאקן געמיינט.

4 אזייגער פאַרטאָג בין איך אַוועק פון דאַנען קיין ווישניעוויץ. כ׳האָב די 6 קילאָמעטער געמאַכט אין 40 מינוט. געלאָפן פון שרעק.

אין שטאָט האָב איך מיך דאָך געפילט בעסער ווי אין דעם שאָטן פון די זינגענדיקע שקצים.

כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט ביז 7.30 און געטראָפן אַ ייד. כ׳האָב אים דערקענט, ס׳איז געווען הערשל מרגליות פון דער אַלטער שטאָט, מיין מאַמעס אַ קרוב. פון אים האָב איך ערשט געהערט וועגן דעם גרויסן בראָך. זיינע אָפּגעהאַקטע „נייעסן״ זענען געווען אַ רעגן פון ווייטיקן און צרות, וואָס ווער קאָן זיי ביי־שטיין?

דעם ווישניעוויצער רב האָט מען דערשאָסן און באַגראָבן אויפן פּאַטשייעווער וועג צוזאַמען מיט דעם גוי איוואַן וואָלינסקי, וואָס איז געווען דעפּוטאַט ביי די רוסן. זיי האָבן זיך אַליין אויסגעגראָבן די גריבער.

דער דיין איז געשטאָרבן איין טאָג פאַר דעם געטאָ.

אויף דער אַלטער שטאָט זענען דאָ 4 גריבער, ווו ס׳זענען באַגראָבן אַן ערך צוויי טויזנט פינף הונדערט יידן.

כ׳האָב מיך געדאַרפט פאַרמעלדן אין מיליטער־שטאַב. כ׳בין אַריין אין ביוראָ, האָט מיך דערקענט דער זעלבער רוס, וואָס האָט מיך דאַן אַוועקגעשיקט ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר און מיט אַ ריכטיקער פרייד געזאָגט:

— זעסט, ווי גליקלעך דו ביזט. ווען נישט איך, וואָלסטו שוין אויך נישט געלעבט.

ס׳איז געווען אמת.

אין ווישניעוויץ איז געווען אַ יידישער פעלדשער, אברהם יענקל, און א גויישער שטעטראַס. דעם ייד האָב איך נישט געטראָפן, אָבער שטעטראַס האָט געלעבט און מ׳האָט אים גערופן דאָקטאָר. אברהם יענקלען האָט מען געהרגעט און דאָקטאָר גרינצווייגן אויך. ער איז געווען „איינער אויפן ירידי״, ווי מ׳זאָגט. ווען כ׳האָב געבעטן דעם נאַטשאַלניק, ער זאָל מיר פאַרלענגערן די 12 שעה אויף 30 טעג, האָט ער מיר געהייסן גיין צום „דאָקטאָר״ און אים זאָגן, אַז כ׳פיל זיך ניט גוט, כ׳בין נישט פאָלנע געזונט.

כ׳בין אַריין צום געמאַכטן דאָקטאָר, ער האָט מיך גלייך דערקענט. ער פלעגט יעדן טאָג קומען צו יוסף אווערבוך. געזאָגט האָב איך גאָרנישט. ער האָט מיך באַטראַכט און געזאָגט, אַז כ׳בין הונדערט פּראָצענט געזונט און כ׳דאַרף נישט קיין 30 טעג. כ׳האָב פאַרשטאַנען זיין כוונה און שטאַרק אויפגערעגט זיך. פאַר אויפרעגונג האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער און אים געוואָלט שיסן. ער איז געוואָרן אַ צעשראָקענער און אָנגעמאַכט אַ געוואַלד און דער נאַטשאַלניק איז אַריין. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, אַ ווונק געטון מיטן אויג צום „דאָקטאָר״ און מיר זענען אַרויס. נאָכדעם האָט ער מיר אונטערגעשריבן אויף 90 טעג.

פאַרן אַרויסגיין האָב איך געזאָגט:


— זעסט, דיין זון לעבט, דו לעבסט, דיין פאַמיליע. מיין גאַנצע פאַמיליע איז נישטאָ. ווי קאָנסטו אַזוי זיך פירן?

כ׳האָב זיך באַגעגנט נאָכאַמאָל מיט הערשל מרגליות. מיט אים איז געווען נאָך אַ יידישע פרוי פון אַ דאָרף, איר נאָמען געדענק איך נישט.ביידע האָבן מיר דערציילט שווידערלעכע פאַקטן. ס׳זענען דאָ פאַקטן, וואָס פירן איבער אַ גרויל. אָבער אַ סך יידן פון ווישניוויץ וועלן דאָס נישט וועלן לייענען, ווייל זיי האָבן אנטייל גענומען אין זיי. יעצט גייען זיי אַרום אין ישראל פאַרמאַסקירט ווי אויף אַ פורים־באַל.

כ׳האָב אויך געזען טויערן סטאַיפיס געמאַכט פון מצבות. כ׳האָב געזען כאַדקלייקיס און כאָלעוועס געמאַכט פון פאַרמעט פון ספרי־תורה.

אויף די גריבער אין דעם אַלטן בית־הקברות האָבן זיך געוואַלגערט אונ־דזערע ברידערס און עלטערנס ביינער, נישט פאַרדעקטע מיט ערד.

אין דער גרויסער שול האָב איך געטראָפן אַ סך נעמען פון נאָענטע, טייערע, באַאַקנטע אונדזערע ווישניוויצער, וואָס זיי האָבן באַוויזן פאַרן לעצטן טויט מאַרש אויפצושרייבן, דורות שפּעטער זאָלן כאָטש וויסן, אַז פון דאַנען זענען זיי געגאַנגען צו דער גרויזאַמער שחיטה.



כ׳קאָן נישט אַזויפיל באַשרייבן, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין ווישניוויץ. דער חורבן פון שטעטל איז פּאַרווישט געוואָרן, אָבער די שפּורן פונעם מאַסן־מאָרד קאָן מען נישט פאַרווישן. אַלץ אין שטעטל דערציילט וועגן דעם שרעקלעכסטן, וואָס אונדזערע טייערסטע זענען אויסגעשטאַנען.

כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט אנלקין פּיאַנטקאָווסקיס ווייב, האָט זי מיר דער־ציילט:

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין, האָבן זיי געגומען 70 יידן, אַריינגעוואָרפן זיי צו שמעון חיים שמעונס אין קעלער. מ׳האָט זיי געגעבן העק און לאָפּעטעס און געהייסן איינס ס׳אנדערע אויסהרגענען. די יידן האָבן נישט געוואָלט, האָבן זיי זיי אויסגעהרגעט אַליין מיט שרעקלעכסטע מיטלען. מיט שטיינער, מיט אייזנס און מיט קוילן. ס׳איז געבליבן נאָר איינער פון זיי, הערשלי סענדער׳ס. ער האָט געהאַט אַ טראַקטיר. אלע גויים פלעגן דאָרט טרינקען. ער איז פאַרוואָרפן גע־וואָרן מיט די טויטע און ס׳האָט אים נישט געטראָפן זייערע שטיינער און קוילן. אין דער נאַכט איז ער אַרויס צעבלוטיקט און איינגעטונקען אין בלוט פון זיינע שכנים און דערציילט, וואָס האָט פּאַסירט.

מיין טאַטע איז געווען פון די ערשטע קרבנות. ער איז געקומען צו איר קיין פוילן, געבן באַיטן בעטן ברויט מיט קאַרטאָפל פאַר זיין משפחה, וואָס האָט געהונגערט. פּאַרנאַכט זענען אָנגעקומען אוקראַינער פון ווישניוויץ און דער־ציילט מיט פריידי „לאפּאיוט זשידי״ (מ׳כאַפּט יידן). האָט זי געבעטן מיין טאַטן ער זאָל איבערנעכטיקן ביי זיי, אָבער ער האָט געענטפערט: ס׳ווייב וועט איבער־טראַכטן, זיך זאָרגן. און איז אַוועק.

ער האָט שוין זיין משפחה און זיין וועלט מער נישט געזען.

חיים קאָרנפעלד — מ׳האָט אים גערופן חיים שמעלינע — מרדכי באַיטינערס ברודער, האָבן די גויים געכאַפּט אין מישקאָוויץ און דערשלאָגן צום טויט. מיין שוואָגער משה ראָזענטאַל האָט אים באַגראָבן אין דער דאַלינע, הינטער דעם קאַצאַפּס וואַלד, ווייל אין שטאָט אַריין האָבן אים די גויים נישט געלאָזט פירן.

יאַשקע באַדייסיוק, ער איז געווען אַ שוסטער, איז געוואָרן אַ פּאָליציאַנט ביי די דייטשן און געהרגעט הונדערטער יידן. ווען איך בין געווען, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קרעניצי און מ׳האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט און געבראַכט צום געריכט. איך האָב געזען אַז מאָרדן יידן איז נישט קיין גרויסער פאַרברעכן אויף דער וועלט און ביי קיין שום גוי נישט. האָב איך געזאָגט הירשל מרגליות, אַז אין זיין עדות זאָל ער זאָגן, אַז ער האָט געהרגעט רוסישע פּאַראַשו־טיסטן. הירשל האָט מיך געפאָלגט. דער פּראָקוראָר האָט אונטערגעטאַנצט און געזאָגט:

— סוואָלאַטש, זיי זיך מודה, אויב וועסט זאָגן דעם אמת וועלן מיר דיך שיסן, ווען נישט וועלן מיר דיך הענגען און וועסט זיך שטאַרק מאַטערן.

באדייסיוק האָט געענטפערט:

— טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, ס'זענען דאָ נאָך גענוג אוקראַינער, זיי וועלן זיך שוין אָפּרעכענען מיט אייך פאַר מיר.

דאָס וואָס כ'האָב געדענקט האָב איך פאַרשריבן. ס'איז שווער מער צו גע־דענקען, ס'איז נאָך שווערער זיך אומקערן צו דעם און עס באַשרייבן.

סוניאַ שאַץ

קרבנות וואָס מיר האָבן געבראַכט

אין 1936 האָבן מיר אויסגעבויט מיין שטוב אין לאָדז און געוואוינט דאָרט. אין יולי 1939 האָבן מיר זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ישראל און באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווישניוויץ געזעגנען זיך מיט מיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער, חברים און בכלל מיט אַלע וואָס זענען מיר דאָרט געווען טייער.

ס'איז געקומען אויגוסט און מיר האָבן זיך גערדאַרפט צעשיידן, איז דאָס געווען פאַר זיי אַ טראַגעדיע און זיי האָבן אונז געבעטן כאָטש נאָך אַ מאָנאַט צו בלייבן מיט זיי. מיר האָבן זיי צוליב געטאָן. איך אַליין האָב אויך געוואָלט זיין מיט זיי נאָך אַביסל. מיר זענען געבליבן, און די מלחמה האָט אונז פאַרכאַפּט אין וויש־ניוויץ. ס'זענען אַריין די רוסן און מיר זענען דאָרט געבליבן שטעקן. 3 מאָנאָט זענען מיר געווען מיט די רוסן. מיר האָבן בשום אופן נישט געקענט זיך אַרויס־קריגן פון דאָרט און עולה זיין קיין ישראל. נאָכער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ווען מיר וואָלטן קענען אָנקומען, קיין ליטא דאָרט איז די גרענעץ נישט פאַרמאַכט, וואָלטן מיר געקאָנט פון דאָרט עולה זיין.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די עלטערן האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר פאָרן קיין לידא, אַ שטאָט אין ליטא וואָס האָט איצט געהערט צו די רוסן, פון דאָרט „שמוגלט״ מען קיין איישישוק — ווילנא, און פון דאָרט איז דער וועג פריי.

מיין ברודער אליעזר וואָס האָט אויף זיין לעבן נישט פאַרלאָזט זיין שטעטל און די עלטערן, האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין יאמפאלע, אַן אָריגינעלע סאָוויעטישע שטאָט און זייענדיק אַ השומר הצעירניק און סאָציאַליסט, דאָרט זיך בויען זיין לעבן. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין השומר הצעיר און האָט איצט געקלערט וועגן קאָמוניסטישן לאַנד, ווי וועגן אַ פאַרווירקלעכונג פון זיין גרויסן אידעאַל.

אין יאמפאלע האָט ער זייער שנעל זיך אויסגענישטערט פון זיינע חלומות, ווען ער האָט געזען דעם רעזשים און זיינע פרוכטן, דאָס שטיין אין די רייען נאָך יעדן פּראָדוקט, און דאָס אַרט באַוואוינען דאָרט, איז ער גלייך צוריק געקומען אַהיים מיט דעם באַשלוס אַז ער פאָרט קיין ישראל.

די עלטערן האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָרט אונז באַגלייטן קיין לידא, און וועט זיך אומקערן צוריק אַהיים. אַזוי זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין לידא צוזאַמען מיט מיין קלענער ברודערל.

אין לידא זענען געווען די דעלעגאַטן פון ישראל פאָרשטייער פון פּאַרטייען, וואָס האָבן געזאָרגט נאָר פאַר זייערע חברים, פאַר אונז האָבן זיי נישט געוואָלט טאָן גאָרנישט, אָבער מיין ברודערל האָבן זיי גענומען אויף זייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און צוגעזאָגט מטפל זיין מיט זיין פאָרן קיין ישראל.

כ׳האָב זיך געזעגנט מיט מיין יונג ברודערל און טרערן האָבן מיך געשטיקט, כאָטש כ׳האָב געקלערט, אַז סוף סוף וועלן מיר זיך באַגעגענען אינגיכן אין ישראל, האָבן אָבער די טרערן זיך געקוויקלט און גערינען פון זיך אַליין.

* * *

אין דער נאַכט ווען מיר זענען אַרויס פון לידא, איז געווען אַ שרעקלעכער שניי שטורם, אַלע וועגן האָבן זיך באַדעקט מיט שניי און מ׳האָט נישט געוווּסט וווּהין צו גיין. אונזערע וועג־פירער האָבן געבלאָנדזשעט און ס׳איז נישט געווען קיין אויסוועג. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכע פינסטערע און קאַלטע נאַכט און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו מיר זענען און ווו זאָלן מיר גיין. אָבער בלייבן שטיין האָבן מיר מורא געהאַט, ווייל מיר וואָלטן געוואָרן פאַרוואַנדלט אין שטיקער אייז.

פלוצים האָבן מיר געהערט אַ געשריי אויף רוסיש:

— בלייבן שטיין!

מיר זענען ווידער אַרײַנגעפאַלן צו די רוסן.

8 טעג האָט מען אונז געהאַלטן אויף אַ פּלאַץ וואָס כ׳ווייס נישט ביז היינט ווו דאָס איז געווען. מ׳האָט אונז געפּאָרשט אַלס שפּיאָנען, דעזערטירער, פאַרע־טער. מ׳האָט אונז צוריק אומגעקערט קיין לידא.

די ערשטע זאַך וואָס ס׳האָט מיך באַאומרואיקט איז געווען דער גורל פון מיין קליין ברודערל. כ׳האָב אים געזוכט אין שטאָט און נישט געפונען. כ׳האָב געפרעגט ביי זיינע פאַרטיי מענטשן, האָט מען מיר געענטפערט:

— ער איז אַריבער די גרענעץ און איז אויפן וועג קיין ישראל.

* * *

כ׳האָב זיך באַרואיקט און זיך אומגעקערט צו דער שטרעבונג פון קומען צוריק קיין ווישניוויץ.

אויפן וועג האָבן מיר באַשלאָסן, אַז ס׳איז מסוכן. דאָרט ווייסט מען אפשר, אַז מיר זענען „דעזערטירער", און מיר זענען אַוועק קיין ראָוונע, פון דאָרט האָבן מיר מודיע געווען די עלטערן אַז מיר זענען צוריק געקומען און מיר זענען אין ראָוונע. אינצווישן האָט אונזערע אַ פריינד פון ווישניוויץ, וואָס איז געווען אַן אָנגענומענער מענטש ביי די רוסן, מודיע געווען מיין טאַטן, אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז זיין זון איז אַנטלאָפן און אונזער משפחה איז אונטערן אויפזיכט פון די מענטשן פון דער מאַכט. בעסער זאָל ער זיך אָפּטראָגן פון ווישניוויץ. זיי זענען אַזוי אַרום געקומען צו אונז.

צוויי יאָר זענען מיר געווען אין ראָוונע און אין 1941 איז אויסגעבראָכן די קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, און ראָוונע איז באָמבאַרדירט געוואָר׳ן. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן ראָוונע און וואַנדערן. די רוסן האָבן געבעטן מיין טאַטן ער זאָל מיטלויפן מיט זיי, אָבער ער האָט זיך איינגעזעגנט, נאָר צוריק פאָרן קיין ווישניוויץ. ער האָט געגלויבט אַז מ׳וועט איבערקומען די דייטשן. ביי די רוסן אין ווישניוויץ בין איך געווען פּסול — האָט ער געזאָגט — מסתמא ביי

זיי וועל איך זיין געווונטשן. עס האָט נישט געהאָלפן אונזערע רייד, אונזערע איבערצייגונגס מיטלען, זיין ענטפער איז געווען אַ קאָנקרעטער:

— כ'האָב געזען די פליטים ביי אונז, נישט כ'וויל און נישט כ'האָב כוח צו זיין אַ פליט, זיך וואַלגערן אין די גאַסן און זיין אָפּהענגיק פון פרעמדע חסדים.

* * *

ער האָט אונז געשלעפט אַהיים קיין ווישניעוויץ. מיר האָבן געמוזט אים מוותר זיין.

קיין ווישניעוויץ זענען מיר אָבער נישט אָנגעקומען. דער וועג איז געווען, צעשאָסן, צעשטערט און צופיל פונקטן זענען שוין געווען באַזעצט דורך די דייטשן. מיר האָבן זיך מיטגעשלעפט מיט אַ שטראָם פון פליטים. 200 קילאָמעטער זענען מיר געגאַנגען צופוס ביז נאָוואָגראַד־וואָלינסק. דאָס זענען געווען 5 טעג פון גיהנום. די עראָפּלאַנען זענען געפלויגן נידעריק און האָבן געזייט פייער און טויט אַרום אונז. פון אַלע זייטן זענען געפאַלן מענטשן, ראַנירטע און טויטע, די באָמבעס האָבן נישט אויפגעהערט צו פאַלן אויף אונזערע קעפ. נסים זענען אונז געשען.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט ראָוונע, האָבן מיר געקריגן אַ ידיעה אַז מיין ברודער אליעזר געפונט זיך אין יאַנאָווע נעבן קאָוונע אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. ער איז אָנגעקומען בשלום, לויט דער ידיעה, און וועט צוזאַמען מיט אַלע פאָרזעצן זיין וועג קיין ישראל. דאַנקן גאָט.

דאָס האָט אונז פאַרלייכטערט אונזער וואַנדערן. מיר האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג אַז אליעזר וועט קומען קיין ישראל און וועט אונז אַרויסנעמען צו זיך.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָבן מיר זיך דערוווסט אַז ער איז אומגעקומען דוקא אין יאַנאָווע. דאָס האָט פאַרדאָפּלט אונזער ווייטיק. ער איז געווען אַזוי יונג און אומשולדיק. דאָס איז געווען זיין ערשטע רייזע פון דער היים און די לעצטע.

פון נאָוואָגראַד זענען מיר געפאָרן, זיך געשלעפט, אַביסל מיט וואַגאָנעס און אַביסל צופוס, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, דורך קיעוו און דניעפּראָפּעטראָווסק. און דאָ בין איך אין די לעצטע טעג פון מיין שוואַנגערשאַפט.

* * *

אונזערע ליידן זענען נאָך גרעסער געוואָרן אויפן וועג קיין קויבישעוו, דאָרט האָט מען אונז פאַרשיקט מיט אַנדערע פאַרדעכטיקע, געקריוודעטע פון גורל און נעבעכדיקע. דריי וואָכן זענען מיר געפאָרן אין וואַגאָנען פאַר בהמות, אין יעדן וואַגאָן זענען געווען אָנגעפאַקט 90 מענטשן, אַלע זענען געשטאַנען. מ'האָט נישט געקענט זיך רירן, נישט זיצן, נישט ליגן. 20 טעג זענען מיר אַזוי געשטאַנען אָן ברויט און אָן וואַסער. שטייענדיק געשלאָפן, און אויך די מענטשלעכע באַדערפענישן געמאַכט שטייענדיק און אויפן פלאַץ, און אַזוי איז מען געפאָרן.

אויף יעדער סטאַציע וואָס די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, זענען מיר אַראָפּגעשפרונגען און געפרווווט צעגראָבן די פאַרפרוירענע ערד, און אַרויסגעשלעפט

רעשטלעך פֿון מייערן, בוראַקעס און אַנדערע וואָרצלען, כּדי צו פֿאַרשטילן אַביסל דעם אַפּעטיט און פֿאַרשלאָפֿן דעם הונגעריקן מאָגן.

אַלע מאָל האָבן מיך אָנגעכאַפּט ווייען, כ׳האָב געקריגן אַ שרעקלעכן פּחד, וואָס וועט זיין אַז כ׳וועל געבוירן דאָ אויפֿן פּלאַץ אין דעם ענגשאַפּט און שטייענדיק, כאַר אַלעמען אין די אויגן. דאָס האָט מיך דערשלאָגן מער ווי אַלעס.

אינצווישן זענען מיר אָנגעקומען קיין פענזא און די אָנפירער אונזערע זאָגן אַז מיר בלייבן דאָ 3 טעג. כ׳בין באַלד אַראָפּ און געגאַנגען פרעגן אַן עצה פון אַ דאָקטער. דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט, אַז נאָך 2 וואָכן קען איך מיך שלעפּן און פאָרן. מיר האָבן זיך צעלאָזט, זיך געשטעלט אין די רייען צו קריגן אַ פּאָר פּאָרציעס ברויט, כּדי צו קענען פאָרזעצן דעם וועג.

ביינאַכט האָב איך זיך געפֿילט זייער שלעכט, ס׳האָבן מיך אָנגעכאַפּט זייער שווערע ווייען, און 1 אַזייגער ביינאַכט האָב איך געבוירן מיין עלטסטן זון. פֿאַר די צוויי וואָכן, וואָס דער דאָקטער האָט מיר געגעבן.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען אונז געשיקט אין אַ קאָלכאָז אין אַ דאָרף וואָס הייסט לונינאַ. קיין קליידונג האָבן מיר נישט געהאַט, אויך נישט פֿאַרן קינד. דער וועג איז געווען פול מיט סכנות, די קעלט איז געווען אָנערטרעגלעך. ווי אַזוי מיין קינד האָט זיך איבערגעשטאַרקט און אויסגעהאַלטן, קאָן איך נישט פֿאַרשטיין. מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז נאָך 2 טעג וועלן מיר אָנקומען אין קאָלכאָז, און מיר וועלן האָבן 4 ווענט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, ס׳וועט זיין ברויט און אַביסל וואַרעמקייט.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַן אָרעמען קאָלכאָז און די מענטשן זענען געווען געוואוינט צו דעם אָרעמקייט, אַלע האָבן געהונגערט. מיר האָבן געקריגן 4 קילאָ מעל אַ חודש פֿאַר אַ מענטש. קיין שטוב האָבן מיר נישט באַקומען, מ׳האָט אונז געגעבן אַ געצעלט פון ליים, אַ „זעמלאַנקע” אָן אַן אויוון און די קעלט איז אַריינגעדרינגען דורך די שפּאַלטן פון די ווענט. דעם הונגער האָבן מיר נאָך, ווי עס איז אויסגעהאַלטן, אָבער די קעלט האָט אונז אויסגעמאַטערט און ס׳האָט זיך אָפּגעגליסט דאָס לעבן. מיר זענען געבליבן לעבן נאָר ווייל מיר האָבן געזאָרגט פֿאַרן קינד.

מיין טאַטע האָט נישט געקענט אויסשטיין די שוועריקייטן און איז געשטאָרבן פון הונגער, אַ שטיקל צייט נאָכן אָנקומען אין קאָלכאָז. מיר האָבן נישט געקענט אַרויס פון אונזער „זעמליאַנקע” אים צו באַערדיקן, זי איז געווען איינגעזינקן טיף אין שניי. 3 טעג איז מיין טאַטע געלעגן טויט מיט אונז צוזאַמען אין וואוינונג. מיר האָבן אים נישט געקענט ברענגען צו קבורה. דעם פערטן טאָג האָבן מיר זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט כח, געעפנט די טיר און אַרויסגעגאַנגען. מיר האָבן זיי מודיע געווען אַז מיר האָבן ביי זיך אַ געשטאָרבענעם. אויף זיי האָט עס נישט געמאַכט קיין ווירקונג, ס׳איז געווען נאָך אַזעלכע. צו גראָבן אַ קבר איז געווען אָנמעגלעך, זיי האָבן געהאַט אַן אָפענעם גרוב שוין פון אַ פּאָר וואָכן און דאָרט

זענען געלעגן עטלעכע פאַרפרוירענע טויטע קערפּערס. זיי האָבן מיין טאַטן אויך אַראָפּגעלאָזט און דעם אָפּענעם קבר צוזאַמען מיט אַלע אַלטגעבאַקענע מתים.

מיין טאַטע ליגט דאָרט מיט נאָך 10 מענטשן פון אַלע נאַציעס. מיין טאַטע איז נישט געקומען צו קבר ישראל. איך בין נישט פון די וואָס גריבלען זיך צו־פיל אין רעליגיע, אָבער כ׳וואָלט באַצאָלט אַ טייערן פּרייז, ווען כ׳וואָלט קאָנען אויסלייזן מיין טאַטן פון דעם ברידער־קבר און ברענגען אים צו קבר ישראל, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט און געטרוימט.

ווער ווייסט ווען כ׳וועל דאָס דערלעבן אויסצופירן.

⁂

קרבנות האָט דאָס יידישע פאָלק געבראַכט. מיר האָבן זיי פאַרשפּרייט און פאַרזייט אויף דער גאַנצער וועלט. הלואי וואָלטן מיר כאָטש געקענט זייער שאַנדע נאָכן טויט אַראָפּנעמען און ברענגען זיי צו קבר ישראל. ס׳האָט זייער טויט און קרבן נישט געבראַכט אַ נוצן פאַר ישראל. זאָל כאָטש זייער קבר זיין אין ישראל, זיי און מיר זאָלן האָבן אַן אַדרעס.

אונזער
שטעטעלע
נעבעך

ח. רבין

ווישניעוויץ לויט איר היסטאָריע און לויטן יזכור־בוך

אַריינפיר

אַלץ וואָס ס'איז איבער ווישניעוויץ געשריבן אין די היסטאָרישע קוועלן באַ־צייט זיך צו ניי־ווישניעוויץ, געמיינט דאָס ווישניעוויץ וואָס ווערט באַהאַנדלט אין אונזער בוך. אָבער אַזוי ווי דער אור־אַלטער יידישער יישוב אין איר הויבט זיך אָן אין אַלט־ווישניעוויץ, מוזן מיר פון יידישן שטאַנדפּונקט זיי ביידען זען אַלס דעמאָגראַפישע איינס, וואָס ערגעץ אין אירע היסטאָרישע ענדערונגס־שטופן זענען איינגעטראָטן אויך געאָגראַפישע ענדערונגען, אַזוי ווי דאָס איבעריקן די שטאָט פון באַרג אין טאָל, אָדער פאַרקערט אין דער זעלבער אומגעבונג און פּלאַץ אוח דעם זעלבן פאָרשונגס רוים וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ. אַזעלכע געאָגראַפיש־סטראַטעגישע ענדערונגען זענען בישט זעלטן און נישט ניי אין דער געשיכטע פון יידישע און נישט יידישע שטעט.

די צוגענגליכע קוועלן וועלכע זענען אַממערסטן פּוילישע, זענען אָרעם אין זייערע יידישע פּרטים, און מיר מוזן זיך אַרויסהעלפן אין אונזער אָפּהאַנדלונג מיט כראָניקאַלע פּאַראַלעלן, דאַטום־פאַרגלייכונגען, כדי אַרויסנעמען דאָס וועזנט־לעכע פאַר אונז. און, ס'מוז געזאָגט ווערן, אַז דאָס איז זייער שווער און זייער העפּאָטעטיש. אָבער יעדע היסטאָרישע פאָרשונג איז אין גרונט גענומען נישט מער, ווי אַ גרונט־לאַגע פון היפּאָטעזן, אַרויסגעגלייכטע פאַקטן, וואָס זענען באַזירט אויף פּאַראַלעלן און אַנאַלאָגיעס און די היסטאָריע אַלס גאַנצעס קאָן אַנדערש נישט געפאָרשט ווערן.

ווישניעוויץ אין דער געשיכטע און אין די קוועלן

לויט דער „ענציקלאָפּעדיאַ פּאָווּשעכנאַ" (וואָס איר אויסצוג ברענגען מיר גאַנץ ביים סוף) איז דער זאַמעק געגרינדעט געוואָרן אין 1395 יאָר אָבער „די שטאָט אַליין און איר אומגעבונג און פעריפעריע... ווערט דערמאָנט אין 1494".

אויך דער „וועגווייזער פאַר וואָלין", ווייזט אָן דאָס פירצענטע יאָרהונדערט אַלס גרינדונגס צייט פון „דעם שטעטל ניי ווישניעוויץ נעבן דאָרף וואָס הייסט אַלט ווישניעוויץ".

וואָלין וועלכע ווערט פאַרעכנט אין דער געשיכטע אַלס הויפּט טייל פון רייסן (זע ד"ר שיפּער) איז געווען יידיש באַוווינט נאָך פון 10־טן יאָרהונדערט און אָרגאַניזירט אין קהלות, וואָס די בולטסטע פון זיי איז געווען אין לודמיר און האָט עקזיסטירט פּאַראַלעל צו קיעוו — די עלטסטע קהילה אין מזרח־איירָאָפּע.

אין דער יידישער זידלונג אין וואָלין זענען בולט צוויי דאַטומס, וואָס האָבן באַווירקט דאָס עטנאָגראַפישע געשטאַלט פון די יידן דאָרט. דער ערשטער דאַטום

איז 1113 דאָס פּאָגראָמען־יאָר פון פּרינץ מאַנאַמאַך פון קיעוו, וואָס האָט דערפירט צום יידישן גירוש פון קיעוו און דער צווייטער 1169 דאָס יאָר פון אונטערגאַנג פון כאַזאַרעישן קעניגרייך וואָס האָט באַוויגן צו אַ קאַטאַסטראָפן־אויסוואַנדערונג פון: די יידן פון דעם קעניגרייך אין דער שויס פון פּוילישע פּרינצנטומס וועלכע זענען דאַן געווען ליבעראַל, קעגנגעשטעלט צו דער קאַטאָלישער קירכע און איינגעלאַדן צו זיך יידן פון דייטשלאַנד און ביימן, כדי זיי זאָלן דינען אַלס בעשנעלונגס פאַקטאָר צו דער אַנטוויקלונג פון אַ ווירטשאַפט גינסטיק פאַר זיי.

אין דער צייט, וואָס קיעווער עמיגראַציע ברענגט קיין פּוילן יידן פינאַנס־ספּעציאַליסטן און פעלדס ווירטשאַפטלער באַזירט אויף פעלד־גערעטעניש האַנדל. אַזוי ברענגט מיט זיך די כאַראַזעישע עמיגראַציע פעלדס מענטשן ממש, ערד אַרבעטער און פעכטער צום באַדאַרף.

די צוויי יידישע עלעמענטן האָבן באַרייכערט די פּוילישע פּרינצנטומס אין מאַזאָוויען, קויאַווא און קליין־פּוילן, און זענען אויך געווען געוווּנשענע און געזוכטע אין די פּרינצנטומס פון די פּאָליאַקן אין אוקראַינע. זיי זענען דאָס געווען די שטייער קאָלעקטאָרן, עקאָנאָמען און פינאַנסן מענטשן אין פּרינצס גיטער. זיי האָט ער געהאַלטן אַלס פאַרמיטלער און ברעמזע קעגן די אוקראַינעשע פאַרשקלאַפטע, וואָס זענען געווען צאָלרייכער פון די פאַרשקלאַפער.

ס'איז צום אָנעמען, אַז אויך קיין ווישניוויץ — דאָס ליבעראַלע פּוילישע פּרינצנטום — זענען אָנגעקומען אַזעלכע געיאָגטע יידן און זיי האָבן דאָס אָנגעגעבן דעם אָרט אַ שטאָטישן כאַראַקטער, וואָס איז געווען אין די אויסשליסלעכע מוניציפּאַלע פאָרמירונג פון יידן אין רייסן. די צוויי אויבנדערמאָנטע קוועלן וואָס רעדן וועגן „ווישניוויץ און פּעריפּעריע" און „דאָס שטעטל נעבן דאָרף", געבן אַ גענוגנדע אַנדייטונג, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ יידישן יישוב וועלכער האָט שטענדיק זיך פאָרמירט נעבן דאָרף און פּעריפּעריע.

וועגן אַ כריערדיקער עפּאָכע איז בכלל נישטאָ קיין היסטאָריע. ווי באַוווּסט האָט די טייל וועלט נישט געהאַט קיין געשריבענע געשיכטע און היסטאָריקער באַנוצן זיך לגבי איר מיט דאָ און דאָרט פרעמדע אָנדייטונגען און די נוצען מיר אויך אויס צו אונזער איצטיקן איבערבליק.

ס'איז אַלזאָ אָנצונעמען, אַז יידן אין ווישניוויץ האָבן זיך איינגעוואָרצלט ווי אין גאַנץ וואָלין אין סוף עלפטן, אָנפאַנג 12־טן יאָרהונדערט ווי עס ווייזט אָן ד"ר י. שיפּער: „— — — אַהער (ד.ה. אוקראַינע־פּוילן — ח. ר.) האָט געשטראָמט יידיש כאַזאַרעישע עמיגראַציע סיי אין צייט פון עקזיסטענץ פון כאַזאַרעישן קעניגטום און סיי אין די טעג פון איר חורבן. אַמשפּעטסטן פאַלט אויס דאָס געשפּראָץ פון יידישע זידלונגען דאָ אין 11—12־טן יאָרהונדערט" (יידישע עקאָנאָמיען געשיכטע 50/218).

אַלענפאַלס אין 1597 ווערט ווישניוויץ דערמאָנט שוין אַלס שטאָט, און אַלס

שטאָט וואָס פֿאַרנעמט אַ פּלאַץ אין יידישן אָרגאַניזירטן לעבן דאַן (פּנקס דד״א). דער פֿאַקט אַז דאָ קומט פֿאַר „דער צוזאַמענטרעף פֿון די עלטסטע (קעפּ) פֿון די פֿיר קהילות קדושות, נעמלעך: לודמיר, קרעמעניץ, לוצק און אוסטרה״ ציינט צוויי וויכטיקע פּרטים. ערשטנס אַז ווישניוויץ איז געווען אַ גרויסע יריד־שטאָט, ווייל אַזעלכע צוזאַמענטרעפֿן פֿון ועד ארבע הארצות פֿלעגן נאָר פֿאָרקומען אין געלעגנהייט פֿון ירידים וויכטיקע (לובלין, קראָקאָוו, לוצק א.אַ.). צווייטנס איז אין ווישניוויץ איז געווען אַ פּלאַץ, אַ זאַל, אַ שטוב פֿאַר אַזעלכע וויכטיקע צו־זאַמענפֿאָרן, דאָס מיינט אַ גרויסע קהילה קלויב פֿון אַ בכבודיקן ראַבינאַט. צוויי אַזעלכע קאָנפֿערענץ־באַדינגען וואַקסן נישט אויס איבער נאַכט. קלאָר איז, אַז זיי זענען דער פּראָדוקט פֿון אַ לאַנגיעריקן עקזיסטענץ פֿון אַ יידישער אָרגאַניזירטער געמיינדע. קלאָר איז, אַז נישט אין איין טאָג צעוואַקסט זיך אַ יריד שטעטל, אַ ראַבינאַט שטאָט און אַן אַדרעס פֿאַר צווישן ראַיאָנען צוזאַמענטרעפֿן.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דער פֿאַל מיטן ווישניוויצער רב אין 1781 וועל־כער האָט אויפֿגענומען דעם קעניג סטאַניסלאַוו אוגוסט מיט אַ פּלאַם־רעדע אין דער לאַטייניזשער שפּראַך. ס׳איז אינטערעסאַנט אַן און פֿאַר זיך, אַז אין דעם יאָר האָט ווישניוויץ זיך ערלויבט אַזאַ רב, וואָס האָט געקענט האַלטן אַ לאַטיי־נישע רעדע. ס׳איז ממש אַ ערן צייגעניש פֿאַר דער קהילה און איר פּראָגרעסיוו־קייט. אָבער אַמאינטערעסאַנטסטן איז אַז אַ פּויליש־קאַטאָלישע ענציקלאָפּעדיע האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק איבערדערציילן דעם פֿאַקט אין פֿאַרשידענע עפּאָכן. נישט אַנדערש ווי דער דאָזיקער ווישניוויצער רב איז געווען אַן אויטאָריטעט אויך לויט זייערע אויפֿפֿאַסונגען און אויב ער איז געווען רב אין דער שטאָט, איז אַ סימן, אַז זי איז ווערט געווען אַזאַ רב.

אין 1765, אין דער פֿאָלקסציילונג, ווערט „ווישניוויצער קהילה ציילט 475 יידן אין אַלט ווישניוויץ, 26 אין ניי ווישניוויץ און נאָך 163 אין די דערבייאיקע דערפֿער״. אויב מיר זאָלן נאָך צוגעבן דערצו נאָך אַ קלאָרן פּרט אַז „אין פֿרילינג 1653 זענען געקוילעט און דערמאָרדעט געוואָרן יידן אין ווישניוויץ און זייערע הייזער פֿאַרניכטעט ווען די טאַטאַרן האָבן זיך אומגעקערט פֿון בערעסטעטשקי״ (יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיא) וועלן מיר זיכער קאָנען זאָגן, אַז אין 17־טן י.ה. האָט ווישניוויץ געגאָלטן אַלס אַדרעס פֿון נקמה פֿאַר די טאַטאַרן וואָס האָבן געמוזט שטילן זייער מפּלה אין בערעסטעטשקי. און נאָך דעם אַזעלכע ציפֿערן אין 18־טן י.ה. איז אַ סימן דאָס אָרט און די קהילה, האָבן געצויגן יידן צו זיך און נישט אָפּגעהאַלטן זיי פֿון באַזעצן זיך יעדעס מאָל איבערנייעס.

אין 1847 האָט די „ווישניוויצער יידישע קהילה״ געציילט 3178 נפֿשות.

אין 1897 זענען אין שטעטל געווען 4196 איינוווינער, פֿון זיי 2980 יידן. ד. ה. אַ פֿאַרקלענערונג פֿון 9.4 פּראָצענט אין לויף פֿון 50 יאָר. ס׳איז אַ דערשטוינטער פֿאַקט, אָבער אַזעלכע פֿאַלן געשעען אָפֿט אין יענער צייט אויך אין אַנדערע

שטעט, לויט די פֿאַרשידענע היסטאָרישע קוועלן און דאָס געהערט נישט צו אונזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג.

ווישניעוויץ לויטן יזכור בוך

דאָס יזכור בוך אונזערס איז אייגנטלעך דער לעצטער שטאָט־פּנקס, וועלכער שליסט אָפּ טראַגיש איר עקזיסטענץ און פֿון אים לאָזט זיך אַרויסלערנען וואָס אַזוינס איז געווען ווישניעוויצער קהילה, **דאָס איז דער לעצטער** און כּאַרטרוילעכע קוועלע איבער איר. אַזוי ווי די רעדאקציע פֿון בוך האָבן שטאַרק אַכט געלייגט, אַז וואָס ס'ווערט דערציילט אין אים זאָל דורכגיין אַ זאַלעכע קאָנטראָלע און אַפֿילו ווען עס האַנדלט זיך אין דעם שילדעריש־עמאָציאָנעלן מאַטעריאַל האָט ער געמוזט אויסשטיין דעם פֿאַקטן־עקזאַמען קאָנען מין אָנעמען די אַלע כּאַקטן פֿון דעם בוך אַלס גרונט־פֿאַקטן פֿאַר היסטאָריקער, וואָס וועלן אַמאָל וועלן שרייבן די געשיכטע פֿון ווישניעוויץ ערב איר אונטערגאַנג.

און אָט פֿון די אַלע נאָטיצן פֿון אַלע באַטייליקטע אין בוך, וועלכע זיינען כמעט אַלע דורכגעפלאָכטן מיט ליבע און אמת, הייסקייט און תמימות קאָן מען מאַכן דעם אויספֿיר, אַז דער חן פֿון אָרט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַלע טאַטן פֿון די ווישניעוויצער איינוווינער. די אויסערגעוועגלעכע לאַנדשאַפֿט פֿון שטאָט, דער גרויסער הורין־טייך, דאָס וועלדל און דער פּאַלאַץ, די אַלע כלומרשט גוישע רעקוויזיטן האָבן געלייגט זייער יידישן שטעמפּל אויף איר און האָבן צוגעגעבן איר יידנטום אַ באַזונדערע באַפֿאַרבונג.

דאָ איז יידישקייט באַשטאַנען ווי ביי אַלע יידן אויפֿן כלל אַז „ווער עס זאָגט ווי שיין איז דאָס פעלד שטעלט איין זיין נשמה”. און דאָך קאָן זי נישט אָפּזונדערן זיך פֿון דער שיינער לאַנדשאַפֿט און זאַפּט איין איר זאַפּטיקייט און דאָס פעלד מיטן בוים רעגן אירע נשמה געפילן און אַבסאָרבירן פֿאָלקאָם איר גייסטיקן וועזן. דער פּאַלאַץ וואָס איז אַ ביישפּיל פֿון מענטשלעכן שטייגן צום באַפּעסטיקן, צו די הויכן, צום שיינקייט און הערשונג, האָט באַגלייט דעם יידן אין ווישניעוויץ פֿון זיין פֿריסטער קינדהייט אָן.

און ס'איז אומעגלעך געווען אַז דאָס דאָזיקע יידנטום זאָל בלייבן אויסגעדר'יקט און פֿאַרטריקנט פֿון דעם גוטן עולם־הזה'ניש ווי פּראַכט און שטאָלץ באַהערשן דיינע אַלע חושים און שטעלן אַ קעגנזאַץ צום יידישקייט אַלס „הימל באַגריף”.

ס'איז אומעגלעך געווען ס'זאָל זיך נישט שאַפֿן דאָ אַ יידישקייט צוזאַמענגעשטעלט פֿון יידן וואָס גאַנץ מיט זייער יידישקייט לאָזט זיי דאָך נישט זייער קינדהייט די אָנגעזאַפּטע מיט נאַטור פּראַכט און פּייזאַזש זיי זאָלן זיך פֿאַרשליסן און פֿאַרגרענעצן פֿון אַלעמען וואָס באַלאַנגט דער איצטיקער וועלט.

דערפֿאַר האָבן אויך זייערע אויספֿירונגען פֿון די יידישע וועלט־און־צוקונפֿט

פּראָבלעמען זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אין דער פּראַכט־פּריזמע און אַלע זייערע געזעלשאַפט טאַטן זענען באַפאַרבט פון זיי.

דערפאַר טרעפן מיר דאָ יידן יראים ושלמים, וואָס באַפעסטיקן זייער גלויבן מיט רייפן פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. דאָך ווערן זיי נישט מיטגעשלעפט אין זייער פאַנאַטיזם אין גייסטיקן געשפּליטער און די דאָקטרינערע פּערמענטירונג פון הלכה איז נישט אָנזעבאַר ביי זיי.

דערפאַר שטייגן דאָ ערדישקייט געמיטן, ברידער צו דער באַזונדערער ווישניוויצער באַפאַרבונג האַלטן זיי זיך צוזאַמען און לאָזן נישט אַז פרעמדע צו ניכטערע ווינטן זאָלן זיך דאָ צופּיל צעבלאָזן. ס׳איז דאָ אַ שיקזאַל־שותפות, אַ געמיינזאַמע זאָרג און קעגנזייטיקע הילף, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין קעגנזייטיקע מיינונגס אויפצוואַנג, ווייל ווער ס׳וואַרעמט אויס אין זיין נשמה וואַרעמע קינדער איבערלעבונגען קאָן נישט זיך איינפּענטן אין טריקענע הלכה פּענטיס און געפילן־פאַרשטיינערונג און עס שאַפט זיך דאָ אַ יידישקייט פון האַרץ און ברידערלעכקייט, וואָס האָט אין זיך די ערדישע באַלדיקע באַפאַסונג פון מענטש.

דערפאַר האָט אויך די ווישניוויצער יוגנט ליב איר קינדהייטס־פּייזאַזש און ס׳פאַרדריסט איר זייער, ווען דער פּייזאַזש ווערט ביי איר אַוועקגערויבט צוזאַמען מיטן פּאַלאַץ און ווערט אַוועקגעשענקט צו פרעמדע, דער פּאַלאַץ מיט זיינע סעדער וואָס זענען אירע און געהערן צו איר נשמה. ווען זי זעט אַז ער איז פלוצים פאַרשלאָסן פאַר איר שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמע אין איר האַרץ און זי ברויזט. פון איין זייט איז געבונדן מיט ליבע צום אָרט, ווי אַן אָרט וואָס מ׳קאָן אין אים לעבן ווען נאָר מ׳וואָלט לאָזן און פון דער צווייטער זייט דער צוואַנג צו לעבן אין אים, וועקט אויף אין איר אַ דראַנג נאָך אַזעלכע פלעצער, אַליין זיי שאַפן און אַליין זיין בעל־הבית אויף זיי. די ביידע געפילן פלעכטן זיך צונויף און באַווירקן פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס זוכן אַן אויסדרוק און ענטלאַסטונג, אַזוי שאַפט זיך ביי דער יוגנט אַ יסוד פאַר ציוניסטישן דראַנג וואָס איז ערדישקייט און שטאַנדהאַפטיקייט און אַן ענגע פאַרבינדונג פון מענטש און פּלאַץ ווו קיינער קאָן אים נישט אַוועקרירן פון דאָרט. אָדער ווי גערופן אָפיציעל קאָנקרעטער ציוניזם אין קעגנזאַץ צו משיחישן ציוניזם.

מיר שטויסן זיך אָן אין ווישניוויץ דאָ און דאָרט אין צעפלאַקערונג פון חסידות, אָבער אין זעלטענע פאַלן, דאָ איז נישטאָ די רביישע הויף פאַנאַטיזם, וואָס ברענגט צו מחלוקת און שנאה. דאָ טרעפן מיר אַ רב מיט אַ דיין צוזאַמען, אָבער דאָס אַנטשטיין פון די צוויי מענטשן־אַנשטאַלטן איז נישט אַ רעזולטאַט פון אַ ברידער־קריג און צעשפּליטערונג. אויך אין די טעאָרעטישע דיסקוסיעס פון ווישניוויצער יידן הערשט דאָס זאַכלעכקייט און דאָס רואיקייט פון דער לאַנדשאַפט וואָס בויגט איין דיין שטאַלט און פאַרשטעלט יעדע נייגונג פון שטאָלצקייט, פון איבערזיגן זיך און ווערסט לייכטמעסיק צו מענטשן ווי דו ביזט לייכט צום אָרט.

מיר געפונען נישט אין ווישניוויץ רווישנדע בתי מדרשים און דאָס איבער־טרייבן די ווערט פון בוך, פון ספר און דער כוח צום אַנטלויפן צו אים ווי צו אַן אזיל און שוץ. דאָס מעיין זיין אין אַ ספר איז דאָ אין ווישניוויץ אין אַ געוויסער מאָס, אָבער נישט צופיל לערנען, נישט איבערטרייבן.

און די יוגנט. זי ברויזט דאָס ברויזן פון דור און באַשיינט מיט אירע געדאַנקען פערל די קרוין פון ציוניזם אין שטאָט. זיין ברויזן דריקט אויס דער יוגנט־לעכער מיט אָרגאַניזירטע טאַטן, מיט אויפשטעלן אינסטיטוציעס און באַוועגונגען,



ווישניוויצער ברויזנדע יוגנט

געלט־זאַמלונגען פאַר נאַציאָנאַלע פאָנדן און בינע טעטיקייט, אָבער איבער אַלעס גיט ער זיך אָפּ מיטן קערפּער און אַנשטאַלטן צום אַנטוויקלען דעם קערפּער און הייבן זיין פיזישע פעאיקייטן כדי פיזיש זיך פאַרמעסטן מיט די, וואָס האָבן אים צוגערויבט זיין לאַנדשאַפט און פראַכט און די פאַלאַצן פון זיין קינדהייטס חלומות, און ער קעמפט מיט זיי ביי יעדע געלעגנהייט, און דער פאַרמעסט איז נישט קיין יידיש־מאָראַלישער ווישניוויצער, יוגנט קעמפט גוייש און דריקט אויס זיין צאָרן און ווידערווילן אויפן גויישן שטייגער. דאָס איז זיין ספעציפישקייט.

אין ווישניוויצער יזכור־בוך ווערט באַהאַנדלט אַ ספעציעלע שטאָט מיט ספעציעלע יידן. די דערפער ציען זיך צו דער שטאָט און צו אירע באַשעפטיקונגען ווי צו אַ אייגענעם אָרגאַנישן וועזן. ס'איז כמעט קיין גרויסע אונטערשיידן צווישן די ביידע עטנישע איינהייטן. ס'זיינען דאָ יידן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ערד אַרבעט און אַגראַר־אינדוסטרי און זענען נאָענטער צו דעם פעלד און זיינע געוויקסן ווי די גויים אַרום. יידן דאָ פאַרגעטערן נישט קיין בעלי מופתים און מוסר

מענטשן, רבנים און רביים אַלס פּערזענלעכקייטן, וואָס באַפרוכטבאָרן דיינע געדאַנקען און ווענדן אַוועק דיינע געפילן אין דער ריכטונג פון פאַרבאָרגענעם און אומענטשלעכן, אפילו די לעבנס־געשיכטע פון ר׳ יוסעלע ראַדיווילער, וועלכער האָט געשמ׳ט אויף דער וועלט לעגענדאַר, ווערט דאָ איבערדערציילט אין אַן ערדיש־לאָגישן טאָן, אָפּגעשיילט פון אַלע לעגענדן שאָלן מיט וועלכן זיין ווישניוויצער טאַט ווערט דערציילט אין דער וועלט.

ווישניוויצער קהילה איז אַלזאָ געווען ערדיש און קאָנקרעט, אירע מענטשן טאַט־און־פאַקט מענטשן און איר געזעלשאַפטלעכער וועזן אָנגעפילט מיט דראַנג און ווילן צו אַ פשוט ממשותדיקן לעבן.

פאַקטאָרן פון ראַסן־טעמפּקייט און מענטשן־שנאה האָבן ערשיטערט אויך דאָס יידנטום און אויך זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אירע וואָרצלען און זיך געשפּאַנט און געשטרענגט צו אַ נאַציאָנאַלער צוקונפט.

ווען עס ברעכט אויס די וואַנזין דראַמע פון דער וועלט און מיט איר די יידן־קאַטאַסטראָפע, געפונט דאָ דער אַשמדאי אַ שטאָט, וואָס איז געשפּאַנט צום אַרויס־וואַנדערן פון דאַנען אייגנוויליק אין אַ בעסערער וועלט און זי וויל נאָר אַביסל צייט צום פעסטשטעלן פאַר זיך אַליין, ווו די וועלט איז און וואָס פאַר אַן אויסזען זי זאָל האָבן. מ׳האָט דאָס ווישניוויצער יידנטום נישט באַדאַרפט אויסוואָרצלען, זי וואָלט דאָס אַליין געמאַכט ווען מ׳לאָזט איר נאָר אַביסל אויסדויער.

נאָך איידער זי האָט געוואָלט פון דאַנען אַוועק פאַר איר אייגענער טובה וועגן און צום גונסטן אפשר פון אירע פינצטערע שכנים, איז ער געקומען און זי אויס־געראָטן אָן אַ שום היסטאָרישן באַדאַרף און באַרעכטיקונג.

דורך דעם וואַקסט אויס דער נאַצישער וועלט פאַרברעכן אומגעהויער ביי דער שיין פון ווישניוויץ און קריגט דימענסיעס פון אַ וויסטער נידערטרעכטיקייט און זינד וואָס ס׳איז נישטאָ פאַר זיי קיין פאַרגעבונג און כפרה.

ח. רבין

ווישניוויץ — היסטארישע דאטן

1. ענציקלאָפּעדיא פּאָווּשעכנא (אויסגאבע 1867)

— — — אַ שטעטל אין וואָלינער גובערניע, קרעמעניצער ראַיאָן, ליגט אויפן רעכטן ברעג פון הורין, צווישן צוויי גרויסע אָזיערעס — — — באַקאַנט מיט איר אוראַלטער פעסטונג און איר געשיכטע איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דעם באַרימטן פרינצנטום פון די ווישניוויצער קוריבוטן.

די פעסטונג וואָס נעבן איר איז אויפגעבויט דאָס שטעטל ווישניוויץ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1395 דורך דימיטרי קוריבוטי, דער פרינץ פון סיוויר, וועלכן פרינץ וויטאָלד האָט פון דאָרט אַרויסגעטריבן און אים געגעבן שטחים מיט גיטער אין וואָלין און דאָרט האָט ער אויסגעבויט די נעסט פון זיין דינאַסטיע.

אייניקע שרייבן צו די גרינדונג פון דער פעסטונג זיין אור־אייניקל מיטן נאָמען סולטן.

דאָס שטעטל אַליין און אירע פעריפעריעס דערשיינען נאָר ביי דער שיין פון מלחמות פייערן. ס׳ערשטע מאָל ווערט דאָס דערמאָנט אין 1494, ווען אַ קליינע פוילישע אײנהייט ווערט באַזיגט (דאָרט) דורך קרימער טאַטאַרן.

אין 1500 גיט מען איבער איוואַן דעם גרויזאמען, אַז די טאַטאַרן האָבן רואינירט אייניקע זיינע שטעט, צווישן זיי אויך ווישניוויץ, וואָס די טאַטאַרן האָבן גענצלעך פאַרברענט און גענומען געפאַנגען 5000 מענטשן פון איר אַרום.

אין 1502 דערציילט דער זעלבער קראָניקער, האָבן זי באַפאַלן 9000 טאַטאַרן אין דער שפיץ פון מאַנגאַלי־גיראַי, האָבן חרוב געמאכט מיט פייער און שווערד די אומגעבונג פון ווישניוויץ.

נאָר אין 1512 אין 28־טן אַפּריל, האָבן די פּאָליאקן אָפּגעצאָלט די טאַטאַרן פאַר ביידע זייערע מפּלות, ווען פויליש מיליטער פון 6000 מאַן, אונטער דער קאָמאַנדע פון העטמאַן מיקולאי קאניעצפּולסקי דרינגט אריין אין די רייען פון דעם טאַטאַרישן מיליטער אין דער צאָל פון 24000 מאַן צוויי מייל פון ווישניוויץ נעבן לופּושנה מארדעט אויס צווישן זיי אַ סך און נעמט אין געפאַנגנשאַפט 16000 זעלנער.

פון דאַן אָן האָט דער פיינד נישט געוואגט צוצוקומען צו די מויערן פון ווישניוויץ העכער הונדערט יאָר.

אין 1672 איז דער פעסטונגס פּאַלאַץ רעסטאַווירט געוואָרן דורך יערעמי ווישניוויעצקי, נאָכדעם ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די טערקן צוליב דעם פאַראַט(?) פון די יידן.

אין 1744 נאָכן טויט פון מיכל ווערבאצקי, דער לעצטערווישניוויעצקער, גייען אַריבער זיינע גיטער צו זיינע טעכטער אויגנסקי און זאַמאָיסקי.

אין 1781 האָט פאַרווילט אין ווישניוויץ דער קעניג סטאַניסלאַוו אוגוסט אין די מאָנאַטן אָקטאָבער־נאָוועמבער, כדי צו פירן געשפּרעכן מיטן פּרינץ פּאָוועל דער רוסישער. דאָן ווערט דערציילט, אַז דער רב פון שטאָט האָט אים אויפגענומען מיט אַ הייסער רעדע אין לאַטיין.

אין 1867 געפינען מיר ווישניוויץ אַלס האָלץ געבויט שטעטל, רייך אין האַנדל און אָרעם אין אינדוסטריע. ס'זענען דאָ דאָרט איין פאַבריק פון שטאָפן און עטלעכע גאַרבאַרניעס. זי ציילט דאָן 5000 נפשות.

2. ייעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיא

רעדאקטאָר ד״ר קצנלסון, אויסגאַבע 1908—1913.

— — — אין 1765 ציילט קהלת ווישניוויץ 475 יידן אין דער אַלטער שטאָט, 26 אין דער נייער שטאָט און נאָך 163 יידן אין די אַרומיקע דערפער.

ווי ס'ווערט דערציילט, זענען די יידן אין ווישניוויץ אויסגעשאָכטן געוואָרן אין 1653 יאָר דורך די טאַטאַרן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון ברעסטיטשקי און זייערע הייזער זענען צעשטערט געוואָרן גענצלעך.

אין ניי ווישניוויץ האָט די יידישע קהלה געציילט אין יאָר 1847 — 3178 נפשות און אין 1897 — 2980 נפשות און אַ באַפעלקערונג פון 4196 נפשות.

3. פנקס ועד ארבע ארצות

1. אין דעם פנקס ווערט ווישניוויץ גערופן ווישניטץ וואָס אין וואָיעוואָדיע וואָלין.

2. אין 1597 שרייבט דאָרט אַ רב:

„— — — און איך בין דאָך נישט אָפּגעטרעטן מיט גאָט זיינער הילף און דעם צוזאַמענטרעף אין ק״ק ווישניוויץ, לוצקער קרייז ראַיאָן, ווען ס'האָבן זיך צוזאַמענגעפאָרן צוזאַמען אַלע פירער (קעפּ) פון די פיר הייליקע קהלות. דאָס מיינט מען לאָדמיר, קרעמעניץ, לוצק, אוסטרע. אויך דאָרט האָבן מיר זיך דער־וועקט אין טאָג י״ח אדר און באַנייט די חרמות און די גזרות".

ס'רעדט זיך דאָ וועגן באַיקאָטירן רבנים, וואָס קויפן זייערע בענקלעך (ערטער) פאַר געלט און רבנים וואָס זענען פאַרטאָן אין קבלה — ח. ר.

4. ילקוט וואָלין גיט איבער (פון אונדז נישט קיין באַוווסטע קוועלן)

פון אַ אָפּהאַנדלונג אין ועד ארבע ארצות איבער וואָלין, וואָס איז פאַרגע־קומען אין שטעטל ווישניוויץ אין 1635, ווערן מיר געוווירע, אַז דער רב ר' יו״ט ליפּמן הלר (בעל תוס' יו״ט), שטאָט־רב פון לודמיר, האָט זיך שווער באַקלאָגט, אַז ס'זענען צופיל דאָ פרעטענדענטן אויף רבנים „פאָסטנס" אין פאַרשידענע שטעט־

לעך און די וואַיעוואָדעס און די סטאַראָסטעס מאַכן אַ מסחר מיט פאַרקויפן אַזעלכע פּאָסטנס און ווערן רייך פון דעם. דער תוספות יו"ט האָט געקריגן די קאָמפּעטענץ פון ועד קהלות וואָלין, ער זאָל שטעלן אַ צוימונג דערצו און פאַרווערן (אסר'ן) דאָס קויפן רבנישע פּאָסטנס, וואָס ווירקט שלעכט אויף די פאַרשידענע קהלות.

די זיצונגען פון „ועד הכנסת הוואָלינית" זענען פאָרגעקומען אין די שטעטלעך: קאָזין, קאָריץ, קרעמעניץ און ווישניוויץ.

די הויפט באַשעפטיקונג פון די פרנסים איז געווען די גערעכטע פאַרטיילונג פון די שטייערן.

א וועגווייזער פאר וואלן

פארפאסט דורך ד"ר מיטשיסלאוו ארלאָוויטש

לויט קוועלן:
וואָלינער אַנטיקן — ד"ר זיגמונט מורמיטש;
קונסט און אנטיקן אין וואָל"ן — ד"ר יוזעף פּיאָטרקאָווסקי,
אַרויסגעגעבן 1923 — 1929.

צו דער שטאָט

— — — אין דעם ברייטן טאָל פון אויבערשטן הורין, 22 קילומעטער פון קרעמעניץ, ליגט די שטאָט ווישניוויץ מיט 3500 איינוווינער.

— — — דער וועג פון קרעמעניץ קיין ווישניוויץ איז איבעריק איבערראַשנד. ער גייט דורך דורך ברייטע פרוכטבאַרע פעלדער ביים צופוסנס פון דער פּאָדאָליער הויכ־פלעכע אָן בוימער, אָן וועלדער. אין מיטן וועג פאָרן מיר דורך דאָס דאָרף האַרינקע, וואָס פון אים קוועלט און פליסט אַרויס דער האָרין, דער גרעסטער און שענסטער טייך פון וואָלין.

— — — ווישניוויץ זעסטו דייטלעך נאָר ווען קומסט אַרויף דעם לעצטן באַרג פאַרן שטעטל. פון דעם באַרג לאָזן מיר זיך אַראָפּ טיף אין אַ טאָל. די שטאָט באַווייזט זיך דאַן אויסערגעוויינלעך מאַלעריש, ווען איבער די דעכער פון די קליינע הייזער דערהייבט זיך דער דאַכטורעם פון דער קאַרמעליטן קירכע.

איר געשיכטע

ווישניוויץ איז די נעסט פונעם מעכטיקן פרינצנטום פון דער משפחה ווישניוועצקי, וואָס שטאַמט פונעם פרינץ דימיטער קוריבוט, דער זון פון אלגערד.

אין סוף פונם 14־טן י. ה. האָט ער געגרינדעט דאָס שטעטל ניי־ווישניוויץ נעבן דאָרף אַלט ווישניוויץ.

די ערד גיטער פון ווישניוויץ האָבן געהערט צו דער משפחה ביז איר ענדיקן זיך מיטן טויט פון מיכאל סערוואַץ, — — — דער גובערנאַטאָר פון ווילנער גובערניע, וואָס איז געשטאָרבן אין 1744. דאַן גייט איבער ווישניוויץ מיטן גאַנצן פאַרמעגן פון די ווישניוויצקיס אַלס נדן פון זיין אייניקל קאַטאַזשינה צו די מנישכעס. דאָס גוטס האָט פאַרפונדעוועט זייער פאַמיליע און געבליבן אין זייערע הענט ביזן אָנהויב פון 19־טן י. ה. דאַן גייט ווישניוויץ מיט איר פעריפעריע אַריבער צו די פליאַטערס און אין 1852 ווערט עס פאַרקויפט דורך גראַף אַנדזשיי פליאַטער צו די רוסן.

דאָס ווישניוויצער פּרינצנטום האָט זיך אויסגעברייטערט אויף שטח פון 900 קילומעטער קוואַדראַט און האָט אַרומגענומען אַ צאָל שטעטלעך און 16 דערפער. ווישניוויץ געפינט זיך אויפן הויכן צפון ברעג פון האָרין, וואָס שאַפט ביי דער שטאָט קליינע אָזיערעס, שמוציקע, בלאָטיקע, באַוואַקסענע צום מערסטן מיט געדיכטע וואַסער געוויקסן.

אַזוי גלייך ווי קרעמעניץ און פּאַטשאַיעוו פאַרמאָגט וו. אוראַלטע געבידעס, כאַ־ראַקטעריסטישע פאַרן בירגערטום פון וואָלין אין דעם 18־טן און 19־טן י. ה. די שטיבער זענען געבויט אין קלאַסיש אָדער עמפּירישן סטיל, פון האָלץ באַדעקט מיט ציגל פון דרויסן, דער דאַך הויך און דער פראָנט זייערער באַפּוצט מיט באַלקאָנען און באַלוס־טראַדעס. די קליינע הייזעלעך, וואָס רינגלען אַרום דעם מאַרק רונד אַרום און צע־שפּרייטן זיך אין די זייטיקע געסלעך אַריין געהערן צו די שענסטע הייזער אין וואָלין.

דער פּאַלאַץ (זאַמעק)

דאָס טייערסטע שטיק אַנטיק פון ווישניוויץ איז דער פּאַלאַץ. אויפגעשטעלט האָט אים מיכאל סערוואַצי ווישניוועצקי אין יאָר 1720 אויף די רואינעס פון דער אוראַלטער פעסטונג פון יערמעי ווישניוועצקי. פון אָנפאַנג איז דער פּאַלאַץ געווען פון שפּעטסטן באַראָק סטיל, אין די צייטן פון די מנישכן האָט מען אים פאַרגרעסערט און איבער־געבויט פונדאַסניי לויט דעם ראָקאָקאָ סטיל. לויט ווי עס רעדט זיך אין דעם אָנדענק שילד, וואָס איז איינגעראַמט אין דעם אַריינגאַנגס הויפל, האָט מען געענדיקט דאָס איבערבויען אין יאָר 1781 מיט דעם געלט פון מיכל וואַנדלין מנישך און זיין ווייב אורסולה פון די זאַמויסקיס. דאַן האָט מען געמאַכט איינדרוקס־פולע איינריכטונגען מיט סאַלאָנען און דעקאָראַציעס. די מנישכן האָבן דאָ אויך געהאַלטן אַ אויסשטעלונג פון מאַלעריי בילדער פון די פּאָפּולערסטע אין דער וועלט.

דער אַריינגאַנגס צימער, דער טרעפּן גאַנג און דער טאַנץ־זאַל פון אויבן, זיינען געווען באַצירט מיט 45 טויזנט האָלענדישע פאָרצעלאַן־קאַכלען, אַרומגעראַמט מיט פיגוראַלע קרענץ. אין איין זאַל איז געווען אַ גאַלעריע פאָרטרעטן פון די פּוילישע קעניגן און אין אַ צווייטער — געשטאַלטן פון פאַרשידענע העטמאַנען און אַנדערע באַוווּסטע מענטשן. וווּנדערבאַר איז גווען דער ראָקאָקאָ זאַל מיט די שפּיגלען, דער עס־זאַל, אייניקע אונטערשטע זאַלן און ספּעציעל די ביבליאָטעקן, וואָס די שאַפעס זענען געווען באַדעקט מיט קינסטלעכע מאַלערייען און פאָרטרעטן, אין די צימערן, ווו ס'האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטן סטאַניסלאַוו אויגוסט און צאַר פּאַוועל דער ערשטער

זענען געווען איינגעראַמט אין די ווענט געדענקס שילדן.

ביז דער ערשטער העלפט פון 19־טן י. ה., ווען דער פּאַלאַץ איז געווען אין באַזיץ פון די פּאָליאקן, איז ער געווען ממש אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ, אָבער אונטער די רוסן איז ער צוביסלעך רואינירט געוואָרן.

די גאַלעריע באַוווסטע בילדער פון מאריאנא מנישכובנא איז געוואָרן פאַרקויפט קיין מאָסקווע און קיעוו און מיט איר צוזאַמען האָט מען אַרויסגעפירט דעם גרעסטן טייל פון זיין קינסטלערישן פּראַכט. די געבליבענע קינסטלעכע קאָלעקציעס האָט אָפּ־געראַטעוועט גענעראַל דעמידאָוו, דער אייגנטימער פון פּאַלאַץ אין אָנהייב 20־טן י. ה. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַליין אַ רוס, האָט ער זיך באַצויגן מיט כבוד צו די היסטאָרישע און קינסטלערישע געדעכענישן פון ווישניוויץ.

אין דער ערשטער וועלט קריג האָט גראַף גראָכאָלסקי אָפּגעקויפט די גיטער מיטן פּאַלאַץ צוזאַמען.

אין 1920, מיט דער אינוואַזיע פון די באָלשעוויקעס קיין ווישניוויץ, איז דער פּאַלאַץ גענצלעך רואינירט געוואָרן און זיין פּראַכט צוגערויבט. ס׳זענען נאָר געבליבן פון אים הוילע ווענט. די לעצטע קינסטלערישע דעקאָראַציעס זיינע צוזאַמען מיט די טייערע קאָלעקציעס, און אין דעם אונטערשטן שטאָק האָט מען זאָגאַר אַרויסגעריסן די טייערע פּאָרצעלאַנענע קאַכלען פון די ווענט.

נאָך דער מלחמה האָט דער קרעמעניצער ראַיאָן־ראַט אָפּגעקויפט דעם פּאַלאַץ פאַר 40.000 דאָלאר און אים רעסטאַווירט און צוגעפּאסט אים פאַר אַ פאַך־שולע, א יתומים הויז און אַ שפּיטאָל.

דער גרויסער סאָד פון פּאַלאַץ, וואָס איז פאַרפלאַנצט אויף די הויכן פון אַ בערגל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צום האָרין און וועלכע האָט זיך אויסגעברייטערט אויף אַ שטרעקע פון 3000 דונאַם אומגעפער, איז געווען איינער פון די שענסטע און גרעסטע סעדער אין וואָלין.

דער פּאַלאַץ שטייט אויפן פלאַץ פון דער ווישניוויצקי פעסטונג, וועמענס שוץ ראַמפּעס און גרובנס זענען נאָך דאָ דאָרט ביז היינט. אין דער פעסטונג איז געבוירן געוואָרן פּרינץ יערעמי ווישניוויצקי, דער פאָטער פון קעניג. אין יאָר 1640 האָט ער געבויט אַ שוץ פּאַלאַץ אויפן אָרט פון דער פעסטונג אין 1672 האָבן אים די טערקן גענצלעך רואינירט און אויסגעוואָרצלט אַלע איינוווינער פון שטאָט.

אויף דעם ברעג־האָרין אַנטקעגן שפּרייט זיך אויס אַלט־ווישניוויץ, אַ דאָרף פון 1900 נפשות וועלכעס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן אָרט פון דעם פאַריקן יישוב.

אבראהם בלום

אוצר הזכרונות

אפילו אדם מת בספינה,
הנפש הולכת אצל אבותיו.
(רבי תנחומא)

פונקט ווי עס איז וויכטיק צו וויסן דעם שורש פון אַ מענטשן, ווען מען איז אים מספיד ביום המות, אַזוי איז אויך וויכטיק צו וויסן די געשיכטע פון ארץ מולדתו, ספּעציעל ווען דאָס אָרט איז חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט די קדושים. און מיר קאָנען קיינמאָל נישט האָפן, איבער הונדערט יאָר, צו פאַרלאַנגען פון אונזערע קינדער דעם יידיש־טראַדיציאָנעלן פאַרלאַנג — „ושכבתי עם אבותי״, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין סימן, קיין מצבה, קיין שטיין, וואו אונזערע ליבסטע און טייער׳סטע ליגן באַהאַלטן, און וואו אויף קבר אבות צו געהן צו פאַרגיסן אַ טרער אָדער מורמלען אַ תפילה מיט האַרץ־ברעכענדן געוויין פאַר זייערע הייליקע נשמות. און פונקט ווי אַ בלינדער טאָר נישט מאכן די ברכה פון יוצר המאורות, ווייל ער קען דאָס ליכט פון טאָג נישט זען, אַזוי קאָנען מיר נישט מקיים זיין די מצוה פון מתפלל זיין אויפן הייליקן אָרט, אָדער אַנטקעגן די מערות אין וועלכע זייערע צער׳יסענע ביינער האָבן זייער רו געפונען, אויסמעסטן זייערע קברים און זיך אָנזאַפּן מיט זייער נשמה לופט.

אָבער לנפשי יש ישועתה, אַ טרייסט קענען מיר באַהויפּטן מתקן צו זיין זייערע נשמות, צוזאַמען מיט די נשמות פון אַלע דורות, וועלכע זענען אומגע־קומען אויף קדוש השם — דורך באַהעפטן אונזערע הערצער מיט אַ נר תמיד פאַר זייער הייליקן אָנדענק, און דורך צדקה און גמילת חסדים און ברידערלעכע ליבע, וואָס איז דער עטישער און נאָבעלער באַגריף פון „יזכור״ און רמז אויף „לשבר ומכניעה את הלב״. אָט דאָס הייליקע יאָרצייט ליכט קאָן די צייט און דאָס לעבן נישט אויסלעשן, ווייל עס באַלאַנגט צו דער אייביקייט „נר ה׳ — נשמת אדם״.

איך וויל נישט און קען נישט מער מוסיף זיין אין מיין איכה — „אין תופס בצערי״, ווייל איך פאַרמאָג נישט קיין רייכטום און ווערטער צו געבן אויסדרוק אין מענטשלעכער שפּראַך דעם טראַגישן אונטערגאנג פון אונדזערע ליבסטע; די געפילן פון אונזער גרויסן פאַרלוסט זענען צו טיף און די וואונדן צו פריש, — מיט ווערטער צו טרייסטן. צו שילדערן אַזאַ חורבן נפשות מוז מען זיין דער גאָט געבענטשטער מקונן, וועלכער זאָל פאַרמאָגן דעם גרויסן רעליגיעזן פּאַטאָס פון אַן אברהם אבן עזרא אָדער אַן אבן גבירול, וואָס זאָל קאָנען אין צער־באַקליידטע שיר׳ים באַקלאָגן דעם תהום, און איך גלויב קוים צי וועט מען קאָנען אַמאָל אין אַלע סליחות פּיוטים, פון די קדמונים ביז די אחרונים, געפינען אַ טרייסט וואָרט

אויפֿן גרעסטן יידישן חורבן פֿון אַלע צייטן און אַלע דורות. דער איינציקער „נחמו נחמו עמי" וואָס איז אונז פֿאַרבליבן איז צו ציען די יניקה פֿון טרייסט, און אַ תּיקון, אַז די נשמות פֿון אונזערע אבות לעבן אין דער קדושה פֿון אונזער הייליק לאַנד אין ארץ ישׂראל, וועלכעס מיר האָבן מיט דער הילף פֿון דער השגחה געהאָלפֿן אויסלייזן און באַפֿעסטיקן מיט דעם גלויבן פֿון „נצח ישׂראל לא ישקר".

*

האָבנדיק פֿאַרענדיקט מיין בכיה און הספד אויף אונזערע קדושים און מאַר־טירער, וועל איך זיך נעמען די ערלויבעניש זיך צו טיילן מיט אייניקע זכרונות, וועלכע זענען אויך נישט קיין חומרדיקע ענינים, און וועלכע פֿאַרנעמען אַ בכבוד־חשוב'ע פּלאַץ אין אונזערע ערינערונגען פֿון דער אַלטער היים — און פֿון ווישניוויץ בכלל.

מיינע זכרונות שפּאַצירן מיט מיר אַוועק פֿון אַמעריקאַנער האַוועניש און גשמיותדיקן טאַראַראַם, קיין ווישנאָוויץ, צו מיין זיידע נח ע"ה.

אין אַ געוויסן פֿרייטאָג בין השמשות, ווען מען וואַרפֿט אַראָפּ די וואָכעדיק־קייט פֿון זיך און מען איז שוין גרייט צו מקבל זיין דעם הייליקן שבת — שבת מלכתא. יעדעס מאָל, וואָס אין מיינע אויערן קלינגט אָפּ דער צויבערהאַפֿטער „לכה דודי" געזאַנג, טראָגט מיך מיין פֿאַנטאַזיע אַריבער קיין ווישנאָוויץ. פֿאַר מיינע אויגן שוועבן אויף די ערלעכע געשטאַלטן פֿון אונזערע עלטערן ע"ה, וועלכע היינריך היינע האָט אַזוי מוסטערהאַפֿט געשילדערט אין זיין „רבי פֿאָן באַכראַך". עס איז אַ מערווירדיקע ערשיינונג, אַז אין אַלע מיינע וואַנדערונגען איבער דער גרויסער וועלט, האָב איך נישט געפֿונען אַ שטעטעלע מיט אַזויפֿיל יידישן חן און מענטשן פֿאָלקסטימלעכע און ליבע, אויף וועמענס פּנימער עס איז געווען אויסגעקריצט דער סימבאָל פֿון „תם וישר ירא אלהים וסר מרע". — עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן מגולגל געוואָרן פֿון די יורשים פֿון רבי שלמה אלקבץ, דער פּאָפּולערער מקובל און מחבר פֿון לכה דודי. נישט קיין וואונדער, וואָס זייערע קינדער האָבן פֿון זיי מקבל געווען די מדות טובות און די שיינע עטישע כוונות פֿון „רודף צדקה וחסד".

ווען מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, די זון האָט זיך באַוויזן אויף די קאַרשן בוימער, האָט געהאַלטן ביים פֿאַרגיין, פֿאַרטונקט פֿון דער זעלטן שיינער, פֿאַר־כשופֿ'ט, פֿייערדיקער שקיעת החמה, האָט דער בעל־תּפֿלה, דוקא, אַ פּשוט־האַרציקער ייד פֿון שטעטל, וואָס בענקט אַזוי נאָכן עונג שבת, כדי אַראָפּצוּוואַרפֿן דעם וואָכידיקן יאָך — אָנגעפֿאַנגען זינגען מיט התלהבות און פֿרייד „לכה דודי", און פֿאַרבענקט האָבן די מתפּללים אויפֿגעכאַפּט די זיסקייט פֿון די ווערטער און נאָכגעזונגען: „מקדש מלך עיר מלוכה, קומי צאי מתוך ההפֿכה, רב לך שבת בעמק הבכא"... און דער געזאַנג האָט זיי איבערגעטראָגן אין אַנדערע וועלטן, און זיי געבראַכט צו דער שבת'דיקער נשמה יתירה.

נאָך אַ הערלעך בילד קאָן נישט פֿאַרשווינדן פֿון מיין זכרון. דאָס איז שבת

נאָכן עסן, ווען שײנע פּרויען חנ׳עוודיקע מײדלעך האָבן געכאַפּט אַ שפּאַציר מיט זײערע מענער און חתנים אין דער נאַטור שײנער לאַנדשאַפט פון אַלטן היסטאָרישן שלאָס פון „פּרינץ װישנעװעצקי״ און געזינגען האַרציקע יידישע פאָלקס לידער. און אײניקע באַאײנפלוסט פון דער ראָמאַנטישער סביבה, האָבן אַפילו זיך ער׳לויבט צו זינגען אַ ליבעס לידעלע אין רוסיש פון פּושקין אָדער פון לערמענטאָוו. און אַזוי װי ליבע װײס נישט פון קײן צײט און קוקט נישט אויפן זײגער, זיך פאַרשפּעטיקט ביז צו זײערע אויערן האָבן זיך דערטראָגן װי דורך אַ כשוף די קלאַנגען פון „יה רבון עלם ועלמיא״, געזונגען פון זײערע טאַטעס און זײדעס בײ דער צװײטער סעודה פון שבת. מען האָט דאַן מקריב געװען דאָס ראָמאַנסירן אונטערן שטערנרײכן הימל און פאַרפּיומירטע סביבה פון װאַלד און בוים און זיך געאײלט אַהײם, כאָטש אָנצוקומען צו „ויתן לך״, אַבי נישט צו ערגערן די עלטערן, װײל כבוד אב איז געשטאַנען אַפילו העכער פון פּערזענלעך גליק.

דערמאָנענדיק װישנאָװיץ, מוז איך באַדויערן, װאָס מיר איז בלויז געלונגען צו געפינען אַ פּאָר מאָגערע פאַקטן װעגן דער געשיכטע פון שטעטל אין רוסישע אַרכיװן, װאָס זײנען װי פאָלגט:

פּר׳ינץ מיכאַאיל װישנעװעצקי, װעלכער האָט געצױגן זײן יחוס פון דער אור־אַלטער פּוילישע דינאַסטיע פון 13־טן יאָרהונדערט האָט געקראָגן בירושה דעם אַלטן שלאָס, און באַזעצענדיק זיך דאָרט מיט זײנע דרײ זין אין זעכצנטן יאָר־הונדערט, האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ישוב „װישנאַװיץ״, נאָך זײן פאַמיליען נאָמען.

אין 1640 איז װישניװיץ שיער נישט געװאָרן די הױפּט־שטאָט פון אוקראַינע, װען מיכאַאיל מיט זײנע דרײ זין האָבן אָרגאַניזירט גרױסע אוקראַינישע אַרמײען און מאַרשירט ביז פּעטערבורג, באַזיגנדיק פּאָדאָליע, כערסאָן, פּאָלטאַװאַ און קיעװער גובערניעס, און האַלב מאָלדאַװיע.

צוריקקערנדיק זיך פון זײן טריאומף צוג איז אײנער פון זײנע זין, װאַלאַזשע, אַר׳אָפּ פון זינען איבער אַ יידיש מײדל (איר נאָמען װערט נישט אָנגעגעבן). באַלד נאָך דער פּאַסירונג האָט זיך מיכאַאיל אַװעקגעלאָזט צו קעמפן קעגן די טאָטערס, כאָזאָרען און קאַראַאימען, און געבראַכט פילע פון זײ אין זײן שלאָס קײן װיש־ניװיץ אַלס שקלאַפן.

צו די קאַראַאימען, װעלכע האָבן דאַן פּראַקטיצירט געװיסע יידישע מנהגים און אָפּגעהאַלטן תפלות אין אַראַמעאיש (תרגום) האָט ער געהאַט אַ פרײנדלעכן צוטרױ, און אײניקע פון זײ — די פּני, — באַפרײעט און ערלױבט זײ צו באַזעצן אין שטאָט צװישן די יידן, װעלכע ער האָט באַהאַנדלט מיט פרײנדלעכקײט און אַכטונג.

די באַפעלקערונג פון װישניװיץ פון יענער עפּאָכע איז געװען אַ קלײנע, דאָך באַליבט געװען, װײזט אױס, ניט נאָר בײ די װישניעװעצקיס, נאָר אויך

ביי געוויסע פוילישע און אוקראַינישע דיכטער, ווי צום ביישפיל טאראס שעווטשענקאָ, וועלכער האָט אין זיין באַרימטע פּאָעמע (סודני דעין), דער „יום הדין" געשילדערט א צדיק מיטן נאָמען משה, וועלכער האָט געטראָגן דעם גאנצן צער פון זיין פאָלק, אָבער זיין האַרץ איז פול מיט טרייסט און האָפנונג אויף דער גאולה. דער געדאנק אז א ווישניוויצער ייד האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיינע פזמונים, איז אַ באַווייז, אַז די יידן פון ווישניוויץ האָבן געלעבט בשלוה, געהאט כבוד און פרנסה, געפינענדיק זיך אונטער דעם שוץ פון דער וווישניוועצקי דינאַסטיע, און שפּעטער אונטער אַנדערע הערשער.

אפילו ביים פינצטערן אוקראַינישן טיראַן און גזלן, באָגדאַן כמעלניצקי, האָבן יידן פון ווישניוויץ ווייניקער געליטן ווי אין די אַנדערע טיילן פון אוקראַינע, ווייל מיטגלידער פון דער ווישניוויעצקי משפחה זיינען אין אַלע נויטן געווען גרייט זיי צו העלפן מיט זייער איינפלוס. די אַבסאָלוטע איינוואַנדערונג פון יידן קיין ווישניוויץ, גלויבט מען, — כאָטש אָן פאַקטן — איז געווען ווי מייסטנס פון אוקראַינער יידן — באַלד נאָך דער שפּאַנישער אינקוויזאציע (1494). דאָס איז אַ באַווייז, אַז פילע פון אונזערע עלטערן האָבן געדאווענט מיטן נוסח ספרד, ווערנד אַ קליינע צאָל האָבן זיך באַנוצט מיטן נוסח אשכנז.

שטיצנדיק זיך אויפן מאמר חז"ל, אַז „אדם מכבד את המקום", האָט ווישניוויץ געקאָנט זיין שטאָלץ מיט דעם פאַקט וואָס דער וועלט באַרימטער צדיק און בעל־מופת — ר' אברהם בעל שם טוב זצ"ל — האָט געלעבט אַ שטיק צייט אין שטעטל און פלעגט יעדן פרימאָרגן גיין זיך טובל זיין אין אַ טייך, וואָס האָט זיך געפונען טיף אין וואַלד. אונטער דעם שאָטן פון דיביימער פלעגט ער זייער אָפט זיצן פאַרזונקען אין הייליקע מחשבות און כוונות, און פראַווען התבודדות צו דערנענטערן די גאולה און ברענגען משיח'ן. צו דעם בעל שם טוב'ס קוואַל, ווי דער טייך ווערט גערופן עד היום, זיינען אָפט פרומע יידן פון ווישניוויץ געגאנגען מיט בקשות און נעמען אַ טרונק וואַסער פון קרישטאָל־קלאָרן קוואַל, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן פון בעל שם.

אויך זיינען מיר שטאָלץ מיט דעם פאַקט, וואָס די עלטערן פון אברהם גאָלדפאַדען — דער פאָטער פון דער יידישער בינע — זיינען געבאָרענע ווישניוויצער. און אַז דער באַרימטער דיכטער, יצחק בער לעווינסאָן ע"ה, פלעגט פאַרברענגען כמעט יעדן זומער אין ווישניוויץ, ביי זיין שוועסטער, און דאָרט געשריבן זיינע ריין פּאָעטישע לידער, אָדער די שירי חול.

ביים שליסן מיין אוצר הזכרונות וויל איך בעטן ביי מיינע געשעצטע לאַנדסלייט, מיר צו אנטשולדיקן אויב איך בין אין מיין שרייבן נכשל געוואָרן אין דער זינד פון אונפּינקטלעכקייט, אָדער אין פגימות. מיין כוונה איז זיכער געווען אַ ריינע, מיין ארבעט באהבה, און מיין שכר פון מיין אַרבעט האָף איך צו געפינען אין דעם פאַרגעניגן פון פייערן מיט אייך היינט צוזאַמען אייער גאָלדענעם יובילעאום, און באחרית הימים, אי"ה, די שמחה פון 75טן יובילעאום,

לויט דעם ערך פון פרייד וואָס איך האָב געפילט בשעת איך האָב רעדאַגירט דעם זשורנאַל, ווייל אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון לב טוב און ברודערליכע ליבע האָב איך לאַנג געזוכט די נשמה פון מיין פאָטער ע"ה צו דערקאָנען, און מיין אייגענעם תיקון צו באקומען

חסדיו הנאמנים ינחמני מכל אנחותי ויגוני. זכר יד ושם טוב יתן לי בביתי ובקהל ה'. קנין ראשית דרכי ינחיל לבני ולבני בני, נצח סלה ועד אמן.

אברהם אַווערבוך
(טודרוסים)

ווישניוויץ

פון וועלכן ווישניוויץ זאָל איך אייך דערמאָנען? — ווישניוויץ פון די רוהיקע זומער־טעג, מיט נאַטור דופט און נעבלדיקע אויפדערנאכטן? אָדער ווישניוויץ דורך וואָלקנס רויך פון פייער פלאַם אומקומענדיק?

— ווישניוויץ פון פאַרגאַנגענע איינגעזעסענע צייטן מיט עטלעכע פארפונ־דעוועטע שטאָט בעלי־בתים און אַ גאַנצע שטאָט האַלבע און גאַנצע קבצנים?

— ווישניוויץ פון אַ שמחה — אייזיק דער חד בדרא מיט זיין שאַרפער פען. גאַנץ ש״ס אויף תנ״ך און מח, וואָס פלעגט אונז זיינע תלמידים בייטן; זאָגט מיר דאָס ערשטע וואָרט פון אַ דף ערגעץ אין אַ גמרא, האָט ער שוין געענדיקט דעם גאנצן דף אויסנווייניק.

אָדער ווישניוויץ פון דער בענקנדיקער יוגנט צו דער גרויסער לאַכנדיקער וועלט, זיך צו ראַטעווען פון איינזאַמער בטלנות.

— ווישניוויץ פון ארקע שליסעלע, זיצנדיק ביי זיך אין קלויז ביי אַ פרק משניות, פירט אָן מיט דעם בענקינג סיסטעם פון שטאָט, אָדער ווישניוויץ פון דעם שבת־יידן, וואָס קלערט: ווו נעמט מען אויף שבת?

— ווישניוויץ פון פריסטאוו, אוריאדניק, צי ווישניוויץ פון שרעק פאַר פּאָג־ראָמען דורך פעטלורצעס, היידאַמאַקיס, מיט די יונגע בראַווע בחורים, וואָס ווענדן אָן פאַרשידענע מיטלען אויסצומיידן פאַרניכטונג, און ס׳געלונגט זיי דוקא... בעסער ווי אין אַנדערע שטעטלעך און געגענדן אין יענער צייט.

צו גאָר ווישניוויץ אין ניו־יאָרק מיט איר אייגענער פאַר־פּאָינט פּראָגראַם נאָך 30 יאָר פאַר טרומאַנען: הילף פון אייגענע צו אייגענע, הילף פון דער סאָסייטי צו די יעניקע, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע.

— און מרדכי רסיווקיער „קדושים״, דער וויצלער פון ווישניוויץ, כאַראַקטע־ריזירנדיק אַזוי טרעפלעך די הילף פון אַמעריקע.

ישראל פון הוטוביצע האָט זיך אויסגעבויט אַ שיינע הויז מיט געלד וואָס זיין ווייב׳ס ברודער האָט געשיקט פון שיקאַגאָ און אויסגעקריצט זיין נאָמען אין פוילישע בוכשטאַבן.

זאָגט מרדכי כסליווקער: איר זעט ווער ס׳האָט געבויט די הויז: סטרואיטעל קולידזש (קולידזש איז געווען צו יענער צייט פּרעזידענט).

— צי אפשר גאָר אַ טראַכט טון פון דעם ווישניוויץ אין ניו־יאָרק פון „צדקה עשה הקב״ה שפזרן״ — פון די גליקלעכע וואָס זענען אין צייט אַוועק, אַז מיר זאָלן קענען נאָך דערמאָנען דעם נאָמען אַמאָל און ראַטעווען דעם שארית הפליטה.

— און אפשר גאָר די אומבאוווסטע ווישניוויצער, די ווישניוויצער וואָס מעגליך זיצן נעבן מיר אין אַ סאָבוויי קאר, אין אַ באָס, אָדער גאָר אין טעאטער אַ צווייטער צו מיר, און מיר ווייסן גאָר ניט אונזער שייכות איינעם דעם צווייטן; גאַנץ מעגלעך אונזערביידע זיידעס האָבן זיך געקריגט איבער אַ מפטיר אין דער קלויז, אָדער געטרונקען לחיים צוזאַמען צום רבינס יאָרצייט?

— פון וועלכן ווישניוויץ זאָל איך דענקען: פון אויסגעוואָרצלטן אָן שום האָפנונג פאַר אויפקום? אָדער פון אויפגעקומענעם אין געבענטשטן אַמעריקע, אָן האָפנונג אויף „שורש“, אין דער לופטן שוועבנדיק אָן צובונד מיט עבר, — אָן שטרעבונג פאַר אַן עתיד, אָן אַ גייסטיקן תיקון... וועלכן? וועלכן? אָן אַ קלאָרן ענטפער בלייבט אַ ווידערקול: „ווישניוויץ!... ווישניוויץ“...



יהושע זייגער

מיין שטעטעלע ווישניוויץ

א שטעטעלע א קליינס, א מיטלפונקט פון אַ פּרוכטבאַרע און געבענטשטע אומגעגנט, זומער געטריפט מיטן סאָק פון פרוכטן און גרינס, אין הערבסט פילע שווערן מיט קערנער און ברויט געטריידע פאַר דער באפעלקערונג און כאַר עקספּאָרט, פיין אויסגעוואַרעמטע דורך דעם שניי אינקובאַטאָר אין פאַרגאַנגענעם ווינטער — אָט דאָ האָבן יידן פון דורות לאַנג אויפגעשטעלט אַ געצעלט און געלעבט האנד ביי האנד מיט דער אוקראַיִנישער באַפעלקערונג — פאַרמיטלט, געהאנדלט און אַנטוויקלט דעם לעבנס סטאנדארט, וואַרשטאטן אויפגעשטעלט פאַר אַלע פאַכן, גאַנגבאַרע און נויטיקע פאַר ווירטשאַפט צוועקן, ניט געשטרעבט רייך צו ווערן, האָרנטלעך בעהאנדלט די קונדשאפט און געפירט אַ באַשיידן לעבן. ווער געדענקט דען ניט אונדזערע האָרעפּאשנע האַנדווערקער און דאָרפס־הענדלער, וועלכע פלעגן ווילן אין די דערפער אַ גאַנצע וואָך און אָפקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט וואַסער און פרייטאָג זיך אומקערן אַהיים אויף שבת, צופוס. זומער אין די היצן און ווינטער אין פראָסט און קעלט! און אַזוי האָבן זיך געוועבט די פעדעם פון לעבנס עקזיסטענץ, ווער עס האָט געהאַט אויף שבת, מאַנכע האָבן טאַקע אויך ניט געהאט, און דאָך האָבן יידן אויפגעשטעלט משפחה היימען, קינדער געבוירן, זיי דערצויגן, צו תכלית געבראַכט, זיי חתונה געמאַכט, פאַרגרעסערט די משפחה און הילף געקראָגן פון די אונטערגעוואַקסענע משפחה־מיטגלידער. ליכטיק איז געווען אין די יידישע געצעלטן. פרייטאָג אָוונט — די זמירות קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין חלל, געברענט האָבן די שבת ליכט אויף דעם טיש און די ווייס קלאָרע שניי־סערווירטע מיט דער ווייסער חלה האָבן צוגעגעבן ליכט און שיין, מוט און כח ווייטער צו גיין אין שפּאַן די קומענדיקע וואָך!

און אין קורצן אַ קליינע עפּיזאָדע:

ווען די פאָוסטאנצעס האָבן אַ קורצע צייט געוועלטיקט אין שטאָט און

קריגס־צושטאַנד דערקלערט, זענען ביי אונדזער פאַמיליע אויף אַ שווערן טיפוס 3 פערזאָן געלעגן און מען האָט נישט געלאָזט אין שטאָט אַרויפגיין צו ראַשעווסקין אין אַפטייק, צו נעמען זייער נייטיקע רפואות פאַר די קראַנקע. דער פאַטרול איז געשטאַנען נעבן אברהם לעמישיס הויז. איך האָב זיך איינגעשטעלט און צוגעגאנענגען צו די זעלנער און געבעטן זיי רחמים, זיי זאָלן מיר לאָזן אַדורכגיין, אָבער דער ענטפער איז געווען — גיי צוריק, ,נעלזיא׳ — עס איז פאַרבאָטן. שטייענדיק אַזוי פאַרצווייפלט האָב איך זיך אָנגערופן: חבר פאָבסטאַניעץ, ווען דו לאָזט מיר אדורכגיין, גיב איך דיר אַ מתנה. וואָס פאַר א מתנה? — פרעגט מיר איינער. אַ ווייסע בולקע, אַ פרישע — האָב איך געענטפערט. געווען איז דאָס פרייטאָג נאָך ליכט בענטשן. זאָג איך אים: נו, לאדנו! — גיי שנעל אַדורך און קום באַלד צוריק. כ׳בין געגאַנגען, געקומען און מיטגערופן דעם זעלנער אין שטוב און אים די צוגעזאָגטע מתנה געגעבן. מיין מוטער ז״ל האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דעם און זאָגט צום פאָווסטאַניעץ — א מתנה האָסטו געקראָגן פאַר דיין מענטשלעכן טאַט, קריגסט נאָך אַ קיכל מיט צימירינג באַשאָטן און פאַרלעש מיר אויך דעם לאָמפּ. „פאזשאלסטא, פאזשאלסטא״ און האָט דאָס געמאכט און צופרידנערהייט געזאָגט: אַ גוטע נאַכט!

***

יאָ, נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט זיך די שטאָטישע אוקראַאינישע באַפעלקערונג אַנטוויקלט, אין קולטורעלן זין. די יוגנט האָט זיך פאַרהעלטניסמעסיק געבילדעט און ס׳האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו זיי די אָפּקלאַנגען פון אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד און ספּעציעל די שנאה פּראָפּאַגאַנדע פון פאטשאיעווער לאַברע מיט אוליודורס און וויטאלס פּאָגראָם בלעטל. אָבער צו קיין אויסערלעכן אויסדרוק איז ניט געקומען.

אין דער צייט האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און דאָס האָט אויך צוגעהאָלפן צו דער נידערלאגע. אלנפאַלס, די אויסערלעכע חיהשע שנאה איז שוואכער געוואָרן אין דער צייט פון דער אָקופּאציע פון פוילן, וואָס האָט די פּאָלאַקן געברענגט אין אַ מצב פון אַ מינדערהייט און צוליב דעם אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

די צייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאליזירן. דער האנדל איז געוואקסן צוליב דעם פאַרגרעסערטן געברויך פון דער אוקראַאינער באַפעלקערונג און יידן האָבן געמאַכט אַ לעבן...

ווען די פרוטה איז דאָ אין קעשענע, אייגנס אָדער פרעמדס און אויף שבת דאַרף מען נישט באָרגן און זאָרגן, האָבן יידן אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אַ תכלית. די יוגנט ספּעציעל — ווער פון זיי אַוועקגעפאָרן זיך לערנען, בילדן און שטודירן, ווער סתם געקריגן אַרבעטס־פּאָסטנס אין גרויסע שטעט. די פאַרבליבענע אין ווישניוויץ האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט און געפירט אַ געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעט, אויף דעם נאַציאָנאלן און

ציוניסטישן געביט, געשאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ פֿאָלקס ביבליאָטעק, אַ גרופּע שפּילער ליבהאָבער, רעפּעראַטן אונטערן נאָמען „פֿון וואָך צו וואָך״, אָנגעפֿירט מיט אייגענע כּוחות, אַ גרופּע „חובבי שׂפת עבר״ געגרינדעט, וועלכע די חברים האָבן צווישן זיך העברעאיש גערעדט — נאַטירלעך, מיטן אַשכּנזישן דיאַלעקט — אין גאַס און אין דער עפֿנטלעכקייט. געווען אַפֿילו אַ פּאָר עקסטרעמע חברים, וועלכע האָבן צו די דינסטן, די קריסטלעכע, גערעדט נאָר העברעאיש. די אַנדערע שטוב מענטשן האָבן פֿיל מאָל געדאַרפֿט איבערזעצן זייערע רייד און אַזוי אַרום געלערנט די שיקסעס עבֿרית...

כ׳געדענק אַ פֿאַל, ווען אומקערנדיק זיך פֿון שפּאַציר אַהיים — בין איך פּלוצלונג אויפֿגעפּאָדערט געוואָרן דורך אַ סטראַזשניק (פּאָליציי־מאַן) צו גיין מיט אים אין פּאָליציי סטאַציע. דער פּריסטאַוו האָט מיך אויפֿגענומען מיט אַ הויכן טאָן, ערקלערנדיק, אַז ער ווייסט גענוי, אַז איך בין דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער קראַמאַלער גרופּע, וואָס רעדט צווישן זיך אַ קראַמאַלער שפּראַך — „איך וועל דיך צושטעלן צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער (סלעדאָוואַטעל) לויטן פּאַראַגראַף פֿאַר אָנפֿירן אַ בונד קעגן דעם קיסר ניקאָלאַי...

— אייער האָכהייט, הער פּריסטאַוו, האָב איך געענטפֿערט, עס איז נישט ריכטיק. מיר זענען נישט קיין פּאָליטיקער. מיר שטודירן די ביבליע אונדזערע. און אַזוי ווי מאַנכע קאַפּיטלען פֿון איר דאַרפֿן מיר קענען אויסנווייניק, פֿאַרהערן מיר זיך איינער דעם צווייטן, מיר זאָלן דעם עקזאַמעןביישטיין קענען... אָ, די ביבליע — ענטפֿערט דער פּריסטאַוו — די ביבליע לערנט איר גאָר? אויב אַזוי גיי אַהיים, יונגערמאַן, און זעץ ווייטער פֿאָר דאָס שטודירן און איינחזרן די ביבליע מיט דיינע חברים... אויף אייערע שפּאַצירן.

ווער פֿון אונדז געדענקט נישט דעם שבת־פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, לעבן דעמידאָוס „שלאָס״ — ער, דער שלאָס, האָט דאַמאָלסט אויסגעזען פֿאַריתומט און איינזאַם, די גיגאַנטע בנינים מיט די שפּיגל זאַלן זענען געשטאַנען הויל און פּוסט, אָן חיות און אָן לעבן; דער גרויסער פּאַרק און זיינע שיין געפּוצטע אַלעען האָבן אייפֿערזיכטיק און ברוגזדיק אַרויסגעגעבן זייער אַלטערטימלעכע אַקאָרדן און זיפֿצן אויף זייער עלנטקייט און איינזאַמקייט פֿון מענטשלעכע טריט, די שבת פֿאַרנאַכט זון האָט וואָכעדיק זיך אָפּגערוקט פֿון דעם שטאַל־ייסטערס און קאַמערהאָפּס בנינים און געקומען יום־טובֿדיק מיטשפּאַצירן מיט ישׂראלס טעכטער און זין. דווקא דאָ צו דעם קרומען און צעגאָסענעם שטעגעלע דער טייך אַקעגנאיבער איז געווען רוהיק און לויטער און האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די געזיכטן פֿון שפּאַצירנדיקע. דאָס קלויסטערל רעכטס אויף דעם בערגעלע איז געשטאַנען פֿאַרדומפּן און קליינלעך און די יונגע, בעראַזע ביימעלעך אַרום אים האָבן געיעוועט מיט די בלעטעלאַך האַלב גרינע און האַלב ווייסע מיט חן און סימפּאַטיע און אפֿילו זיך נישט צוגעהערט צו אלתר משומד פֿון זאַראַדניע

מיט דעם הילצערנעם פוס, וועלכער איז אַקוראַט געגאַנגען פון דער אַרבעט און האָט זיך געצלמט און געבוקט צום גולם...

דורות לאַנג וואָלט זיך דאָס געוועז געצויגן. ווייל יידן האָבן נישט נאָר זיך געבויט — אויך זיי, די גויים פון שטאָפל צו שטאָפל, אין אַלע געביטן אויפגע־הויבן.

ביז דער היטלעריזם איז געקומען און האָט פון וולוך, אינוואַניס און מאַק־סימיס די פאַרבאָרגענע גיפט און שנאה אַרויסגעצויגן. האַנד ביי האַנד מיט די



ווער געדענק נישט... לעבן דעמידאַווס „שלאָס"

געקומענע רוצחים האָבן זיי זייער חלק. זייער אקציע איז פינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן... זיי האָבן אַלע געהרגעט, פאַרברענט און צוראַבירט אונדזער האָב און גוטס.

דאָרט, אויף דער קניאַזנע, דאָרט ווו מיר זענען געלאָפן אויפנעמען די עסטרייכישע אָפיצירן און זעלנער, געבראַכט באַנדאַזשן צו פאַרבינדן זיי און היילן די וווּנדן. דאָרט ווו מיר האָבן זיי געבראַכט מילך און עסן, זיי אָנגע־טרונקען און באַשפייזט, אין די געבעט־שולן זיי אָוועקגעלייגט אונטער די צוניפגעטראָגענע קישנס און קאָלדרעס — דאָרט האָבן זיי אַלע אַ גרוב געגראָבן און אַריינגעוואָרפן די צעשטאָכענע זויג קינדער און שוואַנגערדיקע פרויען. דאָרט האָבן זיי געטויט די שטאָט ווישניוויץ...

קיין איינער פון אייך, אולאַנוס און מאַקסימיס, האָט זיך נישט געפונען, ער זאָל אויסבאַהאַלטן אפילו 1 ייד, ווי מיר לייענען דאָס יעצט אין די באַ־

שרייבונגען פון די יידישע קהילות, אין וועלכע קריסטן האָבן אויסבאַהאַלטן משפחות גאַנצע, כאָטש עס האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף.

היינט זענט איר „יידן ריין". די בייזע ווינטן וועלן אָבער אויך אויסראָטן און פאַרטראָגן אונדזער זעעל, אונדזער גייסט און אונדזער טריט פון יעדן ווינקעלע. שדים און מכשפות וועלן געוועלטיקן אויף אונדזערע חרוב געוואָרענע געצעלטן. שאַקאַלן וועלן וואָיען ביי די נעכט. אין די רינשטאָקן וועט איר זיך שכורים וואַלגערן, און נישט קענענדיק אַרויסברענגען אויפן צונג דאָס וואָרט „זשיד" וועט איר איינער דעם צווייטן אומברענגען. די מלאכי חבלה וועלן דאן אַראָפּנידערן פון הימל און מיט די פאַרבלוטיקטע מעסערס און העק אָנשרייבן מיט רויט „מנה, „מנה, תקל ופרסין"...

און איר, ווישניוויצער ברידער און שוועסטער, ליגט בשלום דאָרטן אין גרוב צייטווייליק. מיר האָבן אייך פאר ישראל בירגער פאַרשריבן. אַ חלק אין ישראל געשאַפן — „יד ושם" הייסט דאָס. די צייט וועט קומען, ווי ווייט מעגלעך נאָר, וועלן מיר אויך אייערע טריקענע ביינער איבערפירן אין אייער לאַנד.

דאָס יידישע שטעטל ווישניוויץ האָבן מיר אויף פאַרמעט אויסגעקריצט און אַריינגעשטעלט אין מלוכהשן מוזעאום פון מדינת ישראל צווישן אַלע הונדערטער חרוב געוואָרענע קהילות. עס בלייבט דער קנין פון ישראל פאָלק און מדינת ישראל...

עפולה, 6.8.1956.

זיידע קאמצן
(טשיקאַגאָ)

כ'זע מיין ווישנאוויץ

פון דער גרויסער אַמעריקע זע איך מיין ווישנאָוויץ און כ'בענק.

כ'הייס איצט אַרטור וואלקע, כ'וווין אין אַמעריקע אין אַ פאָרשטאָט פון טשיקאַגאָ. אין ווישנאָוויץ האָט מען גערופן מיין פאָטער, ישראל כאַטיוויצער.

כ'בין אין אַמעריקע פון 1937, אַרויסגעפאָרן אַ איין־און צוואַנציק יעריקער בחור, אָבער כ'געדענק ווישנאָוויץ, הגם כ'האָב יאָרן לאַנג געלערנט אין קרעמעניץ און געקומען קיין ווישנאָוויץ נאָר אויף ימים טובים און וואַקאַציעס.

ס'איז געווען אַ קליין שטעטל, געהייסן האָט עס לויטן נאָמען פון פּאַלאַץ, וועלכער איז געבויט געוואָרן דורך אַ פּוילישן פירסט מיט דעם נאָמען ווישניאַ־וועצקי. אַנדערע ערקלערן דאָס אַנדערש. ס'האָט געהייסן אַזוי צוליב די קאַרשן־בוימער, וואָס געפונען זיך אַרום דעם שטעטל מענגענווייס, און הייסן אין פּוילישן „ווישניע".



אין די נאָכקריג יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג, ווען כ'בין נאָך אַ קינד געווען איז ווישנאָוויץ געווען אַ קליין פאַרשלאָפן שטעטל מיט אָנברוקריטע גאַסן, באַ־דעקטע מיט אַ שווערן שטויב. אין פרילינג און הערבסט זענען די גאַסן געווען פול מיט בלאָטעס. איך געדענק אַלס קינד, פלעג איך נישט איינמאָל פאַרסטראַגען

אין דער געדעכטניש פֿון דער בלאָטע און אַ עלטער ייִנגל האָט מיך געמוזט אַרויסשלעפּן, אַמאָל אויך איבערלאָזנדיק די שטיוול אין בלאָטע.

אין ווינטער־צייט איז געווען זייער קאַלט און די מערהייט פֿון ייִנגלעך פֿלעגן שליטלען זיך מיט זייערע שליטעלעך איבער די פֿאַרשנייטע באַרג־געסעלעך, אַנדערע פֿלעגן זיך גליטשען אויף דעם פֿאַראייזיקטן טייכל, וואָס האָט פֿאַרטיילט ווישנאָוויץ אויף צוויי: די אַלט־שטאָט און נײַ־שטאָט.

כדי צו קומען פֿון איין ווישנאָוויץ צום צווייטן האָט מען געמוזט אַריבערגיין אַ בריקל, וואָס מ׳האָט גערופֿן די גרעבליע. זומער־לעב זענען מענטשן געגאַנגען זיך באָדן צו דער גרעבליע.

אָפּצופֿרישן זיך זענען ייִדן געגאַנגען שפּאַצירן. זיי זענען געגאַנגען אַראָפּ־און־אַרויף נעבן פּאַלאַץ (זאַמעק).

קליין איז געווען ווישנאָוויץ און נאָר אַ צוויי־דרײַ פֿון זיי האָבן געהאַט אַ טעלעפֿאָן און איינער אינגאַנצן — אַ ראַדיאָ. אָבער אַ גייסט האָט עס געהאַט אַ גרויסן.

יעדערעס מאָל, געדענק איך, צעליקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט פֿון די עקסט־לינקע ביז עקס־רעכטע. דער גייסט פֿון ציון איז געווען דערהויבן און אַ סך ווישנאָוויצער, וואָס ארץ־ישראל איז געווען פֿאַר זיי אַ טרוים, לעבן איצט אין דער פֿרייער ייִדישער מדינה ישראל.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין ווישנאָוויץ איז געווען אָרעם אין מאַטעריעלן זין. אייניקע פֿון זיי זענען געווען שניידערס, אייניקע שוסטערס, קירזשנערס, אַנדערע האָבן געהאַט געוועלבלעך, וואו זיי פֿלעגן פֿאַרקויפֿן פֿאַרשידענע סחורות, ספּעציעל פֿאַר די אוקראַינער פֿון די אַרומיקע דערפֿלעך.

איינמאָל אין דער וואָך האָט מען אָפּגעשטעלט אַ טאָג פֿאַר אַ יריד. די פּויערן פֿלעגן קומען אין שטאָט אַריין פֿאַרקויפֿן זייערע תבואות, בהמות, עופֿות און גענדז און קויפֿן שטאָף פֿאַר קליידער און באַקאַליי־זאַכן.

מײַן טאַטע פֿלעגט אָפּקויפֿן בײַ די גויים רויטע קיישלעך, וועלכע ער פֿלעגט שפּעטער אָפּליפֿערן קיין וואַרשע, וואו די פּרויען האָבן זיי גענוצט אלס קויפּס־קוישן.

כ׳ווייס נישט, אָבער אָפֿט טראַכט איך איבער איין בולט׳ע פֿיגור פֿון שטעטל, שמעון ליפּשיץ, אַ מאַן מיט אַ שיינער באָרד, האָט געוואוינט אין צענטער פֿון שטאָט. ער האָט גערעדט פּויליש און האָט שטענדיק רעפּרעזענטירט די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע.

✶

היינטצייט, אין אַמעריקע, רעדן אַלע מיט נאַסטאַלגיע איבער דעם לעבן אין קליינעם שטעטעלע, ספּעציעל זינט מ׳האָט דאָ געגעבן די פֿאָרשטעלונג „דער פֿידלער אויפֿן דאַך“.

איך געדענק גוט דאָס לעבן פון ווישניוויץ, אָבער כ׳צווייפל זייער, אויב מיינע קינדער, געבוירענע אין אַמעריקע, אָדער די קינדער פון מיינע פריינד, געבוירענע אין ישראל און אין אַרגענטינע, וועלן אַמאָל פאַרשטיין, וואָס דאָס איז געווען, דאָס קליינע שטעטעלע ווישנאָוויץ.

מאיר אור

וועגן שולן אין ווישניוויץ

ווען מען רעדט וועגן שולן און בתי מדרשים, דאַרף מען גלייך אונטער־שטרייכן די וויכטיקייט פון זיי, נישט נאָר אַלס רעליגיעזע קעגנשטאַנדן, נאָר אויך אַלס אַנשטאַלטן וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן.

ווייל יעדער פּריוואַט, איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די טראַדיציאָנעלע פּליכטן, אָפּגעקניפּט פון שטענדיקן אַרט לעבן פון עלטערן און אור־עלטערן, איז דאָס געוויינלעכע לעבן פון דורי דורות געווען צוגעפּאַסט צו אַ רעליגיעזער אָרדנונג.

געזעלשאַפטלעך איז די שול געווען די איינציקע אינסטיטוציע אין משך פון הונדערטער יאָרן, וועלכע האָט אַנטשידן פאַרשידענע לויפנדע פּראָבלעמען פון דער יידישער קהילה. אויך נאָך אין אונזערע צייטן, אינעם ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די שול געווען אַ מין מינאַטור־פּאַרלאַמענט. די שול איז געווען דער מיטל־פּונקט אין קרייז פון די קהילהשע אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. די וויכטיקסטע אינטערנע־מונגען פון כלל זענען פריי דיסקוטירט און באַהאַנדלט געוואָרן ביי די הפסקות פון דאַוונען, וועלכע זענען ספּעציעל געמאַכט אָדער פאַרלענגערט געוואָרן (אי־בערהויפּט ביַין שחרית למוסף), צוליב דער וויכטיקייט פון דרינגענדן פּראָבלעם, כדי אויסקריסטאַליזירן אַ געאייניקטע מיינונג פון די בעלי בתים. אין פיל פאַלן זענען די ענינים דעצידירט געוואָרן לויט די וואָרשיינלעכע אויספירונגען פון שול.

לויט היסטאָרישע נאָטיצן האָבן די קריסטן, אין די אַמאָליקע צייטן, געזען אין דער שול בלויז אַן אַלטן, פאַרהייליקטן, טראַדיציאָנעלן און רעליגיעזן אַנ־שטאַלט, דערפאַר האָט זיך די קריסטלעכע וועלט באַצויגן צו איר גאַנץ גינסטיק. אין מערסטע שטעט און שטעטלעך האָט דער פּריץ, דער אייגנטימער פון שטאָט, אויך דער פאַרשטייער פון די מאַכט, געשפּענדט אַ פּלאַץ פאַר די שולן אין צענ־טער פון שטאָט. אַזוי אַרום זענען מיר, מערסטנס, ווי די שולן ווערן קאָנצענטרירט אַלע ביינאַנד און ווערן פּאַרוואַנדלט אין אַ שול־גאַס אָדער שול־הויף.

וואָרשיינלעך, אויך אין ווישניוויץ איז דאָס געשען און מיר האָבן פאַר זיך כמעט אַלע שולן אויף איין פּלאַץ.

***

דער שול־הויף איז געווען פאַרצוימט מיט אַ הויכן פּלויט, געבויט פון ציגל. דער אַריינגאַנג דורך אַ ברייטן אייזערנעם טויער, אין ביידע זייטן אייזערנע טירן. אַריינגייענדיק אין „זה השער" האָט זיך אַנטפּלעקט מאַיעסטעטיש די גרויסע שול. די שול האָט צומאָל געהאַלטן אַ חזן מיט אַ כאָר פון אַ פּאָר צענדליק משוררים.

ביי דער גרויסער שול, ס׳הייסט אונטער איין דאַך, זענען געווען עטלעכע קליינע שילעכלעך, דער פּאָליש מיט אַ מנין קצבים, און נאָך צוויי שילעכלעך, דאָס שניידערשע און פון פאַרשידענע האַנטווערקער.

אויף דעם שול־הויף איז געווען נאָך איין שול — גערופן ארקיס קלויז. אינעווייניק ביי דער קלויז האָט געוואוינט ר׳ ארקי ז״ל. ס׳האָט געקענט הייסן אַז ר׳ ארקי איז געווען דער אייביקער קאָנצעסיאָנער פון דער קלויז. אַליין אַ בר־אורין, געלערנט מיט אַ קליינער צאָל תלמידים פון רייכע עלטערן און מקיים



ווישניוויצער חזן מיט די משוררים

געווען די מצוה פון תורה ועבודה, ווייל נישט מלמדות איז געווען זיין מקור פרנסה. מען האָט אים גערופן אַרקע „שליסעלע״, לויט דעם באַוווסטן באַגריף פון קליינעם שטעטל. ער איז געווען אַ פאַרמיטלער פון לייען געלט אויף פּראָצענט, אויך וואָכן־געלט. קיין באַנק איז אין ווישניוויץ נישט געווען.

צווישן דער גרויסער שול און אַרקיס קלויז גייט מען דורך אַ שמאָלן אַרויסגאַנג צו ר׳ איציס שול, אופן נאָמען פון ר׳ איצי ז״ל. דאָרט האָבן געדאַוונט זיינע חסידים — טרייע אָנהענגער. אין ר׳ איציס שול זענען זיינע מיטגלידער געווען שטענדיקע בעלי בתים פון די „שטעט״ וועלכע זענען איבערגעגעבן בירושה פון דור צו דור. די דאַווענער זענען געווען פון פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אין מזרח, איבערהויפּט, סוחרים און נגידים און ווער למען כבוד התורה, און די איבעריקע, מערסנטס אויך פאַרמעגלעכע.

אַ באַזונדערן שיין האָט צוגעגעבן ר׳ איציס שול, די דריי אייניקלעך פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אומבאַגרענעצטע פריווילעגיע צום דאַוונען ביים עמוד, אַ שחרית, אַ מוסף און אויך פון די פעטערע פיוטים אין ימים נוראים.

נישט פיל ווייניקער פון די דערבאַרימדיקערס האָט געהאַט חזקה, ר׳ מטוס סגל ז״ל, משמש בקודש. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ביים דאַוונען מיט הויכע כוונה, באַשיידן און מיט אינטימער אינטואיציע. זיי פיינער צוגאַנג און נוסח האָט געווירקט און געוועקט סימפּאַטיע צו עבודת הבורא.

דער בית המדרש איז געווען די מיוחסדיקע שול, לויט דער גרויס און צאָל דאַוונער. ביי דער זייט, דער פּאָליש, ווו עס האָבן געדאַוונט בלויז יונגע לייט, פאָרגעשריטענע און אפשר מער געשמועסט וועגן עניני דיומא, פּאָליטיק און אַנדערע וויכטיקע ענינים, מער גערעדט ווי געדאַוונט.

די טשאַנער שול, אונטער דער אָנפירונג פון רבי לייבוש, האָט זיך אויס־געצייכנט מיט דעם, וואָס דאָרט פלעגט מען דאַוונען מער מנינים ווי אין אַלע בתי מדרשים. מען האָט אָנגעהויבן דאַוונען באַגינען און געענדיקט שפּעטער ווי אין די איבעריקע שולן. דאָרט האָבן געדאַוונט די, וועלכע האָבן זיך געאיילט צו זייערע עסקים און אונטערוועגנס אויף די ירידים.

* * *

דאָס לעבן אין די שולן איז געווען צוגעפּאַסט צו דעם ניוואָ , אינטערעס, קענטענישן און באַגאַבונג. מיט אַ באַזוך בין מנחה למעריב, האָט מען געזען אין אַרקיס קלויז ביים טיש אַ חברה ש״ס, מיט ר. לייב זייגער בראש, דער וועלכער האָט אויך אין תל־אביב פאָרגעזעצט און געגרינדעט די חברה ש״ס, אין דער נאָרדאָר־שול אויף בוגרצ׳וב גאַס. פון־מאָל־צו־מאָל האָבן מיר געהערט פון זייגערן וועגן אַ פייערונג פון ש״ס סיום. אין ר׳ איציס שול, אַ חברה משניות. אין האַנט־ווערקער שול, אַ חברה עין־יעקב, מיטן לערער יוסעלע ערליך. יוסעלע ערליך האָט אויך געלערנט „פרשת השבוע״ יעדן שבת אין שניידערשן שועכל. יוסעלע ערליך איז געווען פון די יעניקע, ווי מען זאָגט, „צו גאָט און צו לייט״: אַ לערער אין „תרבות״ שולע, אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג און דרשן, וועלכער האָט זיך צו־געפּאַסט מיט טאַלאַנט צום אודיטוריום פון פאַרשידענע צושויער. ר׳ יוסעלע איז געווען אַ חריף און שנון המוח.

אויסער די שולן פון און ביים שול־הויף, איז געווען נאָך צוויי שולן פון ספּעציפישן כאַראַקטער: דעם שטאָט רב׳ס און ר׳ יוסל מרגוליס ז״ל, וועלכע מען האָט מערסטן גערופן אויפן נאָמען פון זיין פרוי שרה — „שרה אסטרערס שול״, אונטער דער אויפזיכט פון אַ חשוב׳ן ירא שמים און בר אורין: ר׳ חיים זאב סגל ז״ל.

שרה אסטרערס שול איז געגרינדעט געוואָרן פון פריוואַטער איניציאַטיוו פון אַ רייך קינדערלאָז פּאָר־פּאָלק, אייגנטימער פון אַ גרויס מאַנופאַקטור געשעפט,

גוטהאַרציקע מענטשן, וועלכע האָבן געשטיצט נויטבאַדערפטיקע מיט אַ וואַרעם האַרץ און ברייטע הענט. די אסטרער שול איז געווען אין צענטער פון שטאָט, ווו עס איז געווען דער הויפט צענטער פון האַנדל, — האָט זי גדינט אַ גרויסע צאָל דאַוונער, אַ טייל פון זיי האָבן אַפילו געהערט צו אַנדערע שולן ווייל ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן צוליב דער נאָנטקייט צו זייערע עסקים, „אַריינכאַפּן״ אַ תפילה בצבור, אַ „קדושה״ און אין דער נויט אַ „קדיש״. אַלזאָ אַ גוטע געלעגנהייט — נאָענט צום „געשעפט״.

די שול פון שטאָט־רב האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, ווייל דאָרט איז געווען די ישיבה אונטער דער אָנפירנוג פון רב׳ס איידעם, ר. איציקל וויינגאַרטן. ר׳ איציקל איז געווען מיט טיפע קענטניסן אין תלמוד און פאַרגעשריטן אין הלכות החיים. ער איז ממש געווען פראָגרעסיוו אין זיינע אָנשויאונגען און אַ דאַנק אים זענען דעם רב׳ס צוויי טעכטער, חנה׳לע זיין פרוי און די שוועסטער רחל׳ה געווען פרייגעשטימט און געניוגט צו דער אינטעליגענטער געזעלשאַפט אין שטאָט.

וועגן רחל׳ן האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, אַז ווען זי איז געווען אין לעמבערג, אויף אַ לענגער׳ער מעדיצינישער אויפזוכט, האָט זי זיך געפריינ־דעט אין די אינטעלעקטועלע קרייזן און אין דער געזעלשאַפט פון דיכטער אורי צבי גרינבערג, וואָס איז אַליין געווען פון אַ באַשטאַם פון רבנים, יחסנים, צו וועלכע ס׳האָט אויך געהערט דער ווישניוויצער רב, ר׳ מאיר נחום יונגער לייב ז״ל.

דעם רב׳ס שול איז נישט געווען אָפּגעשלאָסן בלויז פאַר שטענדיקע. ס׳האָבן געדאַווענט די תלמידים פון דער ישיבה, אַריינגעקומענע דאַוונער, וואָס האָבן גע־וואָלט זיין מיטן רב, וועלכער האָט זיך געוויינטלעך גערעכנט אַלס העכערע אינ־סטאַנץ כלפי שמים. אַ צאָל ווישניוויצער, איבערהויפּט פון דער אַלטער שטאָט, האָבן געדאַווענט ימים נוראים אין יחסות פון רב.

***

ר׳עדנדיק וועגן די שולן, מוז איך דערמאָנען מיין רבין פרויקע שיי׳ער ז״ל, אַ ייד אַ למדן, אַ פאַרשער פון תנ״ך און אַ בקיא אין יידישער געשיכטע.

ר׳ פרויקע האָט דאָס מיר ערקלערט, אַז דער אינהאַלט פון די שולן איז נישט געווען בלויז דאָס דאַוונען. אין דער אַראַמישער שפּראַך „בי כנישתא״ איז אויך די באַדייטונג: פאַרזאַמלונג אָדער צוזאַמענקונפט־אָרט. דער צוועק איז געווען צו בלייבן אַ פאַראייניקטע אומה אין גלות. אין שול האָט מען אָפּגעריכט תפילות בצבור, געלערנט תורה אַלע צוזאַמען, און דעם טראָפּ האָט מען געלייגט אויפן בצבור, מער ווי אויף תפילה דערפון איז געדרינקען אַז דער ציל פון שול איז געווען די פאַראייניקונג פון יידן און האַלטן זיי צוזאַמען, נישט נאָר דאָס בעטן גאָט און דאָס לערנען, דאָס האָט יעדער׳ער געקענט טאָן אַן און פאַר זיך באַזונדער אין דער היים. דעריבער איז די הויפּט פון דאַוונען בצבור געווען אָנגעזאָגט און

באַשטימט פון די חכמי־המשנה והתלמוד, אָפּצוהיטן די אייניקייט פון יידישן פֿאָלק אַלע צוזאַמען.

ווי מיר האָבן באַצייכנט ביים אָנהויב, אין די שפּעטערע צייטן איז די שול פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע און פֿאָרעם פֿאַר פֿאָרמירן מיינונגען און דעצידירן אין אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער קהילה — בהתאסף העם. — אַלע צוזאַמען.

אָן דער שול וואָלט אוממעגלעך געווען דאָס קריסטאַליזירן אַ פֿאָלק, אַ געזעל־שאַפֿט צו דעם שיבת ציון צוועק.

מיטן חורבן פון דער קהילה, באַוויינען מיר אויך די שולן, וועלכע האָבן ערמעגלעכט איר עקזיסטענץ.

מישאַ קאָרן
קאָרדאָוואַ־אַרגענטינאַ

מיין ביישטייער צום יזכור־בוך

מישא האָט פאַר זיך אַ טאָגבוך געשריבן לזכר ווישניוויץ. די אויסצוגן זענען אַזוי האַרציק, אַז ס'וויל זיך זיי געבן אין יזכור־בוך מיטן ערלויבעניש פון מחבר.

רעדאַקציע

כמו אַ פּאָר־רעדע

מיר אַלע געדענקען פון אונזערע צאַרטע קינדער יאָרן, ווען ביי יזכור תפילות פלעגן אונזערע פאָטערס אין די בתי־כנסת אונז אַרויסשיקן דאַן אין פאָליש און אַז ס'פלעג זיך דאַמאָלט אַן עפן טאָן אַ טיר פון שול, פלעגן זיך, צו אונזערע אויערן דערטראָגן האַרצרייסנדע יאָמערן — דאָס האָבן יידישע מאַמעס פאַרגאָסן הייסע טרערן נאָכן אָנדענק פון זייערע טייערע פאַרשטאָרבענע־אייגענע קרובים.

ווי דערשיטערנדיק האַרצרייסנט איז ווען יחידי סגולה, דורכן גורל פריוויו־לעגירט־געראַטעוועטע באַווינען גאַנצע פאַמיליעס, אַ גאַנץ שטעטל, וואָס איז געווען פול מיט אַ שפּרודלדיק לעבן פון אַנשים, נשים וטף און וואָס די מערדערישע אַכזריותדיקע האַנט האָט אַזוי אָפּגעווישט.

די לעבנסגעבליבענע לאַנדסלייט פון די אומגעקומענע שטעט און שטעטלעך האָבן געזוכט דורך יזכור ביכער פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייער געבורטס־אָרט און פון זייערע מיטבירגער — אַ מין קאָלעקטיווער אָנדענקס־מאָנומענט פאַר זייער היימשטאָט.

לייענענדיק די יידישע צייטונגען וואָס דערשיינען אין אַרגענטינע, ווי איך בין אַ תושב פון טויזנט ניין הונדערט, צוויי און צוואַנציק יאָר, בין איך געוואויר געוואָרן, פון הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן געדרוקט יזכור־ביכער וועגן זייער היימשטאָט. מיין וואוין פלאַץ איז קאָרדאָבאַ, די צווייטע שטאָט אין באַדייטונג אין אַרגענטינע. אין דער זעלבער שטאָט וואוינט מיט מיר, נאָר איין בן־עיר — ישראל מפשיט, לאָקאַלער קאָרעספּאָנדענט פון צייטונג די פרעסע, אָבער אין בוענאָס איירעס איז פאַראַן אַ היפשער ווישניוויצער לאַנדסמאַנשאַפט, מיט אַ סך נגידים, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען אַרויסלאָזן אַ יזכור־בוך, אָבער... פאַר אַזאַ לאַנגער פאַרלאָפענער צייט, איז אין קול ואין עונה, פון אונזערע בני עיר. האָב איך באַשלאָסן, יעבור עלי מה, כ'וועל זיך אַליין נעמען פאַר דער אַרבעט, ווען אַפילו מיינע זכרונות זאָלן בלייבן פאַר לייען מאַטעריאַל נאָר פאַר מיינע קינדער.

כ'טרעט צו צו דער אַחריותפולער אַרבעט אויסנוצנדיק אויך דעם מאַטעריאַל וואָס ס'קען מיר פאַרשאַפן מיין העכער דערמאָנטער לאַנדסמאַן ישראל מפשיט. ער

האָט פאַרלאָזט ווישניוויץ פינף יאָר נאָך מיר און כאָטש פינף יאָר אין לעבן פון אַ שטעטל, איז אַי אַ קליינע צייט, אָבער אויך אַ גרויסע, געווענדעט פון וועלכן שטאַנדפּונקט און אומשטאַנד מען קוקט אויף דערויף.

ס׳איז דאָ כדאי אונטערצושטרייכן ווי מערקווערדיק ס׳זענען אַמאָל די וועגן פונעם גורל.

ישראל מפשיט׳ס זיידע האָט געהייסן יאָסיל פודעם, און דער פודעם, ער מיט נאָך אַ יידן — בערל זכריה׳ס, זענען געווען ביי מיין זיידן אהרון־מעכל כּאַר זיינע זעקס פעריאָדן סטאַראָסטע־זיין אין ווישניוויץ (אַכצן יאָר דורכאַנאַנד, זענען זיי געווען זיינע מקורבים, וועלכע האָבן געקעמפט ווי לייבן פאַר זייער קאַנדידאַט אויף סטאַראָסטע, דורך אַלע באַנייטע דריי יערלעכע וואַלן).

זכרונות, דעראינערונגען, זיי זאַמלען זיך און פליסן ווי אַ מין מעין המתגבר.

וואָס קען מען שרייבן וועגן אַזאַ באַשיידן שטעטל ווי ווישניוויץ, קיינע כּירער כּון פאָלקס באַוועגונגען האָבן מיר נישט געהאַט. צום ביישפּיל קרעמעניץ, אונזער קרייז שטאָט, אינגאַנצן אויף אַ דיסטאַנץ פון צוואַנציק ווערסט, האָט פאַר־מאָגט איר יצחק־בער לעווינזאָן, דער כּאָטער פון דער השכלה אין רוסלאַנד. דאָך האָבן מיר אויך געהאַט אונזערע וויל־קענער גמרא און תנ״ך לערנער — דער גרויסער רבי (מלמד) שמחה אייזיק, יאַנקל הרון מעכלס, פרויקע מלמד א״אַ.

גלויב איך, אַז דאָס בעסטע וואָס כ׳קאָן טוען איז מיט דער הילף פון זכרונות פון דער פאַרגאַנגנהייט, ווי אַן אייניקל פון אַ לאַנג־יאָריקן סטאַראָסטע, אין וועלעכר שטוב, לאָגישערוויז, מען האָט אַ סך געהערט און דערציילט.

די שפּראַך וועל איך באַנוצן, אַ ריין וואָלינער פאָלקסטימלעכע, נישט באַפּוצט, נאָר ווי זי איז באַנוצט געוואָרן ביי אונז — יידיש, העברעאיש, סלאַוויש. די שיל־דערונגען, עפּיזאָדן און דערציילונגען — ליכט און שאָטן, פרייד און טרויער, אַזוי ווי ס׳איז געווען, דאָס לעבן אַליין, אין אונזער שטעטל ווישניוויץ.

ד ע ר   מ ח ב ר

ו ו י ש נ י ו ו י ץ

אַ קליין יידיש שטעטל, ביים אָנהויב אָדער ביי דער סאַמע ענדע פון דעם גרויסן מעכטיקן רוסלאַנד. געווענדעט כּון וועלכן געאָגראַפישן פונקט מען קוקט דאָס שטעטל אָן — דאָס ערשטע שטעטל, אָנפאַנגענדיק פון דער עסטרייכישער גרענעץ, שפּרייזנדיק דורך אוקראַינע צו גרויס רוסלאַנד, אָדער דאָס לעצטע שטעטל, האַרט ביי דער זעלבער גרענעץ. אַריבער דער גרענעץ האָבן זיך געציילט די עכטע גאַליציאַנער שטעטלעך, שטעט — זבאראזש, טאַרנאָפּאָל, און אַ צווייטע גרענעץ ריכטונג — זאַלאָזשעץ, זלאָטשעוו, אַלע אויפן שליאַך וועג, ווענד־פּונקט, צום כרך לעמבערג.

ווי אַזוי האָט עס אויסגעזען אונזער שטעטל ווישניעוויץ? — אַזוי ווי אַ מאָלעריש בילד, וואָס אַז מען גייט צו דערצו נאָענט, זעט מען נאָר קאָלירטע פלעקן, אָבער אַז מען קוקט אָן דאָס זעלבע בילד פון אַ פּערספּעקטיוו, אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, דערזעט מען די שיינקייט פון זעלביקן.

אַ ווישניעוויצער האָט דעם אַרום און אַרום, דעם פּייסאַזש, טאָג־טעגלעך געזען, האָט זיך ביי אים געשאַפן אַן איינגעשלעפערט געפיל — איז פאַראַן אַ טייך, נאָ אַ טייך! אַ וואַלד, איז אַ וואַלד. אָבער איבערזיפנדיק אין דעם זכרון, דעם אויסזען, די לאַנדשאַפט פון אַ פּערספּעקטיוו, פאַרגרעסערט דורך דער דיסטאַנץ, זעט מען ערשט מיט וויפל חן די מוטער נאַטור, האָט באַשאָנקן אָט אַ דאָס באַשיידענע שטעטעלע.

בערג, אַפילו נישט קיין געוואַלדיק באַדייטנדע, צירקלען זיך ביי די האָריזאָנטן. צו צום קר׳עמעניצער וועג האָרינקע (אויף רוסיש מסתמא „גאָרינקא״ — בערגעלע) צו צום זאַראַדיאַר־וועג (פונעם וואָרט „זאַגאָראָדיע״) צו גאָר צום קאָלאָדנער וועג, אַלץ איז געווען באַרג אַרויף אָדער באַרג אַראָפּ, געווענדעט אין דער ריכטונג. וועלדער, וועלכע האָבן ווי מיט אַ קרוין אַרומגעקרייזט דאָס שטעטל — זאַראַדיער וואַלד, וועלכער איז געווען ווי אַ המשך פונעם גרויסאַרטיקן פּאַרק, וואָס ביים שלאָס („זאַמאַק״ האָט ער געהייסן אויף רוסיש), לוזער, בידאַקער וואַלד. טייך, דער גאָרין איז זיין נאָמען, שטיל בעל הבתיש שלענגלט ער זיך, אָפּטיילנדיק די אַלטע שטאָט, נאָר אַ פּאָר צענדליק שטיבער פונעם גלאַוונעם ווישניעוויץ מיט אַ גרעבליע (אַזאַ מין אָנגעשיטענע וואַל־בריק). דאָס „גלאַוונע״ ווישניעוויץ האָט לויט מיין „דמיון ציילונג״ (קיין סטאַטיסטיק האָבן ווישניעוויצער נישט פּראַקטיצירט) געקענט גרייכן צו קנאַפּע דריי הונדערט הייזער, מיט אַזוינע פינף זעקס הונדערט פאַמיליעס (מען פלעגט אָפט וואוינען צו צוויי פאַמיליע, אין יונה נעצס מויער האָבן געוואוינט פינף און מער פאַמיליעס). געווען זיינען אַלע איינוואוינער יידן. מיט אַ קליינעם אויסנאָם: דער אַפּטייקער ראַשאַווסקי (אַ פּאָליאַק), דער ביר שענקער באַצאַווסקי (אַ טשעך), דער מאָנאָפּאָלישטשיק (רעגירונגס בראָנפן פאַרקויף) — אַ רוס. די רוסישע טשאַינע, ווו נישט שטאַרק אָפּגעהיטענע יידן אין פרומקייט האָבן געקויפט שבת „קיפּיאַטאָק״ (געזאָטענע וואַסער אויף צו מאַכן טיי) און צו לעצט די „רוסקאַיאַ לאַווקאַ״ (אַ רוסיש געשעפט) — אַ רוס.

וועלכע זשע עלעמענטן האָבן געפעלט אויף צו מאַכן דאָס שטעטל מאָלעריש שיין — בערג, וועלדער, טייך, און דער אַרום איינגעטונקען אין גרינע פּרעכטיקע צו׳בליטע גערטנער?!

אין דער צווייטער וועלט מלחמה האָט אַ שפּאַנישער זשורנאַל אין בוענאָס־איירעס, קאָמענטירנדיק די דייטשע פיקס־אידעע „דער דראַנג נאָך אָסטען״, דאָס מיינט צו דער שפּע׳דיקער אוקראַינע, האָט געבראַכט אַלס מוסטער דאָס בילד פון אַ גאַס פון אַן אוקראַיניש שטעטל, איז עס אונזער ווישניעוויץ, און כאָטש מען זעט נאָר אַ טייל פון אַ גאַס, אין אַ יריד פרימאָרגן, דערקענט איר דאָרטן, די אונז

אַלעמען גוט באַקאַנט זיידענאָכי מיט אירן אַ זון, שמואל מאחיט אויף זיין גאניק, הערצל פייסעלעס שטוב און נאָך איר די שטוב ווי כ׳בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, מיט דער שטענדיקער גלעזערנער סוכה פון אויבן אויף דעם אויבערשטן שטאָק (אין לייג דאַביי צו דאָס בילד, וואָס כ׳האָב אָפּגעהיט פאַר יאָרן).



פון וואַנען נעמט זיך צו אונזער שטעטל דער נאָמען ווישניוויץ ? קיין באַשטימט זיכערע דאַטע פאַרמאָג איך נישט, אָבער ס׳דערמאָנט זיך, פון דער רוסישער געשיכטע דער נאָמען פון גראַף ווישנעוויצקי, ווי דער געשיכטע שרייבער, טאַדלט און ברוגזט זיך, פאַרוואָס אַזאַ עכטער רוס ווי ווישנעוויצקי האָט געביטן דאָס ר׳ענדל, געוואָרן אַ סאַמאָראָדנער שליאַכטיטש און געשניטן ווי אין קרויט, דער איינציקער מיט ערפּאָלג, זאָגט זיך דאָרטן, דעם העטמאַן באגדאן כמעלניצקי מיט זיינע היידאמאקעס ימח שמם וזכרם. מיר יידן, האָבן זיכער דערפאַר אויף אים קיין פאַראיבל נישט...

האַרט ביים שטעטל האָט זיך געפונען דער פריער דערמאָנטער שלאָס, אָפּגעטיילט פונעם אַרום מיט אַ הויכן פאַרמויערטן פאַרקן מיט אייזערנע קראַטעס און טויערן, וואָס פלעגן זיך נאָר עפענען ווען זייער בעל הבית, דעמידאָוו, מיטן הויכן טשין ביים קייזערלעכן הויף — „שטאַלמייסטער יעווא דוואָראַ״, פלעג די הייסע זומער מאָנאַטן קומען פאַרברענגען אין זיין הויף און אין זיין פאַרק.

ביי זיין אָנקומען פלעגט מען פונעם וואָלאָסט (גמינע) צו וויסן געבן די שעה

און אַן עולם פון מענער, פרויען און קינדער פלעגן באַגעגענען זיין גלאַנצעדיקן שוואַרצן אויטאָ, מיט אים זיין פאַמיליע אינוויניק. דער אויטאָ איז געווען ביי אונז דאַמאָלס, אַ יחיד במינו, און פלעג נאָר דינען צו ספּאַלאָשין פערד. דערנאָך האָט דער ראַקאָוויצער גראַף, וואָס פלעג ביז דאַמאָלס אַריינפאָרן צו שמעון חיים שמעונס איינפאָר־הויז מיט אַ קוטשער מיט א ליוורעע און זעקס פערד נאַשפּיץ, אויך געביטן די ברענענדיקע סוסים אויף אַ רויכערדיקן אויטאָ. איז ווי געזאָגט, אַז דעמידאָוו איז אָנגעקומען, באַדעקנדיק אונז אַלעמען מיט אַ שטיקנדן בלאָען ר׳ויך, האָבן זיינע טרייע בירגער (די ערד פון דער שטאָט האָט געהערט צו אים און מען האָט אים געצאָלט צינז) אים באַדאַנקט מיט אַפּלויזן און הוראַ אויסגע־שרייען. אַ האַרמאַט האָט געקנאַלט, אַלץ פאַר דעמידאָווס כבוד וועגן.

נישט קוקנדיק וואָס אַנטקעגן דעם הויף האָט זיך געפונען דער פּראַוואָסלאַוואער קלויסטער, נישט אַזאַ היימלעך פּלאַץ פאַר אחינו בני־ישראל, האָט די יידישע יוגנט פאַרנומען דאָס פּלאַץ צווישן הויף און קלויסטער פאַר זייערע פּרייטיק צו נאַכטיקע און שבתדיקע שפּאַצירן. אַז די לופט איז דאָרט געווען קווינקנדיק פּער־פומירט, נאַכטיגאַלס אין די לבנה נעכט, פלעגן אַרויסלאָזן זייערע זיסע טרערעלעך. זאָל דאָ אָנערקענט ווערן, אַז דער רוישיקער שפּאַציר פון אונזער יוגנט, איז קיינ־מאָל נישט געשטערט געוואָרן.



דער שלאָס — דאָס שטעטעלע — די לאַנדשאַפט

אַנדערש איז געווען ווען אַ צוגעפאָרענער ייד, אַ גביר, פון נאָענטן דאָרף, איינער משה ראָזענטאַל מיט זיין איידעם דוד חיניק האָבן אָפּגעקויפט אַ נחלה

פון אַ געוועזענער גבירטע — פּרענקעליאַוואַכע, וואָס האָט מיט אירע גרענעצן געגרייכט ביזן פּאַרק און אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג אין קלויסטער, דאָ האָט דעמידאָוו מיט די קלויסטער אויפזער, אויפגעהויבן אַ „ויצעקו” און דורך שיקאַנעס באַראַבעוועט דעם יידן פון אַ העלפט פון זיינע ערד, ווי דעמידאָוו האָט איינגעאָרדנט די פּאָליציי און אַ וואַך פון דראַגונער־רייטער, ווייל מען האָט דאַמאָלסט מורא געהאַט פאַר פויערישע אומרוען.

איך קום אָן לערנען צו שמחה אייזיקן

רעדן פון דעם גרויסן למדן־מלמד שמחה אייזיק, האָט די ווערט אַ ספּעציעל קאַפּיטל.

צו שמחה אייזיקן צו לערנען, זענען געקומען יינגלעך, שוין גאָר דערוואַקסענע, נאָענט צו תּפילין לייגן, און מיינע עלטערן האָבן באַגאַנגען כמעט אַ „רעוואָלוציאָנערן” טאַט, שיקן מיך צו אים לערנען, ביי די צען יאָר, און איך האָב אמת געהאַט אויסצושטיין צרות פון מיינע עלטערע מיט־תּלמידים, וואָס האָבן מיך גערופן „סמאַרקאַטש” נאָך. לערנען ביי אים איז געווען ווי אַריינטרעטן נאָך אַ מיטל שולע אין אַן אוניווערסיטעט. אַלץ איז דאָרט געווען אַנדערש, דער תּלמיד האָט אַליין באַדאַרפט לערנען און נאָר איינמאָל אַ וואָך האָט אים דער רבי גערופן, אַליין, נישט בכתּה, און זיין לערנען איז געווען, גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. ספּעציעל האָט מען פאַרגעניגן געהאַט, ווען מען האָט מיט אים געלערנט אַ שטיקל „אור החיים”, ווי מען האָט באַדאַרפט אַרויסווייזן די שנעלע תּפיסה, די אייגענע סמיקאַלקע. ער איז געווען אַ גרויסער העברעאיסט און געשריבן אויף דעם אַמאָליקן שטייגער, מליצה בריוו, אַפילו שירים. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ פּראָשעניע (אויף העברעאיש, פאַרשטייט זיך), נישט צו קיין אַנדערן ווי צום קייסער אַליין און דאָ קומט די אורזאַכע פון דער פּראָשעניע.

ווי איר געדענקט, ביי דער יאַטקע גאַס האָט געוואוינט שאול קרופּניק. ער האָט געהאַט אַ גרויפּן, הירזש מיל. זי האָט מען גערופן שואלעכע. איז מיט יאָרן צוריק האָט זיך זייערע אַ משפּחה מיטגליד אָפּגעשמד׳ט. פאַר דער גאַנצער פאַמיליע איז עס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. — אי אַ ווייטיק, אי אַ בושה. ספּעציעל ביי אַ שידוך טאָן, פלעגט מען, ביי אַזוינע פאַלן, שטיל אויף אַן אויער, אַ שושקע טאָן — זיי האָבן אַ משומד אין דער משפּחה... איינמאָל האָט מען פון אונזער טייך האַרין אַרויסגעצויגן אַ דערטרונקענעם, אַ געוויינעלעכע פאַסירונג זומער צייט, ווען מען באָדט זיך אָפּט. דער חילוק איז געווען, וואָס דער דערטרונקענער האָט געהאַט גרויסע שטיינער אָנגעבונדן אויף זיינע הענט און פיס. אַריינקוקנדיק זיך אין זיין פּנים, האָט איינער פונעם פּובליקום אַ געשריי געטאָן — אוי, ס׳איז דאָך די שואליכעס משומד. דאַביי איז געשטאַנען דער אוריאַדניק וואָס האָט פאַרשטאַנען יידיש און ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאַכע ביי דער מאַכט — אַ רעליגיעזער

מאָרד! און אויב אַ מאָרד אויף אַ רעליגיעזן באָדן, האָט מען גלייך אַרעסטירט דעם אַלטן רב פון שטאָט.

די נכבדי העיר האָבן זיך גלייך מאָביליזירט, נישט דערלאָזן צו אַזאַ חילול השם — זייער רב, אין טורמע גאָר! מען האָט אים אַרויסגענומען ביזן פּראָצעס אויף פּאָרוקאַ (קויציע), גאַראַנטירנדיק מיט זייערע דירות. האָט זיך דער רב „מישב" געוועזן, אַלט איז ער, מיט צרות האָט ער זיך אָנגענומען לרוב, און ער האָט געגעבן אַ שטאַרב אָפּ פאַרן פּראָצעס. און אַז זייערע דירות זענען געשטאַנען אין קאָן, זיי צו פאַרלירן, האָבן זיי אין זייער פאַרצווייפלונג זיך געווענדעט צום קייסער אַליין, און נישט קיין אַנדערער ווי מיין רבי שמחה אייזיק איז, צוליב זיינע שיינע מליצה שרייבן, אויסגעקליבן געוואָרן צו שרייבן די בריוו.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זיינע תלמידים האָבן געגאַרט צו האָבן אַ מוסטער פון זיין שיינעם שרייבן. בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה. — כ'האָב געבראַכט צו מיין רבין אַ דיקן העפט און איך האָב אים געבעטן, אַז אויפשריפט אויף זיין טאָוול, און דאָ ברענג איך דעם אויפשריפט ווי איך האָב אויפגעהאַלטן אים אין מיין זכרון:

פה נקבצו באו כל המכתבים\
הנעימים לי והנאהבים\
שאני כותב לחברי\
לקרובי, לאבי או לשארי.

דערנאָך האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר באַנייען דעם העפט מיט זיינעם אַ שיר. ער האָט אַרויסגעקוקט אינדרויסן ווו ס'איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און ער האָט אָנגעשריבן:

הררי השלג והכפור,\
ענקי הקרח והקור,\
יוצאי ירך הסתו.\
אתם גבורי מלחמת,\
שבחרה נוקמת\
נלחמתם באדם רב.\
ותגברו חילים,\
להפיל חללים\
מאדם ועד בהמה ועוף.\
פרשתם רשת\
ותדרכו קשת\
גם על עולל, גם על שב.

מלמדים איז ביי אונז געווען לרוב — אָנהויבנדיק פון די דרדקי און ענדע־קנדיק מיט די גמרא מלמדים: כ׳וועל זיי אויסרעכענען לויט גראַדאַציע: מעכל שאַמעס, אשר יואל, משה אשר יואלס, יענקל מלמד, משה פוקס, נחום טאַרבע־רידער, פרויקע, יאַנקל הרון מעכלס, מיינער אַ פעטער, און דער גרעסטער פון זיי אַלע אין לומדות, שמחה אייזיק.

פון מעכל שאַמעס חדר בין איך אַריבער צו משה אשר יואל׳ס, וועלכער האָט זיך שוין געבריט און האָט מיט אונז תלמידים שוין געלערנט מ. קרינסקיס — „הדיבור העברי, חלק ראשון". מ׳האָט אַפילו אונטערגעמורמלט, אַז צווישן מנחה און מעריב, כאַפּט ער זיך אַריין אין קלויז און פרעגט זיך די טייטש פון אומבאַ־קאַנטע פּאָר אים העברעאישע ווערטער.

אָבער ער האָט געוווסט, מיט דער הילף פון זיין זון שמואל, וואָס איז שוין געגאַנגען אין אונזער היימישער רוסישער שולע, צו מאַכן אונז דעם חדר, אינטע־רעסאַנטער. גאַנץ פשוט, אַלע תלמידים, קינדער פון שניט קרעמער, האָבן באַ־דאַרפט ברענגען ברעטלעך אויף וועלכער ס׳איז געווען געוויקלט די סחורה און ער, שמואל, האָט פון זיי קונציק אויסגעשניצט שווערדלעך און ביקסלעך. אָנגע־גירט מיט זיין אונזערע לענדן, פלעג ער אונז אַרויספירן אין גאַס און מושטרירן אונטער זיין קאָמאַנדע — אחת, שתים, שלוש (איינס, צוויי, דריי).

פון משה אשר יואל׳ס בין איך אַריבער צו אברהמצי מלמד, ווו מען האָט שוין געלערנט חומש מיט רש"י. כאַראַקטעריסטיש איז, ווי מען האָט געזוכט האַלטן קינדער שטענדיק פאַרנומען מיט לערנען, זיי זאָלן נישט האָבן קיין צייט צו שקאַצעווען. אַפילו שבת בייטאָג האָט מען זומער ביים רבין געלערנט פרק און ווינטער משלי. אין די אויפדערנאַכטן איז מען אויך נישט געווען פריי פון לערנען תורה — באַגלייט פון אַ לאַמטערנדל אויף קעראָסין אָדער ליכט, פלעגן די קינדער בראָדיען אין טיפן שניי, אָדער טאַפּטשען אין די פּאָר פּסחדיקע טיפע בלאָטעס. ווינטער זענען די אויפדערנאַכטן אַזוי לאַנג... איז מיט דעם לאַמטערנדל אין דער האַנט, אַמאָל דאָס גלאָז אויסגעפּוצט מיט קאָלירט פּאַפּיר, האָבן חברה קליינוואַרג געאיילט אַהיים, באַגלייטנדיק זיך מיט אַ ספּעציפיש לידל, געזונגען אין כאָר, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון — „אל בנה, אל בנה, קאַטשקעלעך דערונטער, ווער ס׳גייט ביינאַכט — יאָסעלע דער ש — — — ר, בערעלע דער פּ — — — ר...

פון אברהמצי מלמד בין איך אַריבערגעגאַנגען צו יענקל הרן מיכלס, ווו כ׳האָב שוין אַריינגעקוקט אין אַ בלאַט גמרא.

נישט לאַנג האָט גענומען און מ׳האָט מיר געבראַכט צו ר׳ שמחה אייזיקן. דאָס „חדר" איז געווען קדשי קדשים, איז וועגן דעם שרייב איך באַזונדער.

פרייליכע חתונות. די חתונות זענען נישט נאָר געווען אַ מקור פון פרייד פֿאַר די חתן־כלה, מחותנים און איינגעלאַדענע, נאָר פֿאַרן גאַנצן שטעטל: שבת צו נאַכט זענען די קלעזמער געקומען מיט זייערע כלים צו די חתונה־האָבנדע מיט אַ פֿאָר־שפּיל. דעם טאָג פון דער חתונה האָט מען געפֿירט, דורכן גאַנצן שטעטל, אין שול הויף אַריין מיט באַטויבנדע מוזיק, דאָס חתן כלה פּאָרל. צוריק־קומענדיק פון דער חופּה זענען חתן כלה פֿאַרהאַלטן געוואָרן ביי דעם אַריינגאַנג, דורך אַ יינגעלע — חתן אָדער כלה׳ס צד אַ וואוילקענער — מערסטנטייל, מיט אַ דרשה אויף יידיש, רוסיש אָדער העברעאיש, מען פלעג לויפן אין פאָראויס פֿאַרכאַפּן אַ פּלאַץ, וואָס אַמאָל פלעג עס אים, דעם באַגריסער אָפּגיין גלאַטיק און אַמאָל, אוי וויי, פלעג ער אָנהויבן שטאַמלען אָדער פֿאַרגעסן די ווערטער וואָס ער האָט אַזוי גוט געזאָגט אין דער׳היים פון אויסנווייניק. דאַן פֿלעגט אַ היציקער מחותן, להוט שוין נאָך דער „גאָלדענער יויך" אַראָפּשטיפּן דאָס בחור׳ל פון זיין הייך און פריי מאַכן דעם אַריינגאַנג פֿאַר חתן כלה. איינע אַזאַ באַגריסונג אויף רוסיש איז מיר געבליבן אין זכרון:

נאוואם בראטשנים פאזדראווליאיעם
די חתונה־געהאַטע באַגריסן מיר
אט דושי זשעלאיעם
און פון נשמה ווינטשן מיר
אקעאן ששטאסטיא, וואם אי ליובווי
אַן אקעאָן גליק, אים מיט ליבע,
פּאָלנאַוואָ זדראַוויאַ, פּרעקראַסנייע דני
פולן געזונט, גרויסאַרטיקע טעג.

פֿאַרטאָג פֿלעג דאָס גאַנצע שטעטל זיך אויפֿכאַפּן פון דער זיס נאָגנדער מוזיק מיט וועלכע די קלעזמער האָבן אָפּגעפירט די מחותנים צו זיך אַהיים.

שבת, פירן די כלה אין שול אַריין, איז געווען אַן און פֿאַר זיך, אַ שיין בילד. יוסטע בעלי הביתטעס אָנגעטוענע אין לאַנגע ביז דער ערד, שלעפנדיק זיך שווערע קליידער, פון שוואַרצן געדיכטן זיידענעם אָדער פליוש טיך, מיט שליאַפּעס אויף די קעפּ. אָפּטמאָל געליענע איינע ביי דער אַנדערע, צוליב אַ נייעם פֿאַסאָן, וואָס פֿלעג אַרויסקומען. צירינג האָט מען זיך אָנגעהאָנגען פונעם שענסטן און בעסטן, וואָס מ׳האָט פֿאַרמאָגט — שנירלעך פּערל אויטענטישע, נישט קיין צוגעמלאכה׳טע, בראשן מיט דימענטן אָדער ברילי‌אַנטן, גאָלדענע קייטן מיט זייגערלעך, קייטן וואָס פֿלעגן אַרומנעמען דעם האַלדז איין, אָדער צוויי מאָל און גרייכן ביזן גאַרטל. פלעגט מען גיין איבער די גאַסן צו און פון דער שול, באַגלייט פון צושויערינס פון אַלע באַלקאָנען, אַליין איינגעהילט אין אַ רויך פון שטויב, וואָס די צו לאַנגע

קליידער האָבן אויפגעהויבן, קערנדיק מיט זיי, נישט ווילנדיק, די גאַסן.

ווער זענען געווען די קלעזמער? — דאָס איז געווען אַ פאַמיליע וואָס זענען באַשטאַנען פון עטלעכע ברידער און זיי האָבן געהאַט אַ מין חזקה אויף דעם פאַך. די הרצקעס האָט מען זיי גערופן און קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז ס'איז געווען גאָר אַ צונאָמען. ווייזט אויס פונעם קלעזמערישן חוזק טערמין — „הריצעם באָם באָם", און ערשט אַז דער עלטסטער ברודער און פעאיקסטער פון זיי (ער האָט געשפילט אויף עטלעכע אינסטרומענטן) איז אין דער ערשטער וועלט מלחמה ביי דער אַרמיי, עולה לגדולה געוואָרן — מען האָט אים באַשטימט אָנפירן מיט אַ מוזיק קאַפעליע, געבנדיק אים אַ טשין, דאַכט זיך, פון פראפארשטשיק, צוליב וואָס די סאָלדאַטן פלעגן דאַרפן אים אָפגעבן טשעסט. זענען מיר ערשט געוויר געוואָרן, אַז ער הייסט נישט דוד הריצקע, נאָר מאַנדעלבוים, אַ בפירוש שיינער פאַמיליע נאָמען. ווי געזאָגט איז זיין קאַפעליע געווען פאַר יענע השגות, גאָרנישט קיין שלעכטע, אָבער איבערגעשטיגן זי מיט איר שם האָבן די טשאנער (טעאפּיפאל אויף רוסיש) קלעזמער, אָבער זיי אַראָפּגעקומען איז געווען אַ לוקסוס אַרטיקל און פאַר דעם האָט זיך נאָר פאַרגינען פראַדעלע דער סעדערעס מאַן, אַ ליפעראַנט. מען האָט גאָר געלעקט די פינגער פון זייער שפילן...

אַ רבנישע חתונה

אונזער רב, יונגער לייב, אָדער גור אריה, וועלכער זאָל דאָ געזאָגט ווערן, האָט געהאַט אַזאַ הדרת פנים, אַ באָרד פון אַזאַ פאַרנעם, האָט ער מיט זיין שיינעם אויסזען געקאָנט שטעלן אין שאָטן רעמבראַנדס שיינעם יידן פון האָלאַנד, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פאָטאָגראַפירן צוליב „לא תעשה לך פסל". האָט דער שיינער רב אונזערער חתונה געמאַכט זיין עלסטע טאָכטער חנה'לע פאַר אַ באַרדיטשעווער בן הרב. האָט זיך די חתונה אונטערגעשיידט מיט דעם, וואָס די מחותנים באַגעגענען, איז אַרויסגעפאָרן אַ בחור, רייטנדיק אויף אַ פערד און איבערגעטוענער קאָזאַקישע מלבושים. מען האָט אָפגעהוליעט אַ גאַנצע וואָך מיט די אָנגעפאָרענע אין גרויסער צאָל באַשטראַמלטע יידן. פאַרנומען דעם אויוון אָן אין דער גרויסער שול און ביי דער תורה אויפרוף, צום בעבור שנדר, האָט קיינער נישט מנדר געווען קיין גראָשן... איך געדענק מיין פאָטערס אַ באַמערקונג, ער איז דאַמאָלסט געווען גבאי פון דער גרויסער שול — „די וואָס זענען געוואוינט שטענדיק צו נעמען זענען נישט געוואוינט צו געבן"...

אַ טראַגישע חתונה

ס'געדענקט זיך, אַז ביי דעם מלמד משה פוקס אלמנה, האָט מען חתונה געמאַכט אַ טאָכטער פאַר אַ בחור פון ראַדזיוויל. ס'איז זיך אָנגעפאָרן אַ צאָל מחותנים פון חתן צד, צווישן זיי דעם חתנ'ס אַ ברודערל פון אַ יאָר צען. אַזוי ווי

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, איז דאָס יינגעלע אַוועק זיך באָדן אין אונזער גאַרינ־טייך און מען האָט אים אַרויסגענומען אַ דערטרונקענעם. מען איז געגאַנגען פרעגן דעם רב אַ שאלה, וואָס טוט מען? דערויף איז געקומען דער ענטפער — אַן קלעזמער, אָבער די חתונה זאָל אָנגיין...

דאָס שיכעלע

פאַר די ימים נוראים פלעגן מיר חדר-יינגלעך זיך אַריינכאַפּן בגנבה אין קלויז און צוכאַפּן זיך צום שופר, כדי פּריוון אַרויסלאָזן פון אים גרילצנדיקע תקיעות און שברים און תרועות. איז תמיד פלעגן מיר זיך אָנטרעפן אויף אַ מערקווירדיקער זאַך: ביים שופר, אין זעלבן הייליקן פלאַץ וווּ ער איז געליגן, איז געליגן אַ שוואַר־צע פאַטשיילע און לעבן איר אַ שיכעלע פון אַ מאָדנעם אויסזען, ס'איז געווען גע-מאַכט פון שוואַרצן לעדער, אַן אַ קנאַפּל ווי אַ שקאַרפּעטקע און אַרומגעפלאָכטן מיט רימעטן.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס האָט דאָ צוטון אַ שיך, אין דעם פאַרבאַרגענעם הייליקסטן פלאַץ אין קלויז, ביז מ'האָט אונדז דערציילט, אַז דאָס איז אַ חליצה-שיכל.

פון דאַן אָן האָבן מיר זיך באַצויגן מיט אָפּשיי צו דעם שיכל, נאָך מער ווי צום שופר, אַזאַ קליינינקייט, ווען נישט דאָס שיכל קאָן דאָך אָן אומגליק פאַסירן צו אַן אלמנה און איר טראַגעדיע אָן דעם שיכל קאָן חס וחלילה זיך פאַרטאָפּלען. ווי קינ-דער, האָבן מיר געוואָלט שוין זען דאָס שיכל זאָל אַמאָל באַנוצט ווערן, און די הערצעלעך האָבן געטיאַכקעט און געוואַרט אויף אַזאַ מאָמענט.

אין אַ געוויסן טאָג איז עס געשען.

איך אַליין בין געווען אַן עדות צו דער פיינלעכער פּראָצעדור, ווען דאָס שיכל איז געווען דאָס הויפּטשפּילענדיקע ראָלע.

איך אליין האָב געזען מיין פּאָלק אין זיין פינצטערניש.

אַ שטוב פאַר ראַשאַווסקיס אַפּטייק האָט געוווינט נחום לעכטיצער. זיין טאָכ-טער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ בחור, וואָס האָט געהייסן משה פון לעבן דעם קרעמעניצער וועג. דער יינגערמאַן איז פּלוצים אַוועקגעשטאָרבן און איבערגעלאָזט זיין פרוי אָן קינדער. נאָר מיט אַ שוואָגערל פון אַ יאָר אַלט.

די יינגע אלמנה נעבאָך האָט געמוזט וואַרטן 12 יאָר, ביז אַט דאָס שוואָגערל זאָל זי באַפרייען און איר זאָגן, אַז ער וויל זי נישט פאַר קיין פרוי. 12 וויסטע אומעט יאָרן נעבאָך האָט זי געפּינצטערט אין איר אלמנה'שאַפט, זייענדיק פאַר-בינדן צו דער קאַפּריזע פון דעם פּיציענקעלע קינד און אַנגעוויזן אויף זיין גוטן ווילן. אָבער שנעלער האָט ער נישט געקאָנט וואַקסן. זי האָט געמוזט וואַרטן.


ביז גאָט האָט געהאָלפן, ווען זי איז שוין גוט געעלטערט געוואָרן און פאַר-מיאוסט פונם לעבן נאָך 12 יאָר, איז דער יינגערמאַנצ'יק געוואָרן בר-מצווה און

געקאָנט זי „באַפרייען" און באַשטימען איר גורל. ער האָט איר געגעבן חליצה און דאָס שיכל איז אַריין אין שפּיל.

א סך איינצלהייטן פון דער פּראָצעדור זענען זיך פאַרפלויגן פון מיין זכרון, אָבער דאָס וואָס איך געדענק, געדענק איך נאָך ווי היינט.

די קלויז איז געווען איבערפּאַקט מיט מענטשן, דער דיין פראווועט די צערע־מאָניע, מענטשן האלטן איין דעם אָטעם, מען פליסטערט נאָר, שא, יעצט רעדט מען נישט, יעדער וויל ווייזן זיין בקיאות אין דעם ענין, מ׳פילט אפילו נישט, אז דאָ גייט א קלוגע עדה מענטשן זיך אַפּריקן יאָרהונדערטער אויף צוריק, זיך וואַרבינדן מיט זיטן פון פרימיטיווע האַלב־ווילדע מענטשן־האַרדעס. יעדער האָט הנאה ווען ער דערמאָנט זיך אַ אויסצוג פון גמרא, וואָס דער אנדערער ווייסט עס נישט, מ׳וואַרט ווי ווילדע באַשעפענישן, האָבענדיק הנאה וואָס נישט מיך האָט עס גע־טראָפן.

די מינוט קומט, טיילט מען אָפּ די אלמנקע מיט דעם שווארצן טוך פון אַלע, אויסער דער מחנה ווי אַ קרעציקע, דער דיין רעדט צו איר דורכן שוואַרצן לייווענ־טענעם „מויער", ווער פארשטייט דען וואָס עס מיינען די אראמישע פינסטערע ווערטער, דאָס קליינציקע שוואָגערל דער הויפּט־אַרטיסט פון דעם אויסגעקליגערטן ספּעקטאַקל, פאַרשטייט ווייניקער פון יעדן וואָס קומט פאָר. פּלוצים ווערט שטיל, מ׳הייסט זיך אָפּריקן נאָך ווייטער פון דער פארוויסטעטער אלמנה און דאָס גע־היימניספולע שוואַרצע שיכל גיט א פאַל, געוואָרפן פון דעם קינדס קליינע בר־מצוה הענטלעך, גלייך צו איר און זי איז פריי.



ווישניוויצער שוי־שפּילער, מוזיקער און זייער פּאַטראָנאַט

אָנפאַנג טעאַטער אין ווישניוויץ

דער פאָרגייער פון ידישן ליבהאָבער טעאַטער ביי אונדז איז געווען יאָסל בויקיס, צוריקגעקומען אקאָרשט פון וואַרשע, וווּ ער איז געווען אין האַנדלס-אָנגע-שטעלטער, האָט זיך יאָסל אַנגעזאַפּט מיט די איינדרוקספולע פאָרשטעלונגען פון אסתר-רחל קאַמינסקי, ווען זי איז געווען אין איר פולער פּראַכט.

אין ווישניוויץ האָט יאָסל דורכגעפירט מיט היימישע כוחות עטליכע דראַמאַ-טישע אויפפירונגען מיט גרויס דערפאָלג.

און ווישניוויץ האָט זיך צוגעווינט צו טעאַטער. נאָך אים האָבן מיר, די שטור־דירנדיקע יוגנט געגרינדעט א ליבהאָבער-קרייז און אונטער דער רעזשי פון פייער-מאַנען, דעם שוחט'ס זון, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון קישעניעוו, האָבן מיר געצויגן ווייטער דעם דראַמאַטישן פאָדעם, מיר האָבן געשפּילט דעם „יידישן קעניג ליר", „דער ווילדער מענטש" א.א.

די פאָרשטעלונגען פלעגן זיך שטענדיק ענדיקן מיט א פאָלקס-באַל. די מוזי-קאַנטן פלעגן אַרויסגיין אויף די באַלקאָנען פון דער דאָרפס-מיל, ווו מיר האָבן געהאַט די זאַל פאַרן טעאַטער און אונטער זייערע פריילעכע טענער פלעגן די גאַסן אויפלעבן. אָגיל ואָשמח ביי יידן, מ'האָט געשפּילט אַ טעאַטער!

דאָס קבורסיל און דער „דיבוק"

אָדער

אַנסקי אין ווישניוויץ

אין א הייסן זומער-טאָג האָט זיך אין מאַרק-גאַס דערטראַגן א רוישיקער גלאָקן געקלאַנג און א פייטאָן (א גרויסע ברישקע) געשפּאַנט צו צווייַ גלאַט-אויסגעפּאַשעטע שוואַרץ גלאַנציקע פערד איז פאַרפאָרן אין מאַרק. אין פייטאָן איז געזעסן א מיטליעריקער מאַן מיט א קורץ-בערדל, אַנגעטון אין א ברייטער פּרץ-פּאַלערינע און מיט א ווייכע שוואַרצע שליאַפּע אויפן קאָפּ. די גאָס האָט זיך דער-שראָקן, די קינדער האָבן זיך ארומגעקוקט איינס צום צווייטן, אומרוהיק געווען, צי איז עס נישט אַמאָל א אינספּעקטאָר פון פּאַטענטן, ס'וואָלט אפשר כדאי געווען באַצייטנס אַפּשטעקן ערגעץ אביסל סחורה און מאַכן א רחמנות-פּנים דער קראָם.

ביז וואָס ווען איז אָבער דער בכבודער יינגערמאַנצ'יק פאַרפאָרן צו שמעון-חיים-שמעונס איינפאָרהויז, אלע האָבן זיך בארוהיקט און אוועק טשוואַלאַם צום איינפאָרהויז.

מ'האָט דערזען, גייט דער יינגערמאַן אַרויס מיט בונים שמעון חיים שמעונ'ס און ביידע לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון אונדזער געוועלב. געלאָסן מיט זייד־שריט איז דער מיסטעריעזער רייזנדער אַריין אין קלייט אַריין, אָפּגעגעבן א ברייטן שלום-עליכם מיין טאַטן און געזאָגט:

— מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר זענט גבאי פון דער גרויסער שול, וויל

איך אייך בעטן איר זאָלט מיר ערמעגלעכן באַזוכן די שול. איך קום פון פעטערבורגער יידישן מוזיאום, וואָס קויפט און זאַמעלט מערקווירדיקייטן פון ריין יידישן כאַראַקטער און אינהאַלט פאר דעם מוזיאום.

מיין טאַטע האָט מיך געשיקט רופן מיכל שמש מיט די שליסל פון שול און מ׳איז אַוועק אין שול אריין. מ׳האָט געעפנט די שווערע טיר, באַקאָוועטע מיט אייזערנע, גראָבקעפּיקע שטיפטן פון אויוון ביז אַראָפּ און די גאַנצע פּמליה, מיטן דייטשיל פון פאָרנט זענען אַרונטער די טרעפּלעך פון „ממעמקים קראתיך” און אריין אין שול.

דער גאַסט איז פּאַוואָליעטשקע זיך צוגעגאנגען צום באַלעמער און שטיין געבליבן ערשטוינט, אויפן טיש איז געלעגן א ריזיק דיקער ספר, א מין סדור פון צוריק מיט הונדערטער יאָרן. די טאָוולען מיט לײדער געדעקט און קינסטלעך אָרנאַמענטירט מיט גאָלד גראַווירעס. די בלעטער אַלע פון פּאַרמעט, דיקער־ווי־דיק און ארום און ארום איז ער באחלבט מיט ליכט — טראָפּנס פון דורות לאַנגע נעכט, וואָס יידן האבן אין אים אריינגעוויינט זייערע ווייטיקן און צרות.

ער האָט א בלעטער געטון דאָס בוך און ערשטוינט געוואָרן. אַלע אָנהויבן זענען געווען מיט גרויסע קינצלערישע בוכשטאַבן. אן אמתר יקר המציאות, איינער אין דער וועלט. א דערצייטעטער און צוגעבאַקענער צום אַנטיק האָט דער גאַסט זיך געווענדעט צום טאַטן און צו די ארומיקע:

— יידן, איך בין ש. אנ-סקי בייט וויפל איר ווילט פארן סדור אָבער פארקויפט אים מיר.

די יידן האָבן אָבער נישט באַשטאַנען, פון אזא חפץ וועלן זיי זיך ניט שיידן. פּאָר קיין שום פאַל נישט. פאַר קיין פּרייז נישט.

אנסקי איז נישט בטל געוואָרן, ער איז ווייטער געגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלטביים קינסטלעריש געשניצטן עמוד, מיט די באַגאָלדעטע קייטן ביים ענדע, פון וועלכע ס׳האָבן אַראָפּגעהאַנגען צוויי גאָלדענע הענט אויסגעשפּרייטע ווי צום דוכנען.

ער איז גרייט דעם עמוד קויפן. אָבער אויך אים האָבן זיי נישט באַשטאַנען צו פאַרקויפן.

אנסקי איז געבליבן רוהיק, פאַרשלאָסן אין זיך און ווייטער זיך ארומגעקוקט.

די שול איז געווען שיין און גרויס. די הויך האָט זיך געהאַט אַ צוויי שטאָק. ארומבאַשיינט מיט אָנצאָליקע פענסטער, מיט קאָלירטע שויבן. די סטעלע האָט געהאַט עטלעכע קופּאלן און אין מיטן א גרעסערן בולטן קופּאל. אין דער מיט פון יעדן קופּאל איז געווען א קיילעכדיקע, קליינע עפנונג פון וועלכע ס׳איז אראָפּגעהאַנגען א מעשענער פּילרעריקער, ריזיקער הענגלייכטער אויף דיקע גלאַנצענדיקע מעשענע קייטן.

דער מיטלסטער לייכטער איז געווען ריזיק גרויס, אנסקי איז געווען א קונה הכל, אָבער מ׳האָט אים נאָר פארקויפט א זייטיקן לייכטער. אויך א קינסטלערישער.

אויסגעקלאַפּטער מיט בלומען, קנאָספּען, רייזעלעך און כּרובים, אָבער אַ סך קלענער און נעביכדיקער. אַנסקי איז געווען צעפרידן.

מ׳וויל שוין גיין. אָבער אַנסקי דערזעט פּלוצים אַ שטיין שיילט זיך אויס מיט זיין גלאַטקייט פון דער וואַנט, ער בייט עמיצער זאָל ארויסגליבען דעם שטיין פון וואַנט, ער וויל אים באַטראַכטן. ער וועט באַצאָלן פאַרן פאַריכטן צוריק די וואַנט. מ׳האָט אים ערפילט זיין פאַרלאַנג און אַלע זענען ערשטוינט געוואָרן, ווען ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אויף זיין יעצט ענדעקטער זייט האָט דער שטיין געהאַט אויסגעהאַקט ברכות פאַר דעם שטעטל מיט זיינע איינוווינער, אַלט ווייזט אויס איז געווען דער שטיין און ווער ווייסט פאַרוואָס מ׳האָט געמוזט באַהאַלטן דעם אויפשריפט. אַ געשיכטע איז דאָ פארלוירן געגאנגען. פאַרפאַלן. פון דאַן האָט מען דעם שטיין געזען מיט די אותיות אויף פאָרנט. מ׳האָט אים דעם שטיין אויך נישט פארקויפט. אָבער פון דעם אלעם האָט אַנסקי געזען אַז אין דעם שטעטל איז פארשוויגן געוואָרן אַ שטיק לאַנגע, ווייטע היסטאָריע, האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים וואָס דערציילן.

מ׳האָט אים דאַן צוגעפירט הינטער דער שול, ביי ישראל ניוקס שטוב, און מ׳האָט אים געוויזן דאָס קברות׳ל וואָס איז געווען ארומגעצוימט ווי אַ ברונעם, באַוואַקסן מיט געדיכטע ווילד-געוויקסן און פאַרנאַכלעסיקט. און מ׳האָט אים דערציילט, אַז דורות לאַנג קומען אַהער פרויען און וואַרפן קנאַבל, ווי אויף אַן אמת׳ן בית־עולם, ווייל לויט דער לעגענדע האָבן כמילניצקיס באַנדעס אַריינקומענדיק אין שטאָט צוואָלאַם, צעיושעטע און צעווילדעוועטע, האָבן זיי אַנגעטראָפן אויף אַ חתונה פאַראַד. יידן האָבן געפירט אַ יונג פאַרפאָלק צו חופה, זיי האָבן דאַן געכאַפּט חתן-כלה און זיי לעבעדיקערייט אַריינגעוואָרפן אין ברונעם.

***

אַנסקי האָט זיך נישט געקאָנט דערבעטן מ׳זאָל אָפּראָמען די גראָזן, און ארויסבאַקומען אַ שטיין, אַ אויפשריפט, אפשר איז עפּעס אַן עדות פאַרבליבן. ווישניוויץ האָט נישט געוואָלט באומרוהיקן די מתים...

אבער נאָך דער געשיכטע האָט אַנסקי אָנגעשריבן זיין באַרימטן דיבוק און דאָרט ווערט בולט דערמאָנט די מעשה מיטן פאַרפאָלק, וואָס פון דער חופה ארויס זענען זיי אריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ ברונעם אַריין און פון לעבן נישט געוווּסט.

אונזער אייגענער טראָצקי

ס׳איז געקומען אַ יידישער גימנאַזיסט פון קרעמעניץ פון דער ערשטער אוקראַאינער רעירוגנגס גימנאַזיע, מיינער אַ מיטשילער, מיטן פאַמיליען נאָמען גלאַדשטיין. פאַרלאָזט האָט ער זיך אַ קורץ בערדל, כּדי ער זאָל אויסזען עלטער, און זיך גענומען רופן אָרלענקאַ — „אַ קריסט”... ער האָט עס גענומען לויט באַקומענע אינסטרוקציעס, אָרגאַניזירן דאָס אָפיציעלע מאַכט לעבן ביי אונז. אַזוי

ווי די שונאים אין פּאָטענץ האָבן געקאָנט זיין די פּאָליאַקן פון יענער זייט גע־וועזענער גרענעץ, קיין אַרמיי האָט די צענטראַלע רעגירונג צוליב איר פּילצאָליקע פּראָנטן נישט געקאָנט שיקן, איז דורך אים, אויסנוצנדיק פּעאיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן, איז געשאַפן געוואָרן, פון די פּויערים, אַ מיליץ, וועלכע פלעגן האַלטן אַ וואַך אויג פון די געבליבענע טראַנשייען פון דער אָקערשט פאַרענדיקטע מלחמה. די מעלה פון אַזאַ סאָרט אַרמיי איז געווען, וואָס זי האָט לחלוטין גאָרנישט געקאָסט דער רעגירונג קאַסע. פאַרלאָזט געווער איז געווען לרוב, דער פּויער איז געלעגן פאַרגראָבן אין די טראַנשייען אויף וואַך, עסן האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט צו זיין נאָענטער שטוב, אָדער מען האָט אים פון שטוב געבראַכט עסן.

די פּאָליאַקן ווידער, וועלכע האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אָנגריף אויף אונזער געגנט, האָבן פון זייער זייט אונטערגעשיקט זייערע ספּעציאַליסטן אויף פּראָפּאַגאַנדע, און וויסנדיק און קענענדיק די פינצטערע אומוויסנקייט פונעם המון, האָט זי גענומען באַנוצן דעם יידישן מאָטיוו אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטיש מיטל, לאָזנדיק אין גאַנג אַ קלאַנג „אַז די יידן האָבן אַרויסגעפירט פיר זעק קאַמוניע פון דער פּאַטשאַיעווער לאַוורע.

פאַר אַזאַ „חטא", איז זייער ערשטער מיין געווען זיך אָפּרעכענען מיט די ווישניוויצער יידן.

אינצווישן האָב איך דערזען מיין מיטשילער גאָלדשטיין־אָרלענקא געפירט צווישן צוויי באַוואָפנטע פּויערים. אַז ער האָט מיך דערזען האָט ער מיך געפרעגט צי מען קען קריגן אַ פּיר קיין קרעמעניץ. ס'איז מיר תיכף אויפגעלנד געוואָרן זיין ווענדונג — הער נאָר, ער וואָס הערשט און שולטעוועט, זוכט גאָר דורך מיר צו קריגן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין קרעמעניץ.

נאָכן פאַרלויף פון די געשעענישן, האָב איך זיך ערשט רעכט געגעבן אַ רעכענונג אין וואָס פאַר אַ לעבנס געפאַר ער האָט מיך געשטעלט, נאָר מיט זיין ווענדן זיך צו מיר...

ווי געזאָגט, האָבן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פאַרלאָזט די טראַנ־שייען און זיי זענען אַריין אין שטעטל פאַרזאַמלנדיק זיך ביים וואלאסט. איך האָב זיך צוגעשלייכט אומבאַמערקט און איך האָב געהערט ווי איינער אַ שטע־טישער פּויער, וואָס איז געווען באַקאַנט פאַר אַ שטיקל לינקן, האָט, ווייזט אויס, געענטפערט אַ פריערדיקן רעדנער:

— ניין, האָט ער געזאָגט, מיט אונזערע יידן וואוינען מיר שוין בשלום הונ־דערטער יאָרן, אַז אויף אונז גיסט אַ רעגן, גיסט ער אויף זיי אויך, אַז זיי ברענט די זון, ברענט זי אונז אויך. אויב יידן האָבן געטאָן שלעכטס, האָבן געטאָן אַנדערע יידן און אין אַנדערע פּלעצער.

כ'וואָלט נאָך געווען געשטאַנען און געהערט, האָט זיך פּלוצלינג איין שיקסע אָנגערופן צו דער צווייטער, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן מיר:

— דיוויסיא עטלין סינאָק.

קוק, עטל׳ס זון האָב איך פאַרשטאַנען אַז ס׳איז פאַר מיר גלייכער זיך אָפּצוטראָגן...

דער אָנגעזאַמלטער המון, האָט געפאָלגט דעם רעדנער, וואָס האָט גע׳עצה׳ט ווישניוויצער יידן נישט טשעפּן. זיי האָבן אַוועקגעשפּאַנט קיין קרעמעניץ מיטנעמענדיק מיט זיך גלאַטשטיינען, וועלכן זיי האָבן אין האַרינקער וואַלד, צום גרויסן באַדויערן, פאַר׳ענדיקט זיין יונג לעבן און אויך דאָרטן באַדעקט...

טוביה שאג מיט זיינע פאַראָווע מיל

צו שבת אויפדערנאַכטן פלעגן צו אונז אַריינקומען שכנים און גלאַט גוטע ברידער אויף אַ גלאָז טיי מיט פיינקוכן, אָדער לייקעך. מען האָט געפירט געשפּרעכן איבער דער יידישער לאַגע און וועגן אַלגעמיינער פּאָליטיק בכלל.

צווישן די ידידים אַריינגייערס, האָט זיך געציילט טוביה שאג, אַ ייד אַ גביר, וועלכער פלעג אונטערשטרייכן זיין גביר׳שאַפט מיט אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער, וואָס ער פלעג אָפט אַרויסנעמען פון וועסט קעשענע און מיט ברילן מיט גאָלדענע ראָמלעך. איינמאָל האָב איך אים געהערט זאָגן:

— זיי ווילן צונעמען, זאָלן זיי גריזן די מויער.

דאַן האָב איך נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער. מיט יאָרן ווייטער, האָב איך ערשט באַנומען זייער באַדייט, — ס׳איז געווען באַלד נאָך די פּאָגראָמען, טוביה שאג האָט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט באַרויבן זיין פאַרמעגן, האָט ער באַשלאָסן צו בויען אַ מויער, פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעקומען אַ פינף שטאָקיגע דאַמפּס־מיל („פּאַר׳אָוואַיאַ מעלניצא״), מיט ריזיקע פאַרע קעסלען, מיט קאָסטבאַרע מאַשינען. די מיל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי האָט אַ חסרון, זי איז צו גוט פאַר ווישניוויץ — פאַר איין מאָנאַט האָט זי געקאָנט אָנזעטיקן מיט מעל דעם געגנט אויף אַ גאַנץ יאָר, און אַ פרעסערן אויף האָלץ איז זי געווען אַ געוואַלדיקע, אַזוי אַז מען האָט צו איר באַדאַרפט האָבן אַן אייגענעם וואַלד.

אַז די געשעפטן זענען אַוועקגעגאַנגען פון שלעכט צו נומער ערגער, האָט ער אַרענדירט די מיל צו צוויי שוואָגערס, שפּירא און קרישטאַל, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען פון סלאַוווטע און זיינען גלייך געוואָרן אַ רעטעניש פאַרן גאַנצן שטעטל — הער נאָר גאָר, צווישן זיך מענער, פרויען, קינד. שפּירא האָט געהאַט אַ מיידל אין מיינע יאָרן און גערופן האָט מען זי גיטאשא — רעדט מען נאָר רוסיש און אין שול לויפט מען יעדן פרייטיק און שבת און מען פירט אַ כשר׳ע קיך... מיט דער צייט זענען מיר געוואויר געוואָרן דעם באַדייט — זיי האָבן געשטאַמט פון די אמת׳ע שפּיראָ׳ס...

שפּירא און קרישטאַל האָבן אויך דערלייגט די שיינע אפּותיקה צו דער מיל און האָבן פאַרלאָזט ווישניוויץ.

ס׳פֿאַרשטייט זיך אַז שפּירא איז אַוועקגעפֿאָרן איז טוביה שאג ווידער גע־בליבן מיט דער מיל און מיט די געוואַלדיקע מאָנאַטלעכע דעפֿיציטן, ביז ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט צוויי קאַצאַפּעס ברידער און האָבן אָפּגעקויפֿט די מיל פֿאַר אַ שיבוש. זיי האָבן יאָ געהאַט זייער אייגנס אַ וואַלד און אין דער מיל, אַפֿילו נישט טעגלעך, האָט זיך דאָך געמאָלן...

שאג ווידער, איז אַראָפּ פֿון דער מדרגה פֿון אַ גביר.

משומדים

א יידישע פרוי אין ווישניוויץ האָט זיך אָפּגעשמדט, חתונה געהאַט מיט א גוי און ווי דער שטייגער, איז דער גוי פארשווונדן און איבערגעלאָזט זי מיט א שענע צאָל קינדער. קיינער האָט נישט געוווּסט, צי איז זי א אלמנה, אָדער א גרושה, אָדער אן „עגונה". זי האָט זיך אויסגעלעבט, ווי א אפּשטפּליטער אָפּגעריסן פון ביידע וועלטן, פארשטויסן פון ביידע געזעלשאַפטן, אָבער דעמאָנסטרירט האָט זי איר נייגונג צו דער געזעלשאַפט וועמען זי האָט פארלאָזט. יעדן פרייטיק אָוונד האָט זי געפּלעגט אויסשטעלן א לייכטער מיט אָנגעצינדענע ליכט. זי האָט געוווינט אויף א בערגל אַרויף צו צום וועג פון דער „זיעמסקער באָלניצע", אין א עכט גויישער גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך שמואל באַלטערס הויז, די לעצטע יידישע שטוב.

די ליכט זענען געווען ווי א שיינוואָרפער פון א פאַרוואָרפענעם שיפעלע אין די ווייטקייטן פון א גרויסן פיינדליכן ים, וואָס רופט פון ים און בייט רחמים און גיכע הילף. א מין שטילע פארבינדונג מיט ווייטע ברידער און א אָפענער אָפּרייס פון נאָענטע שונאים. אירע שכנים, גויים.

ווער קאָן אָפּשאַצן די טיפקייט פון דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין האַרץ פון דער פשוט פרימיטיווער פרוי, וואָס האָט אין איר תמימות געמיינט אַז ס׳איז גענוג האַרץ-צו-האַרץ פאַרבינדונג, כדי געגנזייטיקע פעלקער-שנאה זאָל פאַרשווינדן.

* * *


א צווייטער פאַל ווידער פון שמד איז געווען מיט א ייד וואָס האָט געהייסן אלתר. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גויע וואָס האָט איר גאַנץ לעבן געוואַשן וועש ביי יידן און געגאַנגען צווישן יידישע שטיבער, בשעת ער איז געבליבן ביי זיך אין ווינונג. ווען אָבער ער פלעגט אָנטרעפן אויף א יידן איז ער זיך באַלד פארגאנגען מיט א יידיש שטיקל מחזור און זאָגן א פרק חזנות.

ס׳האָט געהייסן ווי איינער זאָגט, איך בין גענונג פאַרוואָגעלט געוואָרן אָבער איך האָב דאָס געטון צוליב מיינע קינדער, זאָלן זיי כאָטש ניט ליידן פון יידישקייט.

א נעכטיקער טאָג, ערשט זיינע קינדער האָבן געליטן פון יידישקייט. זייערע שכנים גויישע גוטע ברידער האָבן זיי נאָכגערופן „וויכריסטי" געמאַכטע קריסטן, קינצליכע גויים, אויך א טראַגעדיע.



מישה קורין יושב משמאל



מבט על העיר הישנה

אויך מיר ליבע

געווען איז ער אַנאַנדערער אַ שכן, מענדל בעל עגלה׳ס זון, מאָטל האָט ער געהייסן, געווען נישט קיין פאַרשלאָפענער בחור, נישט קיין מיאוסער, ספּעציעל האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אין זיין שיינער מאַנסבילשאַפט, ווען ער פלעגט קומען אויף אָפּרו אַהיים פון דער מיליטער דינסט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פיר לאַנגע יאָרן אויפן „דאַלני וואָסטאָק". אין די צווישן צייטן, ווען ער פלעגט קומען אויף אָפּרו אַהיים, האָט ער זיך פאַרליבט אין די קאַרמיניקס (אויסגעאַרבעט קרעמעניס) אַ שוועסטער.

אַז מאָטל איז צוריקגעקומען פון דינסט האָט ער געוואָלט חתונה האָבן פאַר זיין אויסדערוויילטער פונעם האַרצן — מיידל, האָבן זיינע עלטערן און קרובים אַנטקעגן געשטעלט זיך דעם שידוך. נישט פאַר גאָרנישט, נאָר פאַר תכלית, — ער איז אָרעם, דאָס מיידל איז אָרעם, ווי אַזוי וועלן גיין צוויי קבצנים טאַנצן. אַ מער איז דאָ אין אַ דאָרף הערשל אוירע׳ס (אַ צונאָמען צוליב זיין קמצנות), זייערער אַ ווייטער קרוב, האָט ער אַ מיידל, איז זי אַ גאַנץ קלוגע, אַפילו אַ גע־שטיפּלטע, נו איז וואָס, אָבער נדן איז פאַראַן. אָבער מאָטל האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, — דאָס מיידל האָט מיך ליב און איך האָב זי ליב. האָט זיך אַריינגע־מישט זיינע אַ שוועגערין, פייגע יאָסל דעם טערעקס און האָט אים געזאָגט, — אַז ער האָט זי ליב, זעט מען, אָבער וואָס איז ער אַזוי זיכער מיטן מיידלס ליבע, אַ מער לאָז ער זי אויספּרובירן, זאָל ער פאַר איר ברענגען אַ פלעשל מיט וואַסער און זאָל זאָגן, אַז ס׳איז סם. און אַזוי ווי מען דערלאָזט נישט צום שידוך, וועט ער אויסטרינקען אַ ביסל סם און זי אַ ביסל און פּטור אַן עסק. ער האָט דורכגעפירט די המצאה פון זיין כיטרער שוועגערין, און אַז ער האָט דער מיידל פאָרגעשלאָגן דעם פּלאַן פון סמען זיך, האָט זי געענטפערט, — דו ווילסט זיך סמען, סם זיך, איך בין יונג און וויל נאָך לעבן... ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט חתונה געהאַט פאַר הערשל אוירס טאָכטער, אויך מיר ליבע...

מאיר מ׳האָט שוין גערעדט

איך געדענק נישט ווער ס׳איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער אידעע, אָבער זי האָט זיך באַפעסטיקט אין געדאַנק פון דער שטודירנדער יוגנט — אַזוי ווי די צענטראַלע מאַכט איז באַזאָרגט וועגן אויפשטייג פון פאָלקס בילדונג, זאָלן מיר פאָרשלאָגן דעם אינסטרוקטאָר, אַז רעכנדיק זיך מיט דער צאָל שילער פון מיטל־שולע וואָס איז באַדייטנד, זאָל מען גרינדן אַ פּאַסנדן דערציאונגס אַנשטאַלט אין ווישניוויץ. אויסגעקליבן האָט מען מיך און מאיר אַווערבוך אַלס שתדלנים. אַווער־בוכן האָט מען באַשטימט אַלס ראש המדברים, ווייל ער האָט געהאַט אַ געשליפן צינגל צום רעדן און האָט זיך געשניטן אויף אַ גאָר פיינעם אָראַטאָר. צו דער באַשטימטער שעה בין איך געקומען אין וואָלאָסט אויף דער אודיענץ מיטן אינ־סטרוקטאָר. מאיר אַווערבוך ווידער, האָט זיך, צוליב אַ געוויסע סיבה, נישט גע־

יאָוועט אין צייט. ווען די מינוט פון אונזער געשפּרעך מיטן אינסטרוקטאָר איז אונטערגעקומען, בין איך אַליין אַריינגעגאַנגען און אים איבערגעגעבן די פּעטיציע פון דער שטודירנדער יוגנט, וועגן וועלכער ער האָט מיר פריינדלעך צוגעזאָגט, אָנעמען שריט. אויף דעם אַלעמען איז געווען אַן עדות שמעון ליפשיץ, מאיר אַוווערבוכ׳ס פעטער, וועלכער זעענדיק אים אַ פאַרשפּעטיקטן, האָט זיך צו אים אָפּגערופן מיט קלעמניש און פאַדראָס: „מאיר, מ׳האָט שוין גערעדט!

ער שעמט זיך מיט זיין פאַמיליען נאָמען

אַזוי ווי די שטאָט קרעמער פלעגן אָפט ליידן פון די קבצנים, חוזרי פתח (טיר גייער), צום ביישפּיל, זיי פלעגן דורכגיין די שטאָט, בעטן נדבות, פאַרענדיקט דעם מאַרשרוט, פלעגן אייניקע פון זיי בעטן די מלבושים, אַנדערע פלעגן זיך אונטערבינדן די באָרד מיט אַ טיכל, ווי זיי ליידן פון ציין ווייטיק, אַבי בייטן זייער אויסזען און אָנהויבן פונדאָסניי בעטלען. האָט מען זיי דערקענט, פלעגן זיי ווערן אַגרעסיוו און זידלען, אָדער שעלטן מיט קללות און חרמות.

זענען זיך צונויפגעקומען די קרעמערס און האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון וועלכער מיין פאָטער איז געווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט און קאַסירער. מען האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט אַ פּריוווילִיקן מאָנאַטלעכן אָפּצאָל. איציק דער לאַנגער (קרעמעניצקי) פלעג אַרויסגיין מיט אַ גרויסן טאַש צונויפזאַמלען דעם אָפּצאָל, אים ברענגען צום קאַסירער און אַהין פלעגט מען שוין שיקן די קבצנים.

— גייט אין קאַסע, דאָרט וועט מען אייך שוין געבן אַ נדבה פאַר אונז אַלע.

פאַרשטייט זיך, פאַרן קאַסירער האָבן זיי באַדאַרפט ווייזן זייער פּערזענלעכן דאָקומענט. איינמאָל האָט זיך געיאָוועט אַן אָרימאַן וואָס נישט ער האָט געוואָלט ווייזן אַ דאָקומענט, נישט געוואָלט אַפילו זאָגן ווי אַזוי ער הייסט. אַז מיין פאָטער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי אָרום וועט ער נישט קאָנען קריגן קיין נדבה, האָט ער אַן אָנגעכמורעטער צוריק געענטפערט, אָבער איר וועט נישט לאַכן?!

— מיין נאָמען איז זישע קרעפּל...

מען פירט דעם גבאי אין שול

מיין פאָטער איז געווען צוויי פּעריאָדן גבאי פון דער קלויז, ווי מיר האָבן געהאַט אין מזרח אַ שטענדיקן פּלאַץ און דאָרטן געדאַוונט. אָבער איין שמחת תורה (דאָס איז געווען דער זמן פון קלויבן גבאים), האָבן די מתפּללים פון דער גרויסער שול, באַשלאָסן באַערן מיין פאָטער מיטן טיטל גבאי. שמחת תורה האָט אַ המון יידן אָנגעפילט אונזער שטוב. אברהמצי מלמד איז צו צו אונזער אויוון, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן — טאָס, טאָס, טאָס! אַז כ׳האָב געפרעגט מיין מוטער די באַדייטונג דערפון, האָט זי מיר פאַרטייטשט, אַז דאָס איז אַ קאַפּוירער אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אַרויסנעמען די געבראָטענע קאַטשקעס און שטעלן כיבוד פאַרן עולם...

געפירט האָט מען מיין פאָטער אין שול אַריין אונטער אַ חופה און דער עולם האָט זיך געמאַכט פריילעך, שמחת תורה׳דיק, טאַנצנדיק אַנטקעגן אים ביז אין שול אַריין.

וועגן מיין פאָטער׳ס גבאות געדענק איך, אַז אין די ירידים טעג, פלעגן זיך יאַוועז גויים, מסתמא געשיקט דורך זייערן אַ באַקאַנטן יידן, מיט פאָלגנדיקן נוסח — „דאָ וואוינט דער סטאַראָסטאַ פון דער סינאַגאָגאַ״? — יאָ, וואָס איז? — אַזוי ווי ס׳זענען ביי מיר פאַרלוירן געגאַנגען פערד (אַמאָל קי, שאָף), האָב איך שוין געגעבן אויף ליכט אין קלויסטער אַריין און די פערד האָבן זיך נישט אָפּ־געזוכט, האָב איך באַשלאָסן, אַז אויב אונזער גאָט העלפט נישט, אפשר וועט אייערער העלפן. דאָ ברענג איך געלט אויף ליכט.

אין אַזאַ פאַל, פלעג זיך מיין פאָטער נוהג זיין, נישט צו נעמען ביים גוי דירעקט קיין געלט, נאָר איך פלעג פירן דעם בעל דבר דירעקט אין פאָליש פון דער גרויסער שול, ווי איבער אַ שפּאַרינע אין דער שטיינערנער וואַנט איז געווען מיט דרוק אותיות אויסגעפּאַרבט — מתן בסתר יכפה אף... אַהין האָט ער אַריינ־געוואָרפן דאָס געלט. דער פויער האָט דאַן געגלויבט באמונה שלמה, אַז אַזוי אַרום גייען די גאָלדענע „גריוועקעס״ אין דער אמתער שליחות...

מ. אורבוך

ווישניוויצער קרומער שפּיגל

ווילסטו איז דאָס אַ פּאַראַדאָקס — געבן אין אַ יזכור־בוך דעם ספּעציפישן פאָלקלאָר פון שטעטל, און עס דאַכט זיך צו זיין לעכערלעך אָפּרישן קאָמישע עראינערונגען פון דער צייט פאַרן ביטערן היטלער־מבול. דאָך, שאַדט נישט אויפלעבן עפּיזאָדן פון טאָג טעגלעכן לעבן, איינגעוואָרצלטע נאָך פון דער ווייטער יוגנט און פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט דעם לעבן.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט דאַן...

ווען דו ביזט אַ תּלמיד אין חדר געווען, און די קינדער יאָרן האָבן געשפּרודלט מיט ווילּיונגערישער ענערגיע, דאָ און דאָרט האָסטו פאַרשידענע שפּיצלעך אָפּגעטון.

ווען די קינדער־ראָסע אויף די ליפּן, וואָס האָבן נאַרישקייטן גערעדט מיט נאַאיווער אָפּנהאַרציקייט. דאַן ווען דו האָסט מיט די זעלביקע חברים צוזאַמען געוועבט קינדערשע פאַנטאַזיעס און אָפּגעטון זאַכן צום פאַרדרוס פון מלמד אָדער עלטערן און דערוואַקסענע און האָסט געהאַט לוסט און פרייד און זעלבסטבאַפרידיקונג.

פּלוצים איז די וועלט אַלט און פינצטער געוואָרן. פּלוצים ביזטו שוין נישט קיין קינד און דו אַנטלויפסט און זונדערסט זיך אָפּ מיט די עראינערונגען פון אַלעמען וואָס ארום דיר איז געווען און געשען. דאַן אָבסערווירסטו פון ווייטנס טיף דיינע יונגע וועגן און זעסט — ס׳איז געווען אַמאָל פרייד אויך, הומאָר אויך, יוגנט־טוי אויך... כ׳לעבן, א שאָד ס׳זאָל פאַרגעסן ווערן פון דער אייביקייט.

ס׳פּלאַטערן אין דיר אָן אויפהער בילדלעך פון דער גרויער, פּראָזאַאישער ווירקלעכקייט. אָט אין דער ווירקלעכקייט ביסטו געוואַקסן, און ווי קליינלעך ס׳זאָל זיין יעדער בילדל אַן און פאַר זיך, דאָך איז שטאַרק דער דראַנג צום דערציילן, ווייל... ווייל אַזוי איז עס געווען.

אַ בוים מיט טערפּקע באַרן

עס שטייט פאַר דיר אַ בוים אַ דערוואַקסענער, גרויסער בוים, נאָענט צום טייך, האַרט ביי די שמעלקעס שטוב. דערפאַר הייסט ער שמעלקעס בוים. זיכער, אַז שמעלקע האָט דעם בוים נישט געפלעגט, בישט געוועסערט און נישט געבעסערט. סתם אַזוי זיך צעוואַקסן פון דער רייבער נאַטור, מיט פיל צווייגן באַדעקט אין דער ברייט און דער הויך. אַפילו אַ טייל פון שמעלקעס דאַך באַדעקט. אַ פרוכטבאַרער בוים מיט טערפּקע באַרלעך, כמעט אַ סם צום עסן.

דווקא צו דעם בוים האָבן מיר, חדר־יונגלעך, געהאַט גרויס חשק און

געלאָפן צו אים זיך קוויקן פון הפקר. אויך געהאַט פאַרגעניגן פון שמעלקעס דענערווירן זיך און געשרייען, ווייל כדי צו דערגרייכן צו די ביטערע פרוכטן האָבן מיר אויף די אויבערשטע צווייגן שטיינער געוואָרפן און צו שמעלקעס באַדויערן די דאכציגל געבראָכן.

פאַר אונדז פון יאָר צו יאָר, אין די פרייע שעהן פון חדר, איז שמעלקעס בוים מיט די טערפקע בארלעך געווען אַ אַטראַקציע. און פאַר די אויגן — נעבן טייך — אַ פרעכטיקע פּאַנאָראַמע.

אַ חתונה אין שטעטל

אייגנטלעך איז אַ חתונה אין שטעטל געווען נישט נאָר פאַר די חתן־כלה, מחותנים און פאַרבעטענע. א חתונה איז פאַר דער גאַנצער שטאָט, ווייל אנטייל גענומען האָט אין דער חתונה אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, נישט קיין איינגעלאַדענע, אָבער עס מאַכט נישט. דער איינדרוק איז געווען, אַז די גאַנצע שטאָט מאַכט חתונה און דאָס יונגע פּאָרל ווערט אַדאָפּטירט מיט פרייד און צופרידנקייט פאַר אַלע אָן אויסנאַם.

שוין פון דאָנערשטאָג, פאַר דעם שבת פון חתנ׳ס עולה תורה זיין, האָט זיך געחתונה׳ט.

יעדערער האָט זיך געגרייט מיט אינערלעכע שפּאַנונג און יראת הכבוד צו דער דינסטיקדיקער חופּה.

דינסטאָג האָט אַלעס געשפּאַנט, גרויס און קליין, אַלט און יונג, רייך און אָרעם, אויך פון דער אַלטער שטאָט, איבערן בריק פון טייך. אלע האָבן געשפּאַנט גרופּנווייז, צו באַקוקן דעם וואונדער און זען ווי מען פירט חתן־כלה מיט פּאַראַד צו דער גרויסער שול.

ווער אויף די געפּאַקטע באַלקאָנעס געוואַרט מיט אומגעדולד, ווער אין דער מאַסע אויפן בריק, און די שוין אויפגעקלערטע פּראָגרעסיווע האָבן, כדי אויסצומיידן פּראָווינציעלן בייגעשמאַק, זיך פּאַרוקט אין די זייטן, אָבער דאָך פּאַסיוו אנטייל גענומען מיט אַלע צוזאַמען און מיטגעמאַכט די פרייליכע פּראָצעסיע.

נאָך דער חופּה זאַמלען זיך די יונגע אַרום שטוב פון דער חתונה מיט גרויס נייגעריקייט אונטער די פענצטער און ווי נאָר אַ שפּאַרע — אָבסערווירן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

מ׳וואַרט אָפּ מיט אומגעדולד דאָס אויסרופן „דרשה־געשאַנק״ און ספּעציעל דעם הויפּט־אַקט, די הויפּט־אַטראַקציע, ווען דער קלעזמער און בדחן אברהמצ׳יק אימפּראָוויזירט מיט גראַמען נישט אַזוי פון איידעלן סטיל, אָבער מיט גרויס פּאַטאָס. אליין אַ טרומפּייטן־שפּילער מאַכט ער מיט שטאַרקע אינטאָנאַציע און עס לייגט זיך מער ווייניקער אַזוי :

אַ פּאַראָדיע אויף אברהמצ׳יקעס בדחנות

זייער אַ גרויסע קאָן מען מאַכן אַ פּאַראָדיע
אויף אַ שטרעקע פון ליז ביז זאראדיע
אָדער אַ קליינע פון רפאל שטיינער אַ שטייגער
ביזן רויטן מויער צו מענדל אַפּטייקער.
ווי אברהמצ׳יק דער גראַטענער כלי־זמר
צושפּרייט זיך מיט פייערדיקן זמר.
מיט אַ פּנ״ם געשטופּלט
און דאָס אויג איז פאַרקריפּלט
מאַכט אינטימע פּאַטעטישע מוזע
מיטן לשון פון וואַסיל קוקורוזע.

עס אַנטשווייגן די כלי־זמר זאַלבענאַנד
ווען אברהמצ׳יק אַנטוויקלט טאַלאַנט
אויף חתן כלה אַ גרויס רחמנות
ווען ער דרשנט די דרשה בדחנות.
אָבער ס׳שאדט נישט צו הערן אויף מיין נאמנות
אַ בדחן אַ מייסטער ווי אַ גוטער פּאָעט
פון באַזעצן די־ כלה מיט מליצה גערעדט.
לאנגזאם מיט נחת און זיך נישט געיאָגט
האָט דער קלעזמער דער בדחן געזאָגט:

ליבע הערן און שעצנדיקע דאַמען,
אַז מ׳וויל קאָן מען מאַכן גראַמען
איידל און דין ווי שפּאַגאַטן,
אָדער זאַפּטיקע גראָבע קאַנאַטן
ס׳זאָלן זיך שעמען גויישע סאָלדאַטן
פון מיינע בדחנישע גראַמען
אַז דאָס פּנים זאָל רויטלען און פלאַמען.

אַלזאָ מיינע ליבע מחותנים־קאָדעטן
טוט אויס די לאַקירטע שטיוועלעטן,
נעמט אַראָפּ די נייע שקאַרפּעטן
ווען מען בלאָזט מיט קלאַרנעטן
און טאַנצט אָן אויפהער מיט באָרוועסע פיס
ווען איך שפּיל צו צוקער־זיס

פאַרמאַכט אין אָוונט אַלע די קלייטן!
אום צו הערן נאָענט די שפּראַך פון די פלייטן
מאזורקעוויטשעס קאַליע טאנדייטן.

גיסט אַלע אָן פולי־נקע גלעזער
ווען חתנ׳ס צד דרייט מיט די נעזער
און ווען די גאָרגלען זענען שוין נאַס
הערט זיך צו צו שמעלקען דעם באַס
און כוועדקען מיט דעם הויקער
איינער פון די געראָטנסטע פויקער.
מיטן פידל דוד־ריצקע
שפּילט סתם מיצקע־פּיצקע.
מיט שטאַרקע און הייסע געפילן,
אַז מען קאָן זיך פאַרקי־לן
ווען אונדזערער גאָט אין דער הויבן
מאַכט פאַר אַ קלעזמער אויך מאיר דעם טויבן.

אַלע, אַלע דער גרעסטער און קלענסטער
וועלכע שטייען האַרט ביי דעם פענסטער
זאָלן זיך צוהערן צו אברהמצ׳יק
דער טרייער מאַן פון שיינע באנצ׳יען.
איך בין נישט קיין ליגנער, קיין שדכן
בלויז אַ רעיעלער, געלונגענער בדחן

אויך נישט סתם אַ ויזתא
איך מאַך פון גראַמען פרנסה.
אָבער מיינע שונאים צו להכעיס
זיי פון בדחנות פרנסה אַ גרויסע קדאָכעס.
אין די אויערן וועט אייך קלינגען
ווען איך וועל אַלע באַזינגען.
זאָל איך פאַר אַלעמען ווינטשן דער כלה.
אַז דער חתן זאָל האָבן די וויכטיקע מעלה
כאָטש די צונג דאַרף מען אים נישט פיקן
מן הסתם ווייסט ער פון ד׳ גליקן
אַז די געראָטענע כלה שיינע־ביילע
פאַרשטייט שוין דעם ענין ממילא.

געשפּאַנט די פיר פערד אין שליטן
איז געקומען דער רייכער מחותן
דער באַקאַנטער אברהם יעקב פריילעך
פון תבואה קאַנישינע דער מלך.
אין שיינע לאַקירטע קאַמאַשן
מיט געלט אָנגעפּאַקעוועטע טאַשן,
אַ נגיד, אַ גרויסער גביר
אַזוי פיל אויף מיר און אויף דיר
און זיין ווייבביילע־יענטע,
נישט סתם א טאַלעבענטע
מיטן גרויסן געשטאָפּטן גוידער,
פּרייסלט זי ווי מיט אַ הוידער,
טיילט זי די קלינגער
פון צווישן די פינגער
גוט אויך מתן בסתר
נאָר ווי אַ ווייב פון אַ קייסער.

דעם צווייטן מחותן ר׳ וואָלקע
וואָס וואוינט ביי דער קראָלקע
וועלן מיר שפּילן אַ פריילעכע פּאָלקע
דעם חתנ׳ס פעטער ר׳ מאיר
באַשפּילן מיט אַ יידישער שער
און איצט ליבע געסט
ביי די גרויסע פרעסט
דאָ אין דער וואַרעמער נעסט
טרינקט לחיים און עסט.

מיר האָפן, ס׳וועט קומען די צייט
ווי מען ווינשט זיך ביי לייט
די מחותניסטע אודיע־רייזל
וועט שוין נישט דרייען דאָס נעזל
מיט פרייד און די אויגן מיט טרערן.
וועט זי לאָזן די בשורה הערן
שטעלט אויף אַלע די אוירן
איר שנור מיט גאָטס הילף אַ בן־זכר געבוירן.

ריכטיק, אין יענע צייטן האָט מען קיין באַגריף געהאַט וואָס הייסט „דיסקאָטעק", אַפילו אין די מאָדערנסטע פאָרגעשריטענע לענדער אין גאָר דער וועלט. אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָר־הונדערט, גאָט באַהיט, אָבער לויט דער מאָדע ביי היינט צו טאָג, איז אין ווישניוויץ געווען אַזאַ מין פאַרווײַלונגס־פּלאַץ צוגעפאַסט צום געשמאַק פון יענעם דור.

דער אַנשטאַלט איז געווען אַ לאַבירינט ווי ס׳האָבן געטומלט הונדערטער לערן־קינדער פון די חדרים: פּרויקע מלמד, נחום טונרידער, משה פוקס, יענקל־אסני־בייליס און עטוואָס ווייטער צום טשאַנער שולעכל אויך לייבוש קריפּקע.

דער „דיסקאָטעק" האָט געהערט צו אַ פּאָר־פּאָלק: ער וואָלקע מיט די קולעס און זי — מאָטל קאַפּ. וואָלקע, אַן אומגליקלעכער און געשטראָפטער מיט דריי־פערטלדיקע פיס, זיך נישט געקענט רירן פון אָרט אָןביידע קולעס, שטענדיק געזיצן אויף דער „אָפּיצינע", ס׳הייסט צווישן די זיילן ביים אַריינגאַנג, געשעפּט פאַרגעניגן פון גאָטס וואַרימער זון אין בלויען הימל, און אויך פון דעם גערודער פון די חדר־יינגלעך.

מאַטעל קאַפּ, נישט דערפאַר ווייל אַ שאַרפן קאָפּ האָט זי געהאַט, נאָר אַזוי זיך אַ קאָפּ מיט אַ מעלה. ס׳איז נישט כדאי צו דרוקן זי די אשת־חייל, די פּרנסה געבערן. דאָס פּאָרל האָט זיך דערנערט פון „לוקסוס" אַרטיקלען: קערלעך, בייגעלעך, פּלעצלעך, צוקערלעך, מאנפאסיע און סאָדע־וואַסער. אין דער וואָכן פאַר תלמידים, שבת פאַר די דערוואַקסענע.

איבערהויפּט האָט דער „דיסקאָטעק" געווירבלט יעדן שבת און יום־טוב נאָכמיטאָג. ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט שוין דערוואַקסענע יינגלעך מיט מיידלעך נאָך דער וואָך פון אַרבעט, כדי זיך צופרידנצושטעלן פון שבת־יום־טובדיקע רו. געכאַפּט אַ וואָרט זיך אַמוזירט, גערויטלט, געקנאַקט די קערלעך, געשפּיגן די שאָלעכץ און פאַרטרינקן מיט סאָדע. געזונגען צוזאַמען פלאַמענדיקע ליבעס־לידער „וואו שטייטסטו, אונטערן פענסטער מיין ליבער, מיין שענסטער". אויך זאַפטיקע טרויער לידער מיט גלות חן און סתם פון טיפער בענקעניש, ווי „לאָמיר זיך געזעגענען, דער פּאַיעזד פאָרט אַוועק".

קיין מזומן נישט געדאַכט, ווייל ווי ציילט מען אין שבת קודש קאָפּיקעס מיט זעקסערס אין שטח פון חדרים נאָענט אין שול־גאַס און אַנדערע כלי־קודש. די קליענטן האָבן נאָך פרייטאָג זיך פאַרזאָרגט מיט קוויטלעך: אַ ווייס — אַ קאָפּיקע, אַ גרינס — אַ זעקסער, אַ רויטס — אַ צענער. געהייסן האָט דאָס אַ „צענער", אָבער די ווערט נאָר פון פינף קאָפּיקעס, צו מאַכן קוראַזש האָט מען געציילט לויט די גראָשנס, און די גרעסטע מאָנעטע, אַ צענער, האָט זיך געפּאַסט פאַר די פאַכמענער גוטע פאַרדינערס, וועלכע האָבן אויך סטאַשקעס און טערקישע ניסלעך געקויפט.

אַזוי האָט זיך מיט דער צייט אַן אינטימע קאָמפּאַניע אַנטוויקלט. אויך אַ טאַנץ

געטאָן אויף מאָטעלעס ערדיקער בריק מיט געלן זאַמד, געדעקט אונטערן אַקאָמ־פּאַניאָמענט פון פייגעלע דער זינגערן, וואָס ווי אַ קאַנאַריק געזונגען. די דעקאָ־ראַציע האָט נישט געשטערט ווייל אויפן האַרץ איז וואַרעם, ווייל מען פאַרשטייט זיך אויפן וואונק און די שפּראַך איז געפילן.

מיר ווייסן אַז די היינטיקע דיסקאָטעקן, גאַנץ ווייניקע פון זיי דינען נישט דווקא פאַר שדוכים פונקטן, בלויז פאַר אַ חיי־שעה און נישט אַזוי דירעקט פון ראָמאַן צו דער חופּה. אָבער דער ווישניוויצער דיסקאָטעק אין יענע צייטן האָט באַרעכטיקט זיין עקסיסטענץ מיט גלענצענדע רעזולטאַטן. איך ווייס גענוי: פיר ראָמאַנען האָבן זיך דאָרט אַנטוויקלט און די העלדן פון צוויי באַגעגנט מעבר לים מיט גליק און פרייד, מיט קינדער און קינדס־קינדער. כ׳דערמאָן דאָס מיט אַ באַזונדערן לויב־געזאַנג פאַר דער גליקליכער אכסניה פון זייערע ראָמאַנען — וואָלקע־מאָטלס „דיסקאָטעק״.

די רעקרוטן

אַ באַקאַנטע זאַך, און נישט געווען אַ „סוד פאַר בראָד״, יידן האָבן אַלע מיט־לען אָנגעווענדעט אויסמיידן מיליטער דינסט.

טאַקע פאַרוואָס און פאַר וועלכן באַדינען פאָניען, דעם רוסישן קייסער. צו בילדונג די טירן פאַרשפאַרט. אַ פאָלוואַרק, אַ וואַלד, אַ מיל אַרענדירן ביים פּריץ, טאָר מען נישט. שטעלסט איין דעם קאַפּיטאַל, ווי דעם חמץ אויף פּסח, מוזט קאָנטראַקטירן אויף אַ גוישן נאָמען. נישט איין פאַל געטראָפן ווען דער גוישער „נאָמען״ האָט דאָס פאַרמעגן איינגעשלונגען און אַמבעסטן אַ גרויסן טייל געירשנט אַלס „לא יחרץ־געלט״. נו, טאָ פאַרוואָס אַוועקלייגן דעם קאָפּ פאַר ניקאָלאַיען?

פאַר׳שיידענע צייטן, פאַרשיידענע מיטלען אָנגענומען. ווער ס׳איז אַ העלד געווען — אָפּגעהאַקט דעם גראָבן פינגער אויף דער רעכטער האַנט, אויסגעריסן באַצייטנס אַלע ציין פון מויל. דאָס איז געווען צוויי דורות פאַר אונז. דערנאָך האָבן מיר געזען אין שטעטל יידן מיט אָפּגעהאַקטע פינגער: דער בכבודיקער שטאָט־„סטאַראָסטע״ יוסל פאָדעם, אים האָט דאָס נישט געשאַט צו זיין שטאַנד, מילא האָט ער געהאַלטן די פען צווישן די מיטלסטע פינגער, אָבער מענדל דער שניידער האָט דאָך באַדאַרפט אויף דעם פינגער דעם פינגערהוט אָנטאָן צום שטעכן מיט דער נאָדל, האָט ער זיך צוגעפּאַסט אַ בלעכענעם פינגער ביז צום ביין, וועלכער האָט פון ווייטן ווי אַ מעדאַליאָן געגלאַנצט. וואַרשיינלעך דערפאַר האָט מען אים נישט גערופן מענדל, נאָר דער שניידער מעדאַליאָן.

אין אונזער דור זענען אַזעלכע מיטלען געבליבן סימבאָלישע שפּורן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַ מין פאַראָדיע אויך אויף צו גאָר אַלטע צייטן, ווען דער קייסער האָט יידישע קינדער געכאַפּט צו 25 יעריקע זעלנער־דינסט, אויפן ווייטן קאַלטן סיביר. אונזערע צייטן האָט מען זיך נישט געמאַכט קיין ברוטאַלע פעלערן. פאַר־געשריטענע מיטלען אָנגענומען. די רעקרוטן האָבן זיך עטלעכע מאָנאַט פאַרן

דערשיינען צו דער מיליטער־קאָמיסיע, געמאָגערט מיט שטרענגע דיעטן, נישט געשלאָפן, געוואַנדערט ווייט אויסער דער שטאָט, מיט מיליטערישן פּאַראַד, ווי אָרגאַניזירטע גרופּע זעלנער מיט שטאָלץ. זייענדיק אין שטאָט האָבן זיי זיך גע־לאָזט ווילגיין מיט שפּיצלעך און פּאַרדריספּול געשטערט די נאַכט־רו מיט מאַרשן און רוסישע־אוקראַינישע לידער און העכערע קלאַנגען ווי „דובינושקה", „עי ני כאדי ריציו", געלאַרמט, טאַראַראַמט אָן אויפהער ביז אינדערפרי.

אויסער אַלע קונדעס־שטיק פון די רעקרוטן זענען געווען אויך קאָמישע אויפטוען. באַזונדערס דאָס בייטן די שילדן. צום ביישפּיל, דעם חזירניק אָסטראָוו־סקיס שילד מיט אַ קאָפּ און קישקעס פון אַ חזיר האָבן זיי אויפגעהאָנגען אויפן געוועלב פון סענדער קאָפּלס, אויף דער טיר פון מענדלס אַפּטייק — די שילד פון משה שוסטער מיט אַ שוואַרצן גרויסן שטיוול און דאַמסקע קאַמאַשן.

מיט סענדער קאָפּלס האָט יעדערער געהאַט מיטלייד מיט טיפן געפיל, ווייל פאַר אים איז דאָס שפּיצל געווען אַ בלוטיקער שפּאַס. אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַ גאָטספאָרכטיקער ביז גאָר, דער שטאָט בורר, ממש אַ באַליידיקונג נישט נאָר פאַר אים נאָר אויך פאַר קהל, וואָס האָט אים געשעצט און געהערט. די רעקרוטן האָבן איבערגעטריבן, נישט אַזוי פּאַסט מען צו אַ שטראַמל און צו פאַרשאַפן צער און בושה. געטאָן האָט מען פרייטאָג צונאַכט, כדי ס'זאָל גילטן ביז זונטאָג פרי. דאָס הייסט אַ מין שבת דעמאָנסטראַציע פאַר דער נשמה יתירה פאַר סענדער־קאָפּלס? פע! אָבער צו מענדלס אַפּטייק איז מען געלאָפן מאַסנווייז צו זען דעם בייזן וואונדער. אַפילו געשיקט אים רופן, זאָל ער מיט אַלע צוזאַמען זען די אויס־שטעלונג. ער, אַ פאָרגעשריטענער, אַ פּראָגרעסיווער, שוין מיט אַ קורצן פּידזשאַק, מיט גאָלדענע פּענסנע אויף די אויגן, מעשה ענגלישער לאָרד. געקומען באַטראַכט, געשטאַנען פאַר דער אַפּטייק און מיט גרויס פּאַדרוס אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר יעדער כוואַליע קוקערס. געמיינט האָט מענדל אַפּטייקער אַלס פּאַכמאַן, אַז אויך פאַר רעקרוטן האָט ער רעצעפּטן, און נישט סתם אַזוי רעאַגירט, נאָר מיט גרויס, ווי זיין חכמה איז געווען געזידלט, געשאָלטן: „ניטשעוואָ". ס'הייסט: עס מאַכט נישט, באַסיאַקעס, זשוליקעס, פּאַסקודניאַקעס, אַלע וועלן זיי דינען דעם קייסער.

די רעקרוטן דערהערט זיין ווינש און אַזעלכע רייד, האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן אים פון נאַכט צו נאַכט ביי דער צווייטער אַשמורה. געוועקט דעם פּאַ־ציענט אָן אויפהער, באַזינגען מיט מאַרשן.

נאָך אַ קורצער אונטערהאַנדלונג האָט דער אַפּטייקער באַצאָלט פינף רובל כופר נפש אויף דער האַנט פון יוסל פּעסיס, פּרעזעס פון יתומים־הויז.

נאַ און ווייס — קיין רעקרוטן שעלט מען נישט.

ווי מען לערנט דרך ארץ פאַר קהל און כלל פאַרזאָרגער

ס'איז געשען אין יענע צייטן פון דער גרויסער אַנאַרכיע אין רוסלאַנד. עס

האָט זיך נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט די מאַכט פון נאָך קערענסקין. די באָל־שעוויקעס דערווייל זיך באַזירט אין מאָסקווע, פּעטראָגראַד, אַלס אין די ווייטע געגענטן פון אונז. אין אוקראַינה האָט געהערשט און געבושעוועט אַ וואַקכאַנאַליע פון פאַרשיידענע באַנדעס. אין קיעוו — די אוקראַינסקע ראָדע מיט העטמאַן סקאָראָפּאָדסקי. פּעטלורעס פּאָגראָם אין פּראָקאָראָב. אומרואיקע געשעענישן אין קראַסילאָוו דורך די אָרטיקע גויים, די מאַכנאָווצעס אין לודמיר, סתם באַנדעס־גרופּירונגען אין וויניצער געגנט, און נישט ווייט פון אונז דער טשאַנער פּאָגראָם.

מיט זאָרג און שרעק האָט מען געהאַט דעם פאָרגעפיל און געוואַרט עס זאָל געשען עפּעס אויך ביי אונדז אין שטאָט. צי זענען מיר אַן אויסנאַם פאַר יידישע צרות?

אויף דער איניציאַטיוו אין שפּיץ פון שמעון אייזנבערג און דוד רויניק, האָט זיך אָרגאַניזירט די „סאַמאַ אָבאָראָנאַ" — זעלבסטשוץ. אין די רייען אַ גרופּע ענערגישע יונגע־לייט, ווי וועוטשיק און יידל נפתלי׳ס, שמחק זאַק, פריידע שאַנציס,ביידע זין, ישראל דער געלער און יאָקע מיט זיינע חברים, וועלכע פלעגן אויף אַ פאַנדרישן שטייגער מיט זייערע שווערע הענט נישט שוינען די גויים אויף די ירידים, האָבן נאָר עטוואָס די שכורים געהוליעט און געמאַכט אַוואַנטורעס האָט מען זיי „געהאַקט" די זייטן, געפלעפּט די קעפּ, זיי זאָלן זיך אויף ווייטער היטן די ביינער.

מיט דער הילף פון וועוטשיק נפתלי׳ס און זאַנוול שניידער, ביידע אויסגע־דינטע בראַווע זעלנער (אַפילו ביי ניקאָלייען אויסצייכענונגען בענדלעך באַקומען) געמאַכט איבונגען אין אייזענבערגס וואַסער־מיל.

געטריי און מוטפולע בריי׳טקייט, האָט זיך די זעלבסטשוץ צוגעפּאַסט צו דער לאַגע. הלואי די שעה זאָל נישט קומען, און קאָנעןביישטיין דעם נסיון. די שעה איז אָבער געקומען, און אין דער צייט איז פאַר אונז די איינציקע אויטאָריטעט־מאַכט געווען. מ׳שטיינס געזאָגט, בלויז די גמינע, זייענדיק איזאָלירט פון אַנדערע העכערע רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן אַריינגעמאַרשירט מיט ווילדן טאַראַראַם עט־לעכע צענדליק רייטערס אויף היימישע גויעשע פערדלעך, אייניקע פון זיי באָר־וועס אין וואַטאָווע שפּענצערס, אָפּגעריסענע, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מחנה שנאָרערס, אויסער דעם קאָמאַנדער, אַ געוועזענער אָפיציר אין פּאַסענדער מילי־טערישער אוניפאָרם, און אָקופּירט די גמינע. זאָפאָרט געשיקט משה׳ן מיט די „לאַנגע פּיס", דער איינציקער יידישער גמינע אָנגעשטעלטער אַלס שליח, און אויפגעפאָדערט פינף אָנגעזעענע בעלי בתים זאָלן זיך מעלדן אויף אַ דרינגענדער וויכטיקער זיצונג.

אויף דער זיצונג האָט דער קאָמאַנדיר, ווי עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזן, אַ זון פון אַ רייכן גוי אין וויזשעראָדקער געגנט, פּעטקע סלאַווין, מיט אַ שטרענגן טאָן געמאָלדן, אַז ער פּראָקלאַמירט די אָקופּאַציעס פון שטאָט און זיך פאָרגע־

שטעלט אַלס אַ אָפּטיילונג פון די טאַראַשטשאַנצעס, די אוקראַינישע באָלשעוויקעס. ביז עס וועלן קומען די געהעריקע קאָמיסאַרן, געשיקטע פון דער העכערער מאַכט, וועט זיין אָפּטיילונג זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שטאָט־אָרדנונג און וואוילזיין פון דער באַפעלקערונג. ביז וואָס ווען, נישט האָבנדיק קיין סובסידיע פון דער העכערער מאַכט פאַרן לויפנדן עקזיסטענץ און אויך צוליב אַ קאָמוניקאַציע שוועריקייטן, לייגט ער אַרויף אויף דער יידישער באַפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע 12 טויזנט קארבאוועגצעס, וועלכע דאַרפן געשאַפן ווערן אין משך פון 48 שעה, און דערצו נאָך אַ קלייניקייט: 20 פּאָר שטיוול און 18 וואַרעמע שפּענצערס.

די שליחים האָבן אַלאַרמירט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ווי מען האָט באַשלאָסן צו טיילן די שטאָט אויף ראַיאָנען, דעלעגירן פּאָרלעך מיט אַ רשימה וויפל יעדער איינער פון די באַזוכטע דאַרף זיךביישטייערן לויט די וואַרשיינלעכע מעגלעכקייט אום צו דעקן די קאָנטריבוציע.

געקומען צוויי פּראָמינענטע דעלעגאַטן צו מ. ש., האָט ער אָנשטאָט 200, נאָך מיט פּאַדרוס פאָרגעלייגט בלויז 50 און צוגעגעבן מיט אַ רוסישן „פּא סועמאָ ביט”, ס׳הייסט נעמט צו, אָן אַפּעלאַציעס. די שליחים פאַרשעמטע און באַליידיקטן האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט און מיט ליידיקע הענט.

מ. ש. איז פון דער נאַטור געווען האַרט ווי אַ שטיין. געהאַנדלט מיט וואָס מ׳זאָל חלילה נישט באַדאַרפן. אָבער צום באַדויערן, מיט אַרטיקלען זייער נויטבאַדערפטיקע. זיין געשעפט — אַ גאָלד גרוב, און קאַרג, ווי מען פלעגט אויף אים זאָגן מיט סאַרקאַזם, אַ גביר מיט טיפע פולע קעשענעס אָבער קורצע הענט צום געבן. גערופן האָט מען אים אויך, דער געמאַכטער ציוניסט. ביי יעדן פאַל ווען ער האָט זיך געוואָלט באַווייזן, זיך פאָרגעשטעלט מיט דער אַקציע פון קאָלאָניאַלבאַנק, ווי געמיינט, ד״ר הערצל׳ס צייגניש אויף ציוניזם. אַליין ווייט פון ציוניזם, שוין ווען פאַרשיידענע ציוניסטישע פּאַרטייען זענען געווען טעטיק אין שטאָט. ס׳איז געווען אַ סברה אַז ער האָט געקויפט אַ שקל נאָר איין מאָל ביי דריי געלעגנהייטן, מיט אַ לאַקאָנישן ענטפער, אַז צוויי מאָל האָט ער געקויפט דעם שקל... אונטערוועגס. ערשט ביי די וואַלן צום קאָנגרעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט נישט קיין שטים־רעכט איבער די שקלים, וואָס ער האָט נישט געקויפט „אונטערוועגס”.

מ. ש. אומטאַקטישע אויפירונג מיט דער קאָנטריבוציע־דעלעגאַציע האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אין שטאָט, ווי פון אַ פאַלן־בויגן מיט אַלאַרם און געפילדער. ס׳טייטש, אַזאַ אומפאַרשעמטער, אין דער גורלדיקער לאַגע אַזוי זיך אויפירן. נישט קיין וואונדער ווען די ביטערע בשורה איז דערגאַנגען צום שטאַב פון דער זולבסט שוץ, האָט מען באַלד באַשלאָסן אָנעמען שטרענגע מיטלען.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן געקלאַפּט ביי מ. ש. אין טיר צוויי בראַווע שליחים. פון דער צווייטער זייט, פון אינעווייניק, הערט זיך אַ פאַרזאָרגטע מעלאַנכאָלישע פראַגע, קענטלעך פון אַ פאַרשלאָפענעם מיט אַ ציטערדיקער שטימע

„קטו טאַם? — ווער איז דאָרט? דער ענטפער פון דרויסן: „מי נאַשי ליודי, סאַמאַ אַבראַנצי״, ס׳הייסט „אייגענע מענטשן, פון דער זעלבסטשוץ״. ווידער פון אינעווייניק: „טשטאָ ווי חאָטיטע״ — „וואָס ווילט איר״? אַן ענטפער פון דרויסן: „אילי דיענגי אילי דושו״ — „אָדער געלט, פיליכט די נשמה״. מיר ווען היטן אייער גוטס און דאָס לעבן. מיר זענען נישט סתם קיין דעלעגאַטן צו דולדן אייערע קאַרגע שטיק. נישט 200 ווילן מיר פון אייך נאָר נישט ווייניקער פון 250 און ביי אונז וועט איר ווייבען, ציילן און געבן. עפנט אויף די טיר און ציילט אויס „נאַ רוקו״, ס׳הייסט אויף דער האַנט, דאַן איז אַלעס אין אָרדענונג.

אַ שטילע פאַרדעכטיקע שווייגעניש. די דעלעגאַטן שוין פאַרזאָרגט און פאַרצווייפלט, און אויך פאַרדריסלעך, וואָס מיט אַזאַ ברוטאַלן פאַטאָס איבערגעשראָקן דעם „פאַרשוין״, און דאָרט מוז געשען עפּעס פון גרויס אויפרעגונג, ווייל עס הערט זיך עפּעס פון אינעווייניק אַ מיסטישע באַוועגונג. פאָרט יידן בני רחמנים. אַ פאַרדעכטיקע דויערנדע פאַוזע. מען וואַרט. אין אַ פאָר מינוט הערט זיך אַ שטימע פון אַ פרוי: אינמיטן דער נאַכט מיט אַזאַ קראַנקן מענטשן, אַזאַ ווילדן שפּאַס מאַכט איר? זייער נישט אינטעליגענט „ניזשע קריטיקי״ — אויסער יעדער קריטיק.. ענטפערט מען פון דרויסן: אַז עס איז אויסער יעדעס מענטשלעכעס די אויפירונג פון מ. ש. ער איז אַ שעדלעכער ביישפּיל פאַר דער געזעלשאַפט, ער איז אַ פרעכער דעזירטיר. איר דאַרפט זיך שעמען צו זיין מיט אַזאַ פאַרשוין אונטער איין דאַך.

מיר ראַטן אייך אים איבערצייגן מאָרגן פרי ביז 10 אַ זייגער ברענגען, ווי מען דאַרף, 250 קאַרבאָוועגצעס. געענדיקט דעם באַזוך האָבן די שליחים פאַרלאָזט און ערוואַרט מיט שפּאַנונג אויף דעם מאָרגן.

ס׳איז איבעריק אונטער צו שטרייכן ווי דער לעצטער מאָנאָלאָג פון די שליחים האָט געווירקט אויף דער משפחה מ. ש., און צומאָרגנס, נישט דערוואַרט זיך ביז 10 אַ זייגער, 8 פרי געבראַכט אין הילפס־קאָמיטעט 250 קאַרבאָוועגצעס.

דער אינצידענט מיט דער זעלבסטשוץ איז געווען פאַר מ. ש. אַ לערע פאַר זיין צוקונפטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. פון דאַן האָט זיך מ. ש. אָפּגערופן אויף יעדער געלט־אַקציע מיט סימפּאַטיע און געהעריקע שפּענדונגען: קרן היסוד, קרן הקימת, אַקטיווער טוער אין בית יתומים. מיט איין וואָרט, אַ מעטאַמאָרפאָזע.

ווייל מיט קיין קהל שפּילט מען נישט להכעיס.

עפּיזאָדן
און
לעגענדע

ש. אייזענבערג

מיטן פנים אראפ

(אַ ביטערער שפּאַס)

אין יאָר 1914, ווען די ערשטע וועלט מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז די רוסישע אַרמיי אַריבער די עסטרייכישע גרענעץ און פאַרנומען דאָס שטעטל זאלאזיץ, און זיי האָבן געמאַכט אַ בלבול אויף די יידן אַז זיי האָבן פאַרברענט דעם מיליטערישן האָספּיטאַל. מען האָט דאַן אַרעסטירט אַלע יידן און מ׳האָט זיי איבערגעשיקט קיין ווישניוויץ. אין ווישניוויץ איז נישט געווען אַזוינע גרויסע טורמעס אַז זיי זאָלן קאָנען אַריינגעמען אַזוי פיל יידן, האָט די רוסישע מאַכט קאָנ-פיסקירט די יידישע שוהלן און מען האָט זיי דאָרט אַריינגעזעצט.

צו יענער צייט, אין אָנפאַנג פון דער מלחמה, האָבן זיך אַלע געשעפטן אָפּגע-שטעלט, קיין געלד האָט מען ניט געקענט לייען; ווער עס איז וועמען שולדיק געווען געלד האָט נישט געצאָלט, און פילע יידן זענען געבליבן אָן אַ גראָשן געלד. די לאַגע איז געווען זייער אַ קריטישע, און דאָך האָבן די ווישניוויצער יידן אויסגע-האַלטן די זאלאזיצער מיט וואָס נאָר מעגלעך פאַר וואָכן צייט. מען האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען און מלבושים, ביז מען האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד. די זאלאזיצער יידן האָבן געזאָגט, ווען דאָס טרעפט פאַרקערט וואָלטן זיי אַזוי פיל נישט געטאָן...

אייניקע פון די זאלאזיצער יידן האָט די רוסישע אַרמיי אַוועקגעשיקט צו דער אַרבעט אין דעם געגנט פון קאָלאָדנע און זבאַרזיש. דערווייל האָט זיך דערנעענ-טערט די צייט פון ימים נוראים, און די רוסישע אַרמיי האָט ערלויבט עטלעכע יידן זיי זאָלן אַריינפאָרן קיין ווישניוויץ אויף יום-טוב. צווישן די יידן איז געווען איין ייד מיט דעם נאָמען שמואל זאלאזיצער, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי יאָסל אָסטרער.

אין ר׳ איציס שוהלכעל פלעגט יעדן יאָר דאַווענען אַלס חזן אַן אַלעקסענעצער ייד מיטן נאָמען ישראל שוחט. ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט צו אַלעקסעניץ, זענען די יידן אַנטלאָפן קיין עסטרייך (און דער ישראל שוחט צווישן זיי), אַזוי אַז ר׳ איציס שוהלכעל איז געבליבן אָן אַ חזן.

עטלעכע טעג פאַר ראש השנה איז דער שמואל זאלאזיצער געקומען אין ר׳ איציס שוהלכעל און האָט געזאָגט, „איך קען זיין א חזן", און אָפּעלירט:

„איך וויל ביי אייך דאַווענען, איך וויל נישט קיין געלד, איך וויל נאָר איר זאָלט מיר געבן עסן, אָבער איך וויל נישט עסן אומזיסט". די יידן פון ר׳ איציס שוהלכעל האָבן געהאַט אַ שטיקל אסיפה... ווי אַזוי שיקט מען אַ יידן דאַווענען ימים נוראים, אַז מען קאָן אים ניט! איז געבליבן מען זאָל שיקן מטות שמש, ער זאָל רעדן מיט אים און אויסגעפינען צי איז ער פּאַסיק פאַר אַ שליח צבור.

מטות שמש איז צוריקגעקומען און מען פרעגט אים, — וואָס האָסטו אויסגעפינען? מטות קוועטשט מיט די פּלייצעס און וויל ניט רעדן. „מטות, זאָג, וואָס האָסטו אויסגעפונען?" — איך וויל נישט רעדן קיין שלעכטס אויף קיין יידן, נאָר ווען איך בין געקומען צו אים האָב איך אים געטראָפן שלאָפן מיט דעם פּנים אַראָפּ — עס איז נישט קיין יידישע מידה!

מען האָט דעם שמואל זאלאזיצער צוגענומען אַלס חזן, און ער האָט געדאַוונט זייער האַרציק און גוט.

לואיס ראַטמאַן

דער רבי און דער פּריסטאַוו

(דערמאָנונג)

איך געדענק וואָס איך האָב געהערט פון חשובע און באַגלויבטע מענטשן פון ווישניעוויץ, אַ פּאַסירונג וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון וועגן דעם באַרימטן רבין, ר׳ יאָסעלע ע״ה, און אַ פּריסטאַוו, וואָס בעט זיך איבערצודערציילן.

נאָך דעם ווי מען האָט געפונען אַ דערטרונקענעם אין שטעטל, האָט מען באַלד אַרעסטירט דעם רבין, און דער פּריסטאַוו האָט אים ביי דער באָרד געשלעפּט איבער די גאַסן אין טורמע אַריין.

צוועלף מענטשן וועלכע זיינען אין דער צייט געווען אייגנטימער פון מויערן און שטיבער, האָבן אים דאַן אַרויסגענומען אויף פּאַרוקע (בעיל), אַנגעבנדיק זייערע הייזער אַלס גאַראַנטיע פאַרן רבינס צוריקקער, אויב ער וועט נישט באַפרייט ווערן פון בלבול.

דער רבי איז פון דעם עגמת נפש געווען שוואַך און קראַנק. אָבער אויסצוהיטן אים פון מעגלעכע תפיסה האָבן די גוטע מענטשן באַשלאָסן אים אַריבערצושמוגלען קיין עסטרייך. אויפן וועג האָט ער זיך פאַרקילט, און באַלד נאָך זיין אָנקומען אין עסטרייך — געשטאָרבן.

די פּאַרוקע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך דאַן פאַרלוירן געגאַנגען און די גוטזאָגער האָבן זייערע הייזער פאַרלאָרן.

נישט לאַנג נאָכן רבינס פּטירה איז דער פּריסטאַוו אַראָפּ פון זינען און אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, שרייענדיק מיט ווילדע קולות „טאָ זאַ ראַבינא״ (דאָס איז פאַרן רבין).

און מערקווירדיג, וואָס די אַלע האָבן זייערע הייזער פאַרלאָרן צו ראַטעווען דעם רבין, שפּעטער, ווי דורך אַ נס, — זענען רייך געוואָרן.

חשובע איינוואוינער פון שטעטל, — באַוואוסט אַלס גלויביגע מענשן, — האָבן באַשטעטיגט דעם פאַקט, אַז זיי האָבן געזען דעם פּריסטאַוו אַרומלויפן שרייענדיק, „טאָ זאַ ראַבינאַ״ און אַז זיי האָבן אויך פּערזענלעך געקאָנט די מענטשן וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע הייזער און שפּעטער רייך געוואָרן.

מיין זיידע ע״ה האָט זיך דאַן משתדל געווען ביים קיסר מיט אַ פּראָשעניע (בקשה), געשריבן אין אַ זעלטענעם העברעאיש, און נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער קיסר האָט זיין בקשה אָפּגעזאָגט, האָט אים דער סלעדאָוואטעל (פּראָקוראָר) געשיקט רופן צו זיך אין קאַבינעט און אים גראַטולירט און געקושט פאַר זיין וואונדערלעכן העברעאיש, וואָס דער קיסר האָט אַזוי געלויבט.

יעקב שיינגאָלד

ווישנאָוויצער שדים

(אַ קאָמישער עפּיזאָד פון דער אַלטער היים)

אַלע ווייסן און געדענקען דאָס קבר׳ס (קוואַרעסל), דאָס בערגל פון שטיינער באַוואַקסן מיט גרין גראָז אין זומער און מיט גרויסע בלאָטעס נאָך די ימים טובים און פאַר פּסח. דאָס קוואַרעסל איז געווען אונטער דער גרויסער שול, אַ פּלאַץ, וואָס כמעט אַלע האָבן מורא געהאַט דורכצוגיין שפּעט אין דער נאַכט, ווייל מ׳פלעגט זאָגן, אַז אין דער גרויסער שול ווערט ליכטיק אינמיטן דער נאַכט און די מתים קומען דאַן דאַוונען, און אַז אויף דעם קוואַרעסל קומען די שדים טאַנצן, ווייל דאָרט איז אַמאָל געווען אַ ברונעם און אין די צייטן פון כמעלניצקי (ימח שמו) איז אַ גאַנצע חתונה, — דער חתן, די כלה, מחותנים און כלי זמרים אַריינגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע היידאַמאַקעס, און דאָרט באַגראָבן געוואָרן. דאָרט פלעגן די קינדער, ווי אויך דערוואַקסענע, קומען וואַרפן קנאַבל, און ערב יום כפור אין דער פרי פלעגן פרומע יידן גלייך נאָך דעם דאַוונען דאָרט קומען זאָגן תפלות.

איז אַמאָל נאָך די ימים טובים, ווען די בלאָטעס זענען געווען גרויס, אין אַ שבת נאַכט נאָך הבדלה, איז יצחק קרעמעניצקי (איציק דער לאַנגער), אַ הויכער ייד, אַ ייד וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געקאָנט — געווען אַ גוטער ברודער מיט יעדן, אַפילו מיט דעם דיין און רב פלעגט ער זאָגן „דו״; געווען געבעטן כמעט אויף אַלע חתונות און ברית׳ן. אויב מען האָט זיך באַדאַרפט אויסגלייכן איז פלעגט ער זיין איינער פון די בוררים.

אַמאָל אין אַזאַ שבת נאַכט, ווען די בלאָטעס זענען געווען גרויס, באַלד נאָך הבדלה, איז ער אַוועק אין מאַרק זיך צו זען און שמועסן מיט גוטע ברידער ביי אַ גלעזל טיי און זיך אַזוי פאַרזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אהיימגייענדיק דורך משה דעם בלינדערס געסל, ווו אַ גוי׳איש פורל האָט זיך קוים דורכגעשטופּט, איז אים אויך אויסגעקומען דורכצוגיין דורך דער שול אין קוואַרעסל. קומענדיק נאָענט פון דאָרט האָט ער דערהערט פון דער ריכטונג פון קוואַרעסל אַ מאָדנער געשריי מיט אַ פּלעסקען מיט די הענט. אַליין נישט קיין איבערגעשראָקענער, און דענקנדיק אַז מסתמא איז דאָס אַ חזיר (וואָס פלעגן זיך אַלע מאָל דאָרט וואַלגערן אין דער בלאָטע), האָט ער גענומען אַ שטיין און געוואָרפן צו דעם פּלאַץ פון וואַנען דער געשריי איז געקומען. ערשט דאַן איז דער געשריי און קלאַפּן געוואָרן נאָך גרעסער, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו זען דייטלעך ווי עפּעס הויבט זיך און לייגט זיך. דאַן איז ער שוין געווען דערשראָקן, צוזאַמענגענומען אַלע כוחות און געלאָפן אַהיים, וואָס איז געווען ניט מער ווי איין גרויסער אַמעריקאַנער בלאָק, אַריינגעפאַלן אין הויז און באַלד אַוועקגעחלשט פאַר פחד.

עס איז געוואָרן אַ גרויס געשריי פון מרים, די פרוי זיינע, מיט די קינדער און שכנים, ביז מען איז זיך צונויפגעלאָפן און איז קוים אָפּגעמינטערט.

קומענדיק צו זיך, האָט ער אָנגעפאַנגען צו בעטן אַז מען זאָל מיט אים גיין זען וואָס דאָרט טוט זיך. עס האָט זיך באַלד געפונען א מנין יידן מיט ליכט און ציצית אין די הענט. איז מען געגאַנגען איבערבעטן די שדים צוריק צו גיין אין זייער אייביקער רו.

אָבער קומענדיק נאָענט צו יעקל לייבעלעס, ווו מען האָט שוין געקאָנט זען דאָס קוואַרטאַל, האָבן אַלע דאָרט דערהערט עפּעס א מאָדנע געשריי און אַ מאָדנע שפּרינגען פון אַ באַשעפעניש, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע מורא, און מען האָט מיט די ציצית אין די הענט גענומען שרייען „שמע ישראל״, אייניקע פון זיי האָבן מיט די לעצטע כוחות גענומען גיין אויף צוריק, ווייל ווער קען זיך עס שטעלן קעגן ווילדע שדים.

אָבער זעענדיק, אַז נאָך מענטשן זענען צוגעקומען, איז מען דאָך צוגעגאַנ־גען און מען האָט געפונען אַ שטאָטישן גוי, טויט שכור, וואַלגערנדיק זיך אין בלאָטע. דאָס איז געווען יאָסקע דער סטאָליאַר, וואָס פלעגט מאַכן בענקלעך און טאַפּטשאַנעס פאַר וויִשניוויצער יידן. און ווי נאָר ער פלעגט קריגן באַצאָלט, איז ער באַלד אַוועק טרינקען, און מאַנכעס מאָל אַז ער פלעגט צוריקגיין און אַז מען האָט ניט אַכטונג געגעבן פלעג ער צוגנבענען און גיין פאַרקויפן צו אַ צווייטן יידן. און אַז מען האָט אים געכאַפּט און מ׳האָט געזאָגט: יאָסקע, דאָס איז דאָך מיינס, איך האָב דאָך דיר פאַר דעם באַצאָלט, — פלעגט ער זאָגן: „טאָ טוואָיע בערי סאָבי״ (ס׳איז דיינס, נעם עס דיר אָפּ צוריק).

מ. פישמאן
(ווישנאָוויץ־ברוקלין)

זכרונות פון היים־שטאָט

צוויי באַדייטונגען האָט פאַר מיר דאָס וואָרט יזכור: 1. זאַכן און געשעענישן, וואָס איך געדענק פון מיינע קינדער־יאָרן. 2. יזכור, וואָס איך און קיינער פון די גרעסטעוועטע פון אונזער שטאָט וועט און טאָר נישט פאַרגעסן.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס כ׳געדענק פון מיינע קינדער־יאָרן.

ערצויגן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן מיך געשיקט לערנען צו מלמדים, ווען מ׳האָט נישט געדאַרפט צאָלן קיין סך געלט. און אַמאָל גאָרנישט צאָלן. אַזוי ווי מיין פאָטער האָט נישט געהאַט קיין געלט און איך בין אונטער־געוואַקסן געוואָרן, האָט ער מיך געשיקט אין דער ווישניוויצער תלמוד־תורה, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם בנין. די לימודים זענען פאָרגעקומען אין די בתי מדרשים, ווי זיי פלעגן אָנגערופן ווערן מיט די נעמען: „שניידער שולעכ׳ל״, ר׳ איטשע׳ס שול, טשאַנער שול א.אַ.וו.

טייער׳ע הויכגעבילדעטע לערערס האָבן מקריב געווען זייער צייט און פעאי־קייטן צו ערציען די אָרעמע קינדער, מערסטע פון זיי ייִנגלעך, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען אין דער צווייטער שולע — די „תרבות־שולע״. די תרבות שולע האָט יאָ געהאַט אַ אייגענעם בנין און גענומען שכר לימוד. זי איז געווען אַ פּראָגרעסיווע שולע, ווי מען רופט עס היינט.

די אייגנקונפט אויסצוהאַלטן די תלמוד תורה איז געווען פון דעם, וואָס טייערע יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן צו זאַמלען נדבות פון די שטאָטישע בעלי בתים. אין שפּיץ פון די דאָזיקע בעלי בתים איז געשטאַנען הירש מטות סעגאַל (זיינ׳ס אַ זון משה סעגאַל האָט איבערגעלעבט די מלחמה און געפינט זיך אין ישראל). נישט געקוקט אָבער אויף די שלעכטע באַדינגונגען אין דער תלמוד תורה, האָבן מיר די ת״ת תלמידים גאַנץ אָפט איבערגעשטיגן די תרבות־שולע־תלמידים אין אַלע קעגנשטאַנדן.

ביז עס איז געקומען דער טאָג און מיר האָבן זוכה געווען אַריבערצוגיין אין אַן אייגענעם בנין פון דער תלמוד תורה, וואָס האַרציקע יידן האָבן דורך אַלע וועגן געשאַפן די נויטיקע סומע געלט און אויפגעבויט די ווישניוויצער תלמוד תורה.

ווען איך שרייב דאָ וועגן דער תלמוד תורה, האָב איך אין זין תורה אויף פאַרשידענע געביטן. די תורה, וואָס האָט מיר און אַנדערע לעבן געבליבענע פון מיין היים־שטאָט באשר הם שם, פיל געגעבן און אָנגעצייכנט אונזער וועג אין לעבן. ווי פּרימיטיוו די לערע איז דאַן געווען, אין אונזער אָרעמען פּרימיטיוון קליינעם שטעטעלע ווישנאָוויץ, וואָס האָט דאָס אונז געגעבן דעם יסוד און קוואַל פאַר יידיש און וועלטלעך וויסן.

די טייערע יידן האָבן נישט נאָר געטראָגן די לאַסט פון דער תלמוד תורה מיט ביכער, שכר לימוד, נאָך אויך געזאָרגט צו צאָלן די לערער זייער שכירות, פאַר מער ווי 10 לערערס אין יענער צייט. צווישן זיי אַזעלכע באַרימטע לערערס ווי יששכר סאָס, ערליך א. א. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן עטלעכע נעמען פון די טייערע יידן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט און געלט פאַר דער תלמוד תורה, נישט צוליב „פובליסיטי", נאָר זיך איינצוקויפן אַביסעלע עולם הבא.

היינט וואָלט דאָס געקלינגען ווי „געזעלשאַפטלעכע אַרבעט". אָט זענען אַ טייל נעמען: שמעון ליפשיץ, טאָדרעס אורבאַך, מתתי' סעגאַל און נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק ליידער נישט אין מאָמענט.

אין מיין באַשיידנקייט וויל איך דאָ דערמאָנען דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאָטער אפרים פישמאַן הי"ד, וועלכער פלעגט יעדער וואָך אַרומגיין צו די בעלי בתים צו נעמען פון זיי זייערביישטייערונג פאַר דער תלמוד תורה. זאָל דער ליכטיקער אָנדענק פון די עסקנים און נותנים פאַראייביקט ווערן און דערמאָנט ווערן מיט יראת הכבוד.

ס'איז מיר שווער מיט מיין אָרעמער פעדער צו שילדערן די גרענעצלאָזע ליבשאַפט און גוטסקייט פון די אָרעמע האָראַפּאַשנע יידן אין ווישניוויץ.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז עטלעכע יאָרן פאַרן חורבן, בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון מיינע טייערע עלטערן און טייערע יידן צוליב פאָרן ערגעץ אַנדערש־וואו זוכן ברויט.

הייליק, קודש איז ביי מיר דער אָנדענק פון מיין היים שטאָט. די הענט ציטערן מיר, ווען איך פּרוּוו זיך דערמאָנען אין מיין היים־שטאָט. טרערן ביז דערשטיקט צו ווערן און אַ שוידער גייט דורך מיין לייב, ווען איך וועק אויף ביי מיר די זכרונות פון אונזער קליינער ווישניוויצער קהילה.

זאָלן זייערע נשמות זיין געהייליקט אין פייער פון קידוש השם אין וועלכן זיי זענען פאַרצערט געוואָרן און זאָל זייער ליכטיקער אָנדענק קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן פון דער ווישניוויצער שארית הפליטה.

ה' ינקום דמם!

מ. חזן

דער בלבול אויף דעם גרויסן צדיק ר׳ יוסעלע ראדיווילער

כדאי צו דערציילן די געשיכטע מיט דעם בלבול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף ר׳ יוסעלע ראַדיווילער מיט 89 יאָר צוריק אין דעם שטעטל ווישניוויץ אין וואָלין, וואו דער רבי ר׳ יוסעלע האָט זיך באַזעצט, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט ראַדיוויל.

די סיבה פאַרוואָס ר׳ יוסעלע האָט פאַרלאָזט ראדיוויל און זיך באַזעצט אין ווישניוויץ, ווי עס איז פאָרגעקומען די געשיכטע מיט דעם בלבול, האָט מיר איבערגעגעבן איינער א זקן ר׳ ישראל סאפיר הכהן פון ווישניוויץ, א ייד א בן גבורות, מאריך ה׳ ימיו:

— עס ווערט דערציילט, אז ביי דער דינאַסטיע פון רביים פון וועלכער גזע דער רבי ר׳ יוסעלע האָט געצויגן זיין יחוס, פלעגט זיין א מנהג, וואָס איז איבערגעגאַנגען בקבלה מדור לדור, אז מעהר ווי 20 יאָר ניט צו פארבלייבן אין דער זעלבער שטאָט. אַזוי האָבן זיך נוהג געווען זיינע אבות הקדושים, און אזוי האָט דער רבי ר׳ יוסעלע ראדיווילער זיך געוואָלט נוהג זיין.

דעריבער אַז עס איז געקומען נאָהענט די צייט, ווען עס האָט באַדאַרפט ווערן 20 יאָר זייט ער האָט זיך באַזעצט אין ראדיוויל, האָט דער רבי געלאָזט וויסן ראַ-דיווילער בעלי בתים און אַלע חסידים זיינע, וועגן זיין מחשבה משנה מקום זיין, לפי מנהג אבותיו.

געוועהנלעך האָבן פילע שטעטלעך געוואָלט האָבן די זכיה, אז דער רבי זאָל זיך ביי זיי באַזעצן, און זיינען געווען גרייט אים אויפצונעמען בכבוד, עס ווייזט אָבער אויס, אז ווישניוויץ האָט נושא חן געווען ביים צדיק מער ווי אנדערע שטעט-לעך און זיין הסכמה איז געווען זיך באַזעצן אין ווישניוויץ.

אַזוי ארום איז ווישניוויץ באַוואוסט געוואָרן איבער גאַנץ וואָלין און פוילן, וואו דער רבי האָט געהאַט פילע חסידים וואָס פלעגן פאָרן צו אים, און דאָס האָבן ווישניוויצער יידן געהאַלטן פאַר א גרויסער זכיה.

דאָס איז פאָרגעקומען בערך מיט 98 יאָר צוריק, בשנת תר״ל. די חסידים זיינען געווען צופרידן ווייל ווישניוויץ און ראדיוויל באַלאַנגען צו קרעמניצער אויעזד און עס איז נישט קיין ווייטער מהלך.

אַראָפּגעקומען קיין ווישניוויץ איז דער רבי דאָן, ווען עס איז פאַר אים שוין געווען דאָ צוגעגרייט א שענע רחבות׳דיגע דירה פון 8 צימערן. האָט ער פאַר זיך גענומען 4 צימערן און 4 פאַר זיין זוהן ר׳ סענדער שמואל, וועלכער איז טאַקע אין א קורצער צייט אַרום אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון ווישניוויצער בעלי בתים.

און כאָטש דער רבי איז געווען צופרידן אין ווישניוויץ, האָבן אים אָבער די חסידים אַלץ גערופן ר׳ יוסעלע ראדיווילער, און עד היום הזה דערמאָנט מען אים מיט דעם נאָמען.

טויזנטער חסידים האָט דער רבי געהאַט אין גאַנץ וואָהלין און אויך אין אַנדערע מקומות, און עס איז בכלל דאָ זעהר פיל צו שרייבן וועגן זיין דרך החסידות אָבער דאָס איז אַן ענין לפני עצמו. דאָ וויל איך באַשרייבן וועגן דעם בלבול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם רבי׳ן, ווי אזוי מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, ווען מען האָט געפונען א דערטרונקענעם משומד אין ווישניוויצער טייך תיכף נאָך פסח. און ווייל עס איז געווען א רעליגיעזער מאָרד האָט מען דעם רבי׳ן געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם.

ומעשה שהיה כך היה.

— געווען איז אין ווישניוויץ איינער אַ משה שיעלעס, אַ קרופּניק. זיין פרוי האָט געהייסן צביה. זייערע קינדער זיינען געווען שאול און אברהם איצי.

צביה האָט געהאַט א ברודער ישיע לאַנעוויצער, האָט מען אים גערופן, געהאַלטן אַ חדר, געווען א מלמד.

נאָך א ברודער האָט צביה געהאַט וואָס איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט צוויי יתומים, מענדל און אברהם איצי. מענדלען האָט זי גענומען צו זיך און אברהם איצי׳ן געמאַכט פאַר אַ באַהעלפער ביים פעטער דעם מלמד.

מיט דעם באַהעלפער אברהם איצי׳ן, וואָס האָט זיך פלוצים גע׳שמד׳ט, איז פאַרוויקעלט די גאַנצע געשיכטע מיט דעם בלבול אויף דעם רבי׳ן.

עס איז נישט באַוואוסט געווי, וואָס איז געווען די סיבה, וועלכע האָט איהם געבראַכט צום שמד, אָבער אין א שיינעם טאָג האָט זיך אונדזער באַהעלפער אברהם איצי מישב געווען, אַז עס איז שוין גענוג פאַר איהם צו פירן די קינדער אין חדר און קנעלען מיט זיי און איז פלוצים נעלם געוואָרן פון ווישניוויץ. די זאַך איז געוואָרן פאַרדעכטיקט און מען האָט איהם גענומען אַרומזוכן. עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און מען האָט אַלץ נישט געהערט פון איהם, די משפחה איז געווען באַזאָרגט וועגן איהם. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אברהם איצי געפינט זיך אין דער פּאָטשאַעווער לאַווּרע, און אַז ער האָט זיך שוין לאַנג גע׳שמד׳ט.

אין דער צייט איז ער נאָך קיין פולע 16 יאָר נישט אַלט געווען.

מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ווישניוויץ ווען די טרויעריקע בשורה איז אָנגעקומען צו זיין משפחה און קרובים. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט און גערעדט. מען האָט פאַרגעסן מסחרים און פרנסה און מען האָט נאָר געשמועסט פון דעם משומד. די משפחה האָט דאָס פאַרשאַפט גרויס צער און בושה. עס איז געווען אַ חרפה און א ווייטיק.

ווייל געוואוסט האָט מען, אַז די פּאָטשאַעווער לאַווּרע, די גרעסטע אין רוסלאַנד, איז די אבי-אבות הטומאה, פון דאָרטן איז שווער זיך צו ראַטעווען אַפילו ווען מען וויל זיך ראַטעווען, ווייל „כל באיה לא ישובון”. איז טאַקע זיי געווען פינסטער און ביטער און זיי האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן.

האָבן גענומען זיינע קאָזינס שאול און אברהם איצי — און זיין ברודער

מענדל און זיינען אוועקגעפאָרן קיין פּאַטשאַעוו, זעהן וואָס מען קען עפּעס טאָן אויף דעם אָרט. אפשר וועט מען קענען איהם פון דאָרט אַרויסראַטעווען. זיי זיינען געווען זייער ענטוישט צו הערן, אַז עס איז אוממעגלעך צוצוקומען צום מאַנאַסטיר, ווייל עס איז ארומגעצוימט מיט א גרויסן פּאַרקען און יעדער וואָס קומט אַריין אַהין מוז האָבן אַ ספּעציעלע ערלויבניש. ווייטער איז אין יוצא ואין בא.

פאר דער משפחה אין ווישניוויץ איז דער אינצידענט געווען נאָך מעהר פיינ-לעכער, ווייל מען האָט זיי אויסגעוואָרפן, אַז זיי האָבן איהם נישט גוט באַהאַנדעלט, דערפאַר איז ער אַוועק. דאָס איז געווען ווי זאַלץ אויף די וואונדן. דאָס פּראָבלעם האָט זיי פאַרשאַפט פיל האַרץ-ווייטיק און זייער האָפנונג איז געווען, וואַרטן אויף א געלעגנהייט אום אַרויסבאַקומען פון מאַנאַסטיר מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן...

אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען גאַר אין גיכן דורך א צופאַל. הגם די לאָווערע איז געווען אינגאַנצן אָפּגעצוימט פון דעם שטעטל, איז אָבער צוליב מסחר געגעבן געוואָרן ערלויבענישן אַריינצוקומען אויף יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאָט אַזעל-כע ערלויבענישן.

מען דאַרף וויסן, אַז די לאָווערע האָט געהאָט פילע געביידעס, פעלדער, וועלדער, גערטנער און סעדער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו איר און דאָס האָט מען אַוועקגע-געבן אין אַרענדע אויך צו די יידן. אַזוי אַז דער ייד, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענ-דע דעם סאַד, האָט געהאַט דאָרט זיינעם א היטער, אַ ייד מיט דעם נאָמען חיים אַנשעל מארגאַליס. ער האָט אויך געהאַט א שיינע טאָכטער וואָס פלעגט אָפט קומען אין סאַד אריין פאַרברענגען.

דורך איהר האָט מען געזוכט א געלעגענהייט ארויסצובאַקומען דעם משומד, ווייל יעדן זונטאָג האָט מען די משומדים אַרויסגעלאָזט אין די סעדער זיך שפּילן און הנאה האָבן פון די פרוכטן און די סעדער. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, אַז דאָס מיידל זאָל מיט איהם אַוועקגען אַן אַ זייט און פון דאָרט וועט מען קאָנען איהם אַרויסבאַקומען, געוועגלעך האָט דער יידישער שומר צוגעהאָלפן.

ווי אַזוי די מעשה איז פאַרגעקומען איז געבליבן אַ סוד, אָבער עס איז געווען אַ פאַקט, אַז מען האָט דעם משומד אַרויסבאַקומען און מען האָט איהם אַריבערגע-פירט די עסטרייכישע גרעניץ, וואָס איז נישט ווייט פון דאָרט און מען האָט איהם אוועקגעפירט קיין סקאַלע צו א קרוב און איהם דאָרט איבערגעלאָזט.

געפּועלט האָט מען ביי דעם משומד ער זאָל ווערן צוריק אַ ייד, ווייל מען האָט איהם צוגעזאָגט, אַז דאָס שעהנע מיידל וועט ווערן אין גיכן זיין כלה.

דאָס ווייזט אויס האָט געווירקט אויף איהם מער ווי אַלעס און עס האָט אויס-געוויזן, אַז ער האָט טאַקע חרטה אויף זיינע מעשים. אַזוי לפחות האָט דאָס אויסגעקוקט פאר א שטיקל צייט. עס האָט אָבער נישט גענומען לאַנג און דער בחור איז געוואָרן אומרוהיג ביז ער האָט נאָך אַמאָל געמאַכט א פאַלשן שריט.

מען איז געוואויר געוואָרן, אַז ער איז שוין געווען ביים סקאָלער גלח און

איהם דערציילט די גאַנצע געשיכטע און אויסגעדריקט זיין ווילן נאָך אַמאָל זיך צו שמדן.

דער קרוב אין סקאָלע מורא האָבנדיק פאַר קאָנסעקווענצן וואָס פון דעם משומד קען קומען, האָט געבעטן מען זאָל קומען נאָך איהם איידער עס ווערט שפּעט, און איהם אוועקפירן.

עס איז געווען קלאָר, אז אויב מען וועט איהם נישט אַריבערפעקלען ערגעץ אַנדערש וועט זיין צרות. דערום, ווען זיינע קאָזינס זיינען געקומען קיין סקאָלע האָבן זיי איהם קודם כל אַוועקגעפירט קיין ווישניביץ און אָנגעהויבן זוכן מיט־לען ווי פּטור צו ווערן פון איהם...

עס איז עד היום נישט באַוואוסט געווען וואָס מיט איהם איז געשען און ווער זיינען געווען די מתעסקים וואָס האָבן געהאָלפן איהם אָפּצוראַמען פון וועג, ווייל אַלעס איז געווען בסוד סודות, אַזוי אז קיין בן אדם האָט נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען...

די געשיכטע מיט דעם משומד וואָלט אפשר נישט באַוואוסט געוואָרן אַזוי שנעל, ווען נישט דער צופאַל, וואָס מען האָט איהם דערקאַנט ווען זיין קערפּער איז אַרויפגעשוואומען מיט א זאַק צוגעבונדן צום האלדז, פון וואָס מען האָט געדרונגען, אַז אין זאַק איז געלעגן שטיינער וואָס מען האָט צוגעבונדן צו זיין האַלדז און ווען די שטיינער זיינען אַרויסגעפאַלן פון זאַק, וואָס די פיש האָבן צעביסן, איז דער קערפּער אַרויפגעשוואומען.

דאָס האָט פּאַסירט תיכף נאָך פסח, ווען דאָס אייז איז שוין געווען צעשמאָלצן. מען האָט פלוצים אין א פרייטאָג אין דער פריה באַמערקט אַ קערפּער שווימען אין טייך. די נייעס איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ ווישניוויץ און קינד און קייט זיינען געלאָפן צום טייך. מענשן זיינען געווען נייגעריג צו וויסן וועמעס קער-פּער דאָס איז, און איינער א פישער איצי קאַטליאַר, א ייד וואָס האָט אַלע יאָרן גע-האַנדעלט מיט פיש און געקענט טרייבן א שיפל, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף א שיפל איהם צו ברענגען. ווען ער האָט אָבער באַמערקט, אַז דאָס איז אברהם איצי דער משומד, האָט ער איהם אוועקגעשטופּט צו דעם ברעג פון דער 2-טער זייט טייך.

בינו לבינו איז שוין געקומען דער סאָטסקע ליאָבעצקי, וואָס האָט געקאַנט ריידן יידיש און געהאָלפן דעם קערפּער אַרויסשלעפּן. יידן אין ווישניוויץ האָבן גלייך דערשמעקט, אַז עס איז גלייכער זיך נישט צו מישן, און זיך איינציגווייס צע-גען. די קינדער וואָס זיינען פרייטיק פריה אַרויס פון די חדרים זיינען אָבער נישט אָפּגעטראָטן און זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן דערקענט דעם באַהעלפער אברהם איצי.

דער סאָטסקער קענענדיק יידיש האָט טאַקע פון די קינדער אויסגעפאָרשט צופיל... איהר ווייסט דאָך קינדער פּלאַפּלען... עס האָט לאַנג נישט גענומען און אויך דער פּריסטאַוו איז געקומען אויף דער סצענע. ער איז געווען דער אמת׳ער

שונא ישראל. ער האָט גלייך געשיקט אַרעסטירן דעם רבי׳ן. עס האָט געהייסן אַלס משכון ביז מען וועט פעסטשטעלן ווער דער שולדיקער איז.

דער רבי האָט דעמאָלס געהאַלטן אין מיטן דאַוונען און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף איהם. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און מען האָט איהם אָפּגעפירט אין תפיסה פאַר א דאָפּראָס (א קרייז-פאָרהער). ווען יידן האָבן געזען, אז דער רבי זאָמט זיך לאַנג האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אז ער איז אַרעסטירט, האָט מען געוואָלט פועלן ביים פריסטאָוו איהם אָפּלאָזן איבער שבת. ער האָט אָבער פון דעם נישט געלאָזט רעדן און די רציחה איז געווען צו שטאַרק, ביז מען האָט געשיקט קיין קאָלאָדנע נאָך אורי צמח, וואָס איז געווען מיט דעם פריסטאָוו אַ ידיד, און ער האָט קוים מיט צרות געפועלט ער זאָל אָפּלאָזן דעם רבין ביז שבת צונאַכט נאָך הבדלה. סיי ווי האָבן די ווישניוויצער יידן געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת, ווייל מען האָט שוין געהאַט אַרעסטירט די קאָזינס און זייערע עלטערן, אויך דעם ברודער מענדל האָט מען אַרעסטירט. אין דעם זעלבן שבת זיינען שוין אַראָפּגעקומען פון קרעמעניץ דער געהילפס פראָקוראָר מיט דעם סלעדאָוואַטעל (דער ווישניוויצער סלעדאָוואַטעל איז דאַמאָלס געווען אויף אורלויב).

אויך א דאָקטאָר איז געקומען צו פאַלמעסן דעם קערפער.

פון פאָטשייעוו ווידער זיינען אַראָפּגעקומען די טויף מוטער מיט 3 משומדים, זיינע חברים. שפּעטער זיינען געקומען פון פאָטשייעוו 3 גלחים, מאַכן די פאָרבערייטונגען צו דער לויה צערעמאָניע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר זונטאָג.

מען האָט מודיע געווען איבער אַלע דערפער גויים זאָלן זיך פאַרזאַמלען ביים קלויסטער פון וואַנעט די פראָצעסטע וועט זיך אָנהויבן. צו דעם פאַלמעסן האָט מען געבראַכט דעם רבין און צוזעהענדיק דאָס, האָט ער געבראָכן מיט דער גאַל, מען האָט איהם קוים אָפּגעמינטערט. דאָס וואָס די יידן אין ווישניוויץ האָבן איבערגעלעבט יענעם שבת און זונטאָג ביז די צערעמאָניע איז געווען פאַראיבער, קענען זיי עד היום נישט פאַרגעסן.

ערשט ווען די לויה פראָצעסיע איז געווען צו ענדע, האָט מען זיך גענומען זוכן מיטלען צו ראַטעווען דעם רבין. דערווייל זיינען פאָראיבער 3 טעג און מען איז געוואויר געוואָרן, אז דער רבי האָט די 3 טעג נישט געדאַווענט, ווייל די אַרעסטאַנטן זיינען געווען שמוציק און עס איז געווען א מקום טמא פאַר תפילה, און במילא האָט ער שוין נישט טועם געווען פון דעם עסן וואָס מען האָט איהם געבראַכט פון דער היים.

עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג ביז מען האָט געפועלט ביים פריסטאָוו, מען זאָל פאַר דעם רבין אָפּגעבן א באַזונדער צימער. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ בעט, א טישל מיט א בענקל, געבראַכט ספרים און געמאַכט פאַר דעם רבין אַזוי באַקוועם ווי מעגלעך. אָבער אַרויסלאָזן אויף פארוקי (בעיל) האָט ער נישט געוואָלט רעדן, ביז דער סלעדאָוואַטעל וועט צוריקקומען פון אורלויב. ווען דער ווישניוויצער סלעדאָוואַטעל איז געקומען און איבערגענומען די פאַפּירן פון קרע-

מעניצער סלעדאָוואַטעל, האָט ער שוין נישט געקאָנט העלפן וועגן אַרויסלאָזן אויף פּאַרוקי, ווייל די פּאַפּירן האָבן געלויטעט וועגן א געפּלאַנטן מאָרד אין וועלכן דער רבי זאָל האָבן גענומען אן אַנטייל.

ווען עס איז געקומען פאר שבועות האָט מען קוים געפּועלט ביים סלעדאָוואַטעל, מען זאָל דעם רבין אַרויסלאָזן איבער יום-טוב. ער האָט אָבער געפאָדערט מען זאָל איינלייגן 2.000 רובל, אַז מען וועט איהם צוריקברענגען; מען האָט איהם געבראַכט דאָס געלט אָבער מען האָט דאָס שוין צוריק קיינמאָל נישט געזען. דער רבי איז נאָך יום-טוב אַוועק צוריק אין תפיסה. עס איז אַוועק אַ צייט פון 2—3 חדשים און דער סלעדאָוואַטעל האָט אַלץ מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַרויסצולאָזן דעם רבין אויף פּאַרוקי, ער איז אָבער געווען אַ גרויסער כאַבאַרניק, האָט ער אליין געזוכט עצות, ער זאָל קענען עפּעס אויפטאָן, נאָך אַלעמען זיינען די 2,000 רובל געבליבן ביי איהם, האָט ער מורא געהאַט מען זאָל איהם נישט מאָנען די 2,000 רובל, האָט ער מודיע געווען, אז פאר 8,000 רובל פּארוקי וועט ער דעם רבין אַרויסלאָזן, דאָס איז שוין געווען חצי אלול. געוועגלעך איז די סומע געשאַפן געוואָרן און דער רבי איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה ביז צום משפט.

אויף ימים נוראים זיינען געקומען א סך חסידים צום רבין און אַלעס האָט אויסגעקוקט פיין און גוט, דארף זיך מאַכן, מעשה שטן, פּונקט יום כפור קומט אַראָפּ פון זשיטאָמיר דער גלאַוונע פּראָקוראָר, און קומט צום סלעדאָוואַטעל און פרעגט וואו איז דער ראבין יונגערלעב, מען דאַרף איהם גלייך צושטעלן קיין קרעמענעץ פאר א נייער אויספאָרשונג. און ווען ער ווערט געוואויר, אז ער איז אויף בעיל, רעדט ער שאַרף אויס דעם סלעדאָוואַטעל און זאָגט איהם אָן, אז ער זאָל איהם וואָס שנעלער צושטעלן קיין קרעמענעץ.

דער סלעדאָוואַטעל האָט דאָס איבערגעגעבן מען זאָל אויף מאָרגן נאָך יו״כ פאָרן קיין קרעמענעץ. מען האָט אָבער געוואָלט, אז דער רבי זאָל נאָך איבער די ערשטע טעג סוכות זיין אין ווישניוויץ, האָט מען גענומען פאַרהאנדלען מיט דעם סלעדאָוואַטעל, ער האָט אָבער זיך נישט געקענט העלפן. ער האָט באַדאַרפט אויספאָלגן דעם באַפעל פון פּראָקוראָר, האָט ער איבערגעגעבן די פּאַפּירן צום פּריסטאַוו אויסצופאָלגן און ביים פּריסטאַוו האָט מען דוקא געפּועלט, אז ער זאָל איהם שיקן ערשט דעם ערשטן טאָג ח״ה.

דער רבי איז אָפּגעפאָרן קיין קרעמעניץ דעם ערשטן טאָג חול המועד סוכות און די קרעמעניצער יידן האָבן שוין געזען אז דער רבי זאָל האָבן א באַזונדער חדר. מען האָט אַפילו געלאַזט האַקן דעם דאַך פאַר א סוכה, געוועגלעך האָט דאָס געקאָסט געגוג געלט.

צו שמיני עצרת האָט מען אים געבראַכט אַ מנין צום דאַווענען און גראַדע איז אויך געווען ר׳ ישראל פון דעם מנין ביים רבין, ווייל ער איז א כהן. די איבעריקע אַרעסטאַנטן זיינען געווען מלא רציחה וואָס מען האָט אָפּגעליידיגט דעם לאַזאַרעט, פאַר דעם רבין און וואָס מען גיט איהם אָפּ אַזוי פיל כבוד.

אין דער זעלבער צייט וואָס דער רבי איז געפאָרן קיין קרעמעניץ איז זיין זוהן סענדער שמואל אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר, מיט פּראָטעקציעס אז מען זאָל אַרויסלאָזן דעם פאָטער אויף פּארוקע, ווייל די אַכט טויזנט רובעל זיינען נאָך געבליבן ביים סלעדאָוואַטעל און עס האָט זיך איהם איינגעגעבן. עס איז גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן א טעלעגראַמע צום ווישניוויצער סלעדאָוואַטעל אז דער רבי יונגערלעב, קען זיין פריי אויף דער פּאַרוקע וואָס איז ביי איהם. ווען דעם רבינס זוהן איז געקומען צוריק קיין ווישניוויץ, ער איז געווען זיכער אז דער פאָטער איז שוין אין דער היים, לאָזט זיך אויס אַז דער סלעדאָוואַטעל גלויבט נישט קיין טעלעגראַמע, דאָס, זאָגט ער, קען יעדער ארויסשיקן פון זשיטאָמיר. ער מוז האָבן אַ פּאַפּיר געחתמעט וועט ער איהם ברייגגען צוריק פון קרעמעניץ.

ר׳ סענדער שמואל האָט געמוזט פאָרן נאָך אַמאָל קיין זשיטאָמיר און ברענ-גען א געחתמעט פּאַפּיר און דעמאָלסט איז דער רבי באַפרייט געוואָרן ביז דעם משפּט. אַזוי איז דער רבי געווען פריי ביז דעם 2-טן ווינטער פאַר פּורים. ווען ער איז גראַדע געווען אין טשאַן איז אַנגעקומען צום סלעדאָוואַטעל אז ער זאָל דעם ראַבין יונגערלעב צושטעלן קיין קרעמעניץ אין אַקרוזשנוי סוד פאר דעם משפּט.

ווען דער שרייבער פון סלעדאָוואַטעל זווערקאָווסקע האָט איבערגעלייענט די פּאַפּירן האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס איז א שלעכטער ענין פארן רבין, האָט ער אריינגעלייגט די פּאַפּירן אין היטל און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער רבצין חנה׳לע און איהר אלעס איבערגעגעבן, און תיכף געלאָזט וויסן די חסידים פון דער סכנה און זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין טשאַן.

דערווייל האָט דער סלעדאָוואַטעל געשיקט רופן די צוויי פּאָרוטשיטעלעס און זיי געהייסן פאָרן קיין טשאַן נעמען דעם רבין און צושטעלן צום אַקרוזשנוי סוד אין קרעמעניץ. זיינען זיי אוועקגעפאָרן קיין טשאַן נאָכן רבין. די רביצין חנה׳לע האָט איבערגעגעבן דעם רבינס פריינד וואָס די פּאַפּירן באַשולדיקן און אַז דער שרייבער האָט איהר געוואָרענט פון דער סכנה.

אין טשאַן איז געווען איינער חיים באַראָוויצער, א ייד א נגיד. האָט ער אויף זיך גענומען צו צושטעלן דעם רבין קיין קרעמעניץ אויף זיין פערד און וואָגן און די צוויי פּארוטשיטעלעס זיינען נאָכגעפאָרן. דער רבי איז געווען זי-כער אז ער פאָרט קיין קרעמעניץ. די רביצין איז אויך מיטגעפאָרן. ווען עס איז אָבער געקומען צום אָרט וואו עס פאַרנעמט זיך א וועג קיין וואָלאָטשיסק, האָט דער חיים זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואָלאָטשיסק איידער די צוויי פּאָרוטשיטעלעס האָבן איהם באַמערקט, און זיי זיינען אַוועק מיט קרעמעניצער וועג.

דערווייל האָט מען דעם רבין אריבערגעפירט די גרעניץ און אוועקגעפירט קיין גלינע, וואו ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן ביז ער איז נפטר געוואָרן. די רביצין חנה׳לע איז קראַנק געוואָרן נאָך פריער און איז געשטאָרבן פון ניומאָניע.

תיכף נאָך פּסח איז פאָרגעקומען דער משפּט פון די איבעריקע : דער קרופּניק

משה שועלעס האָט געקראַגן צוועלף יאָר שווערע תפיסה... זיין פרוי צביה צען יאָר שווערע תפיסה. דער מלמד ישוע לאַניוויצער צען יאָר. אַלע דריי האָט מען פאַר־שיקט קיין אירקוטסק אין סיביר. די קינדער זייערע זיינען בישט געווען אַלט גענוג און מען האָט זיי באַפרייט. חיים אנשעל האָט געקראַגן צוויי און א האַלב יאָר און אַזוי ווי עס האָט גענומען צוויי יאָר ביז דעם משפט האָט ער געדאַרפט אינגאַנצן זיצן זעקס מאָנאַטן.

דאָס מיידל האָט מען אויך באַפרייט ווייל זי איז יונג געווען. זי האָט חתונה געהאָט און געטראָגן דעם נאָמען קארטמאַן. מיט דעם האָט זיך געענדיקט די געשיכטע מיטן בלבול אויף דעם גרויסן ר׳ יוסעלען וואָס האָט דאמאָלסט אויפ־געררודערט די גאַנצע חסידישע וועלט און געהאַלטן געשפּאַנט אונדזער געגענט פאַר גאנצע צוויי יאָר.

די יסורים האָבן דעם רבין שטאַרק אויסגעמאַטערט און אויך דער פּלוצים־דיגער טויט פון דער רביצין האָט מקצר געווען זיינע יאָרן און דערנעענטערט זיין סוף. ער איז נפטר געוואָרן אין גלינע בשנת תרמ״א. יהי זכרו ברוך.

א. פריילעך

יידן בני רחמנים

(א ווישניוויצער עפּיזאָד)

צו ענדע פון 19-טן, און אין אָנהויב פון דעם 20-טן יאָרהונדערט, ווען טויזנ-טער יידן פלעגן פאַרלאָזן רוסלאַנד און לויפן קיין אַמעריקע, האָבן פילע, צוליב מאַנגל אין געלט, געמוזט איבערלאָזן זייערע פרויען און קינדער אין דער היים, און פאָרן אַליין. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אַביסל איינגעאָרדענט און אָנגעזאַמעלט אַביסל געלט, פלעגן זיי שיקן נאָך זייערע פאַמיליעס.

אונדזער געגנט האָט זיך געפונען ביי דער עסטרייכישער גרעניץ, און אַ גאַנץ גרויסע צאָל אימיגראַנטן פלעגן מוזען דורכפאָרן אונדזערע שטעטלעך, און פילע ווישניוויצער יידן פלעגן זיי באַהילפיג זיין מיט ראָט און טאָט.

מיין טאַטע ע״ה האָט געהאַנדעלט מיט דער רוסישער רעגירונג דירעקט, דורך אַן אויטאָריזירטן קאָנטראַקט, וואָס ער האָט געדאַרפט צושטעלן געוויסע פּראָדוקטן פאַר אַ באַשטימטע פרייז צו דער גרעניץ וואַך און אויך העכערע רעגירונגס-בע-אַמטע.

ויהי היום — קומט צופאָרן אַ פרוי מיט פינף קינדער קיין ראַדזיוויל, וואָס האָט זיך אויך געגרעניצט מיט עסטרייך. די פרוי נעמט פאַרהאַנדלען מיט געוויסע גרעניץ אַגענטן, ניט קאָנענדיק באַהויפּטן נאָכצוקומען די פרייז וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. בלייבט פאַר איר איין אויסוועג, און דאָס איז, — איבערלאָזן איינע אָדער פילייכט צוויי פון אירע קינדער ביי גוטע מענשן, ווייל פאַר אַלע צו שוואַרצן די גרעניץ איז געווען אונמעגלעך. זי וואָלט ניט געהאַט גענוג געלט צו קומען צו איר מאַן קיין ניו-יאָרק.

צו יענער צייט האָט אין ראַדזיוויל געוווינט אַ פרוי מיטן נאָמען חיה אַפּעל-בוים, אַ קוזינע צו מיין מוטער ע״ה. אַז זי האָט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, טראַכט זי ניט פיל, נאָר נעמט די 6 נפשות און פאָרט מיט זיי קיין ווישניוויץ. און אַלע זיבן פאַלן אַריין צו אונדז אין הויז.

און נאָך איידער זיי מאַכן זיך באַקוועם, טרעט אונדזער קוזינע גלייך צו צום פּונקט:

הערשעניו! טאַטעניו! פריער גאָט און דערנאָך דו מוזט העלפן די מענטשן, — אַ פרוי מיט 5 קינדער, אָרעם, דער מאַן איז אין אַמעריקע, מיר זיינען דאָך יידן בני רחמנים, מען מוז איר העלפן שוואַרצן די גרעניץ!

מיין טאַטע וויל זיי ערקלערן, אַז ער גיט זיך ניט אָפּ מיט די זאַכן, אָבער זיי גיבן אים ניט קיין געלעגענהייט צו זאָגן אַ וואָרט.

די צוויי ווייבער מיט די קינדער וויינען און קלאָגן... כאַטש נעם זיי אויף פליגל און פלי מיט זיי אַריבער דעם גרעניץ. אָבער דער טאַטע ע״ה איז געווען שטאַרק גערירט פון דער פרויס קלאָגן.

דאַס איז געווען אין אַ פרייטיק, זענען די 7 מענטשן דערווייל געבליבן ביז איבער שבת ביי אונדז אין הויז.

דורך דעם שבת איז ביי מיין טאַטן, צוזאמען מיט דער מאַמען, אויסגעאַרבעט געוואָרן זייער אַ ריזיקאַלישער פּלאַן.)ער פלעגט זיך באַראַטן מיט דער מאַמע וועגן אַלעס(. זיי האָבן אפילו ניט נאָכגעקלערט וואָס עס האָט געקענט געשען, ווען דער פּלאַן וואָלט זיך ניט איינגעגעבן.

זונטיק פאַרטאָג, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז געלעגן אין אַ טיפן שלאָף, איז דער טאַטע געזעסן איינגעקלאַמערט אויף זיין פערד און גאַלאָפּירט צו דער טאַ-מאַזשנע, און איז פאַרפאָרן צום העכסטן בעאַמטן פון דער גרעניץ וואַך, און ביי אים געבאָטן אַ פערזענלעכע טובה, — און טאַקע אַן באַצאָלט — אַז ער זאָל ער-לויבן דער פרוי מיט די 5 קינדער דורכפאָרן די גרעניץ פראַנק און פריי אין מיטן טאָג, פּונקט ווי זיי זאָלן האָבן אַ „גובערנאַטאָרסקי פּאַסס", נאָר מיט דעם אונטער-שייד אַז דער בעאַמטער ביים גרעניץ זאָל דעם פּאַסס ניט פאָדערן.

נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, האָט דער ערל געזאָגט: הערשקאָ! דיין חוצפּה איז מיר געפעלן, און אַזוי ווי איך קען דיר פאַר אַן ערלעכן יידן, וועל איך דיין פאַר-לאַנג באוויליגן; זיי מוזן אָבער קומען פאַרשטעלט ווי פריצים, און איך וועל שוין זען אַז מאָרגן, אין אַ באַשטימטער שעה, זאָל ביים טויער זיך געפינען מיינער אַ באַגלויבטער, און מען וועט זיי דורכלאָזן אָן קיינע פראַגן.

אויף מאָרגן, — מאָנטיק, — האָבן זיך די 6 מענטשן אויסגעפּוצט אין זייערע שענסטע מלבושים, די פרוי ווי אַ פריצע, און די קינדער ווי גויעשע פּאַניטשעס און פּאַניענטקיס. מיין טאַטע האָט פאַר זיי געדונגען אַ פּאַטשט מיט גלעקער, ווייל אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך — און זיי זענען בשלום דורכגעפאָרן די גרעניץ, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען די גרעסטע רעגירונגס-בעאַמטע.

מיין טאַטע איז שוין פון פריער געווען ביי דער טאַמאַזשנע (כלומרשט וועגן געשעפט), צו זען אַז אַלעס איז אין אָרדנונג.

און אַזוי איז אַ היפּשע משפּחה געראַטעוועט געוואָרן פון צו זיין צושיידט.

די געשיכטע איז בלויז געווען באַוואוסט צו זעהר אַ קליינע צאָל מענטשן.

און פאַר דער שטאָט איז דאָס געבליבן אַ סוד פאַר פילע יאָרן.

מ. חזן

א טובה פאר א טובה

(עפּיזאָד)

אָט דער דאָזיקער עפּיזאָד, וואָס איך וויל דאָ איבערגעבן, האָט פּאַסירט מ:יט 5€ יאָר צוריק, אין אַ דאָרף לעבן ווישניוועץ, אין וואָלין.

דערציילט האָט מיר די פּאַסירונג ר׳ ישראל סאַפּיר, פון ווישניוועץ, אַ ייד אַ זקן, אַ בן־גבורות. עס ווערט אין דער פּאַסירונג איבערגעגעבן ווי אַ קריסט פאַרליבט זיך אין אַ יידיש מיידל און ווען ער קען נישט קריגן די הסכמה פון אירע און זיינע עלטערן, רעדט ער אָפּ מיט דער יידישער מיידל זיי זאָלן ביינאַכט אַנטלויפן.

דאָס מאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף די עלטערן פון מיידל און אין זייער פאַרצווייפלונג ווענדן זיי זיך צו זייערן אַ קרוב, הירש ביסקער, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע די גיטער פון דעם באַראָן פאָן פליאַטאַ, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ פּאַלאַץ אין ווישניוועץ.

הירש ביסקער האָט טאַקע געהאָלפן ראַטעווען זיין קרובה, אָבער די רוסישע רעגירונג האָט אים פאַרפּאָלגט און אַרויסגעשיקט פון דאָרף, וואָס איז געווען אין תחום המושב, — אין די פּופּציק ווערסט פון גרענעץ. זיין גוט האַרץ און די טובות וואָס ער האָט געטאָן סיי צו יידן און סיי צו קריסטן, ראַטעוועט אים לסוף אַרויס פון דער פאַרשיקונג און קערט זיך צוריק אום צו זיינע גיטער און מסחרים. דאָס ווערטל „אַז גוטעס באַצאָלט זיך״ ווערט מקוים. און ווייל זיין רייכקייט האָט זיך גענומען פון די גיטער, וואָס ער האָט געהאַט אין אַרענדע פון דעם באַראָן פאָן פליאַטאַ, וועל איך אָנהויבן פון באַראָן, דעם גרויסן געלערנטן.

באַראָן פאָן פליאַטאַ, וואָס האָט געוואוינט אין ווישניוויצער פּאַלאַץ, איז געווען פון די גרויסע געלערנטע מיט אַ 55 יאָר צוריק. ער איז געווען אַ גרויסער אַסטראָנאָם און פילאָזאָף.

דער פאַקט אַז ער איז געווען אַ לערער ביי דער קייזערלעכער פאַמיליע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן אין צאַרסקע סעלאָ, באַווייזט אַז ער איז אין יענע צייטן געווען פאַר׳עכנט פאַר דעם גרויסן געלער׳נטן און שפּראַכן קענער. ניקאָלאַי דער צווייטער, וואָס איז געווען דער יורש עצר, האָט אין דער יוגנט געלערנט ביים באַר׳אָן פאָן פליאַטאַ. געשטאַמט האָט ער פון אַ מיוחס׳דיקער פאַמיליע פון פּוילן, וואָס זיינען געווען מקורבים למלכות, פון וועמען ער האָט גע׳ירשנ׳ט פילע גיטער און אימעניע. די וועלדער זענען געווען געשאַצט אין מיליאָנען רובל. דער פּאַלאַץ אין ווישניוועץ, וואו ער האָט פאַרבראַכט מערסטענס זומער־צייט, איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, אַרומגערינגלט מיט גערטנער און סעדער. עס איז געווען אַ פּראַכט. זומער־צייט האָבן זיך די סעדער און גערטנער צעבליט און פאַר־

שמעקט דעם גאַנצן געגנט אַרום. ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון קונסט־זאַכן, דערפאַר איז ביי אים אין פאַלאַץ געווען אַ סך קונסט־בילדער און מאָלערייען פון די גרעסטע מאָלער, וואָס האָבן אים געקאָסט אַ שלל מיט געלט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק און קלאַסישע ווערק פון אַלע אויסלענדישע שרייבער, האָבן זיך געפונען ביי אים, וואָס ער פלעגט זאַמלען טאָג־איין טאָג־אויס.

ווען מען האָט יאָרן שפּעטער געוואָלט אַרויספירן די ביבליאָטעק, האָט מען אָנגעפּאַקט מער ווי פערציק פורן. פון דעם קען מען זיך פאָרשטעלן וויפיל ביכער עס האָבן זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק. עס איז אַ סברא, אַז ער האָט געקענט העברעאיש און פון תלמוד האָט ער אָפט ציטירט זאַכן, וואָס איז געווען אַ חידוש ביי יידן.

מען דערציילט, אַז ער איז אַמאָל, צופעליק, דורכגעפאָרן לעבן דער ווישנעוויצער שול, וואָס איז פאַררעכנט פון די עלטסטע געביידעס אין שטעטל, האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג אַריינצוגיין אינעווייניק. צוקומענדיק צו דער טיר פון שול האָט ער איבערגעלייענט אַן אויפשריפט „מתן בסתר". האָט ער אַרויסגענומען אַ 10 רובל גאָלדשטיק און אַריינגעוואָרפן אין פושקע.

אַריינקומענדיק אינעווייניק איז ער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט אַלץ און איבערגעלייענט אַלץ אויף די ווענט. אויפן באַלעמער זענען געווען סידורים, חומשים, האָט ער געעפנט יעדן ספר און געזאָגט, וואָס דאָס איז.

יעדן יאָר איז ער געפאָרן קיין אויסלאַנד און פון דאָרטן געבראַכט חידושים און קונסט זאַכן און אויב עס איז אים געפעלן, האָט ער קיין געלט נישט געזשאַלעוועט צו באַצאָלן.

אַזוי איז ער געווען באַוווסט, און ווי נאָר עס איז ערגעץ געווען אַ יקר־המציאות, האָט מען עס געבראַכט צו אים און ער האָט עס אָפּגעקויפט. אַזוי האָט ער אָנגעזאַמלט אַן אוצר מיט טייערע חפצים און קונסט־זאַכן.

נאָך דער רעוואָלוציע איז די גאַנצע קאָלעקציע אַנטיקן אַריינגעפאַלן צו דער פוילישער רעגירונג, אין יאָר 1920.

די גיטער זיינע זענען געווען אָפּגעגעבן אין אַרענדע. אין דאָרף באָטין איז געווען דער אַרענדאַר הירש ביסקער. עס איז טאַקע געווען נישט ווייט פון ווישנעוויץ און יידן האָבן צו דערציילן פון הירש ביסקער זייער אַ סך, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח און אַ בעל צדקה. עס איז שוין געווען באַוווסט, אַז ווער נאָר עס איז דורכגעפאָרן דורך באָטין האָט שוין געמוזט עסן ביי אים, ער האָט פשוט נישט אָפּגעלאָזט.

קיין גרעסערע שמחה איז נישט געווען ביי אים, ווען ער האָט אַליין מכבד געווען זיינע אורחים. ווען ער איז געפאָרן אין שטאָט האָט ער מיטגעבראַכט אַ פולע פור מיט כל טוב און געטיילט אָרעמע לייט. די רבנים און כלי קודש האָט

ער געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט. אַפּילו די גויים אין דאָרף האָבן שוין גע־ ווּוסט, אַז ער באַהאַנדלט זיי גוט און דאַרום האָבן זיי שטאַרק געהאַלטן פון אים און ער האָט זיי טאַקע פילע טובות געטאָן.

וואָס מער הירש ביסקער האָט צעטיילט, אַלץ מער רייכער איז ער געוואָרן, ער האָט פאַר דער צייט שוין געהאַט נאָך פּאָסעסיעס און אויך מילען, אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ שותף צו אַנדערע מסחרים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט וועלדער, און איבעראַל וואו ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט האָט ער מצליח געווען. כאָטש ער איז געווען ווייט פון לערנען, נאָר אַ פּשוט׳ער ישוב׳ניק, האָט ער אָבער געהאַט אַ לב טוב און זיין שטרעבונג אין לעבן איז געווען צו נעמען איידעמס, בני תורה, תלמידי חכמים, פאַר זיינע טעכטער.

הירש ביסקער האָט חתונה געמאַכט זיין עלטערע טאָכטער ווי אַן אמת׳ער גביר, און צדקה האָט ער געטיילט פאַר דער חתונה און נאָך דער חתונה. דער איידעם איז געווען זייער אַ פיינער, פונקט ווי ער האָט זיך געווונטשן און ער האָט פאַר אים געגומען די אַרענדע אין דאָרף ראַקאָוויץ, וואָס האָט באַלאַנגט צום גובערנאַטאָר אין באַקו, ראַגאָף. דער גובערנאַטאָר האָט געהאַט נאָך אַ דאָרף מישקעוויץ, טאַקע נישט ווייט פון ראַקאָוויץ אין וועלכן עס איז געזעסן אַלס אַרענדאַר יודל מישקאָוויצער.

אָט דער יודל האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער מיט דעם נאָמען רחל. אין דאָרף איז געווען אַ רייכער קריסט, וואָס האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהייסן טימקא. דער דאָזיקער שגץ, האָט געוואָרפן אויגן אויף דער שיינער רחל און איז געוואָרן אַ גאַנצער בן בית ביי דעם יודל מישקאָוויצער.

דערווייל האָט מען שוין אין דאָרף אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז דער טימקא וועט נעמען די זשידאָווקאַ, רחל, פאַר אַ ווייב.

ער האָט אַפילו שוין געגעבן אָנצוהערן זיינע עלטערן, אָבער זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייט פון קאָפּ. אויך רחל׳ס עלטערן זענען נישט געווען צופרידן און עס איז אויסגעקומען דעם טימקא צו האַנדלען אָן רעכענונג. האָט ער איינמאָל ביינאַכט אָפּגערעדט מיט רחל׳ן זי זאָל אַוועק מיט אים און זי האָט מסכים געווען.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער פרי, ווען מען איז געוואויר געוואָרן, אַז רחל איז אַנטלאָפן מיטן שגץ טימקא, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן.

די עלטערן זענען געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַזוי ווי הירש ביסקער איז געווען זייערער אַ קרוב, זענען זיי אַוועק צו הירש ביסקער כאַפּ אַן עצה.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז רחל געפינט זיך ערגעץ אין אַ קלויסטער, ווו מען גרייט זי צום שמד.

עס האָט זיך געפונען אַ גוי, וואָס האָט איבערגעגעבן יידל׳ען, אַז זיין טאָכטער

געפינט זיך נישט ווייט אין אַ צווייטן דאָרף, ווו דער שגץ טימקאָ, באַהאַלט זי אויס.

הירש ביסקער האָט זיך געווענדעט צום ווישניוויצער פּריסטאַוו ער זאָל אים העלפן אויסזוכן די שיינע רחל, וואָס איז פאַרשוואונדן. ער האָט אָבער געוואָלט,

הירש ביסקער האָט זיך געווענדעט צום ווישנעוויצער פּריסטאַוו ער זאָל אים העלפן אויסזוכן די שיינע רחל, וואָס איז פאַרשווונדן. ער האָט אָבער געוואָלט, אַהיים צו איר'ע עלטערן. דאָס איז הירש ביסקערן נישט שווער אָנגעקומען, ווייל אומעטום האָט ער קיין געלט נישט געזשאַלעוועט.

עס האָט טאַקע לאַנג נישט גענומען און דער פּריסטאַוו איז אַוועק אין יענעם דאָרף ווו רחל האָט זיך אויסבאַהאַלטן און האָט זי געבראַכט קיין קרעמעניץ צום איספּראַווניק, וועלכער האָט זי איבערגעגעבן צו אירע עלטערן און מען האָט זי גלייך אַריבער'געפירט די גרענעץ, ווייל מען האָט זיך שוין געדעכט, אַז גלאַט וועט די זאַך נישט אָפּגיין, און די רעגירונג וועט קומען צו הילף די גלחים פון דעם קלויסטער, ווו מען האָט דאָס מיידל געוואָלט אָפּשמד'ן. און כך הוה, דער ווישנעוויצער גלח, וואָס איז געווען אַ שונא ישׂראל, האָט אָנגעשריבן אַ מסירה צום גובערנאַטאָר אין זשיטאָמיר, און יענער איז אַראָפּגעקומען קיין קרעמיניץ פאַר אַן אויספאָרשונג. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער איספּראַווניק פון קרעמיניץ איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט.

אויך דער פּריסטאַוו און אוראָדניק פון ווישנעוויץ האָט מען אַראָפּגעזעצט און באַשטימט אַנדערע און זיי אַלעמען אַרעסטירט ביז עס וועט זיין דער משפט איבער זיי.

אין דער זעלבער צייט האָט דער גלח גע'מסר'ט הירש ביסקווער'ס איידעם, אַז ער איז גאָר פון עסטרייך און אויך דער יודל איז פון עסטרייך, איז זייט נישט געבליבן קיין אַנדער וועג ווי אַריבערגיין די גר'ענעץ כדי נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי.

אויך הירש ביסקער האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען אָן אַ שטראָף און מען האָט אים דערווייל נישט ערלויבט צו זיין אין די 50 וויאָרסט פון גרענעץ און אַרויסגעשיקט קיין קונעב, אוסטרער אויעזד.

פון דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איז געוואָרן אַ תל און הירש ביסקער'ן האָט נאָך געדראָט אַ משפט אויך.

הירש ביסקער איז געוואָרן פאַרצווייפלט און געטראַכט ווי זיך אַרויסצודרייען אָן אַ שטראָף.

דערווייל איז די זאַך דערגאַנגען אַזוי ווייט ביז צום קיעווער גענעראַל גובערנאַטאָר טרענטל.

באַראָן כאָן פליאַטאַ איז געווען טרענטעל'ס אַ גוטער פריינד און עס פאַרשטייט זיך, אַז הירש ביסקער האָט געזוכט צו קריגן פון באַראָן אַ טובה, ער זאָל זיך איינשטעלן פאַר אים ביים גענעראַל גובערנאַטאָר טרענטעל.

ער האָט אים געגעבן אַ בריוו און געהייסן פאָרן קיין קיעוו צום גובערנאַטאָר.

הירש ביסקער איז אָפּגעפאָרן קיין קיעוו און אַוועק אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל גובערנאַטאָר, איבערגעגעבן דעם בריוו פון דעם באַראָן פאָן פליאַטאַ.

זיצנדיק אַזוי מיט אַ צעבראָכן האַרץ און וואַרטנדיק אַז דער שרייבער פון קאַנצעלאַריע זאָל אים אויפנעמען מיט זיין בקשה, הערט ער ווי דער שרייבער אין קאַנצענלאַריע רופט זיך אָפּ צו אים — גאַספּאָדין ביסקער, וואָס טוט איר דאָ? ער קוקט אויף דעם שרייבער און ווייסט נישט ווער ער איז.

כרעגט אים דער שרייבער:

— האָסט מיך נישט דערקענט?

געדענקסט ווען איך בין געווען שרייבער ביים פּריסטאַוו אין ווישנעוויץ און כאַרלוירן די שטעלע, האָסטו מיר געליען 25 רובל?

איצט זעט איר ווער איך בין? זאָג מיר, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהערצו?

ער האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו און דער שרייבער האָט אים איבער־געלייענט און געזאָגט צו הירש ביסקער׳ן:

— אָט, האָסטו מיין וויזיט־קאַרטל, קום צו מיר אַהיים נאָך מיטאָג.

הירש ביסקער איז געקומען צו אים אַהיים און דאָרטן האָט דער שרייבער דערציילט זיין פרוי ווער דער גאַסט איז, ווי אַזוי ער האָט אים געליען 25 רובל, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין שטעלע און אַפילו נישט פאַרלאַנגט קיין וועקסל.

מען האָט אים גאַנץ פיין אויפגענומען און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיין גוט, ער זאָל צוקומען אויפדערנאַכט וועט ער אים שוין באַזאָרגן מיט אַ פּאַפּיר, וואָס וועט אים אינגאַנצן באַפרייען. און כך הוה, ער האָט אַרויסגענומען דעם גאַנצן ענין מיט די פּאַפּירן פון גובערנאַטאָרס טיש — ער איז אינגאַנצן פריי געוואָרן פון משפט.

ער האָט זיך געזעגנט מיט דעם שרייבער און אים געוואָלט באַלוינען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען פון אים קיין געלט. און געזאָגט: מיט דיינע 25 רובל האָב איך דערגרייכט דעם גרויסן אַמט און אויב איך קאָן דיר איצט אָפּטאָן אַ טובה בין איך זייער צופרידן. פאָר אַהיים און גריס מיינע באַקאַנטע.

ער האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ בריוו צו דעם נייעם איספּראַווניק אין קרעמיניץ, אַז ער זאָל אים ערלויבן זיך צוריק אומקערן אין זיין דאָרף באָטין, צו זיינע מסחרים, וואָס זיינען די גאַנצע צייט אָנגעפירט געוואָרן דורך זיין איידעם טייטעלמאַן.

מיט אַ פריילעך האַרץ האָט זיך הירש ביסקער אומגעקערט אַהיים. דאָס געלט וואָס ער האָט מיטגענומען קיין קיעוו אויסצוקויפן, האָט ער צוריקגעבראַכט אַהיים, ער האָט אָבער דאָס גאַנצע געלט צעטיילט פאַר צדקה אין שטעטל ווישנעוויץ.

מענטשן
- טיפן

מ. אור (אוערבוך)

חנה מלכה

ווי אין אלע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין, אַזוי בײַ אונדז אין ווישניוויץ, האָט מען מיטגעלעבט די אַלע טיפּן פון מענטשן. יעדערער פון זיי אויף זײַן אייגנהאַרטיקן פון גרויזאַמלעכן כאַראַקטער. ווי פּרנסים, לומדים, בעלי-צדקה, גבירים מיוחסים, זומער מיט געוואָנטענע קאַפּאָטעס, ווינטער מיט טכוירענע טולע-פּעס, און אַמערסטן מיטלשטאַנד מיט שווערע פּעלצן און שאַפּענע פּעלצעלעך.

און נאָך אַ שיכט אין קאַרטענע מאַנטלען מיט וואָט געבעט, האַרעפּאַשנע אויסגעמאַטערטע, ענדיקן דעם טאָג מיט אָרעמקייט און נויט. בײַ דער נאַכט מיט שווערע חלומות וועגן קוועלן פאַר עגזיסטענץ און אויף מאָרגענס פאַרזעצן דעם טאָג פון גרויען לעבן צווישן הימל און ערד. נעבעכדיקע געשטאַלטן, אָן אַ זיכער-קייט און האָפענונג צום בעסערן. און צווישן זיי שוועבן ווי שטערן אין די וואָלקענס מיט גײַסטיקע פרומקייט. נישט פיל זענען די שטערן (זאָגאָר ווי שטאַרק זענען זיי בויטיק), און אײנער פון זיי: חנה מלכה.

חנה מלכה אַלט ווי אַ באָבע אַבער מיט אַ שמייכל פון אַ קינד. אין דער אָנ-געשטעקטער אַטמאָספערע פון גויאישע שפּענצער און סמאַלע פון ווייגענער אין מאָנטעגדיקן יריד — פילט זיך אַ ריח פון אַ זאַפטיקער בלום, וועלכע שטעקט דיך אָן מיט גלויבן פון שיינעם מענשלעכן גײַסט.

חנה מלכה, פאַרבײַגײענדיק גיט דיר כלומרשט אַ גלעט איבערן שטערן און וואַרעמט דאָס האַרץ ווי מיט אַ באַלזאַם, ווען פון ווייטענס וואַרפן איר אָנטקעגן הייסע פרײַנדלעכע דאַנקס־בליקן אַלטע באַקאַנטע, און די באַקאַנטע זענען מענטשן פון לייד און פּיין, וועלכע זוכן בײַ איר מוטערלעכע זאָרג צו דרינגענדע ווייכ-הערציקער שטיצע.

פאַראַן אַזאַך אויף דער וועלט, וואָס ווען ער בעוויזט זיך — ווערט דער מענטש רוהיק, זײַן נאָמען איז גוטסקייט. פון חנה מלכה׳ס שטערן וועלכער האָט געשטאַרצט פון קאָפּ באַדעקט מיט דער „טערקישער" פאַטשיילע, ווען זי איז געגאַנגען דערפילן איר אויפגאַבע — האָט געשפּראַצט סימבול פון גוטסקייט. איהר שאַרפער קוק האָט דורכגעדרינגען אין יעדן ווינקל פון נויט. מיט איידעלקייט און טיפן מיטגעפיל דערלאַנגט די הילף מיט זיידענע הענד, און איבערהויפּט — מתן בסתר.

די אַלטע באָבע, מיט גרינגע פיס ווי אַ הערש, וווהין לויפט זי? פעלט עמעצן אויף שבת. זי מאַכט ענערגיש און גאַנץ באַשיידן — גיכע הילף, אַ קראַנקן באַגנע-דיקט זי מיט בקור חולים, א לויה טיילט זי צו דעם חסד של אמת, און להבדיל „הכנסות כלה" — אָנגעטון די זיידענע פאַטשיילע געגאַן ווי מען דאַרף, אריינגע-

רוימט דעם סוד, זאָל חלילה די כלה נישט באַליידיקט ווערן, זאָל די משפחה נישט פאַרשעמט ווערן.

געבעטן, געמאַנט, געפאָדערט — זאָל מען זיך באַטייליקן אין דער גרויסער מצוה. מען מוז געבן, ווער מיט האָפענע הענד, ווער מיט די שפיץ פינגער, ווייל ווער ווייסט וואגן אָפּזאָגן און ביישטייען די פרוב ווען ס׳שטייט פאַר אים חנה מלכה, דער שליח פון געגענזייטיקע הילף.

מען גיט אפילו מיט אַ שווערן געמיט, מ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן מיט חנה מלכה׳ס אומצופרידענעם אָבער סימפּאַטישן בליק.

ס׳זענען פאַראַן נאָך ווייבער וועלכע מאַכן פאַר אָרעמע אויף שבת, פון זיי איינע פון כלי-קודש און א צווייטע סתם אַזוי זיך צו באַווייזן. טוען זייער שליחות מיטן גרויסן קויש אין האַנד מיט גרויס אימפּעט און „פּאַמפּע״ פון ערב שבת קודש, רופן אָן די נעמען פון די נעמערס, כדי צו מאַכן קוראַזש, זאָלצן און פּעפּערן זייערע באַשיידענע ביטן, (פון דעם אַ חלה און כ׳לעבן דעם צווייטן אַ מצוה — אַ שטיקל פיש), מיט רכילות אויף דער אָרעמער משפחה מיט נישט קיין סימפּאַטישע דעטאַלן, אַזוי אַז נישט איינמאָל ווערט זייער שליחות באַגלייט מיט באַליידיקונג פאַר די נויטלעכע, וועלכע זענען אויסער יעדער קריטיק אין אויגן פון די געבער.

נישט אַזוי חנה מלכה, ווייל אירע מעשים זענען באַגלייט מיט טיפן מענטשלעכן געפיל און טיף-הערציקן פרייוויליקן ווילן מיט איידעלן פאַרשלאַג צו העלפן די דערשלאָגענע.

טיף פאַרבאָרגן אונטערן שאָל טראָגט זי די מתנה מיט גרויס כבוד און דרך ארץ דעם ליידענדן.

געהערט אַליין פון אַ זיכערער קוועלע וועגן אַפאַל, ווען אין שטעטל איז ביי א אונטערגעבראָכענער פאמיליע, א מיידל צו צייט געקומען, און נאָר א דאַנק חנה מלכה״ס איניציאַטיוו ערלעדיקט די מצוה פון „הכנסות כלה״ אויף א גלענ-צענדן סודות-פולן אויפן.

אין יענע צייטן הונדערטער רובלען געשאַפן — צאַרישע רובלען, דאָס נאָר אַדאַנק איר צערטלעכן צוגאַנג געעפנט די הערצער פון די גרויסע מיוחסים. א גאַנצע פאַמיליע אויף די „פיס געשטעלט״, ווייל מיט דער צייט האָט דאָס יונגע פאָרל מיט גרויס גליק זיך דערשלאָגן צו גוטער עגזיסטענץ און דערגרייכט צוריק צום צושטאַנד פון די מיוחסים.

אייניקע פון די געבערס זענען געווען אייפערזיכטיק צו חנה מלכה׳ן, וואָס זענען בלויז געבערס, ווייל געבן איז דאָך בלויז א דריטל מצוה, אָבער חנה מלכה דערלאַנגט יעדן איינעם די רפואה צו דער מכה, ענדיקט די מיסיע ביזן סוף. פאַר איר איז דער לוין פולער. זי מאַנט, נעמט און גיט.

ווער ס׳האָט נישט געזען חנה מלכה׳ן קומען און אירע שליחות אין זיידענעם טיכל, האָט נישט געזען קיין פייערלעכע פּראָצעסיע פון אַלטע חן און וווּנדערלעכע טראַדיציע, וועלכע האָבן געצווונגען צו איר אָנערקענונג פון ליבּ מיט דרך ארץ.

אירע הענט פול מיט מצוות, אָן צווייפל געווען צו גלויבן, אַז זי פירט נישט קיין קאָנטאָ מיטן רבונו של עולם דווקא אויפן חשבון פון עולם הבא.

אַליין איז זי פון מיטלשטאנד געווען, אָבער פון איר שטערן האָט געשטראַלט א נגידישער געשטאַלט מיט באַשיידענעם חן פון א „מירלה אפרת", נישט אויף דער סצענע, נאָר ממש אין לעבן — מיטן לייב און לעבן.

מיט אַלע אירע פיבערן, וווּנדערבארער גייסט מיט א גוט האַרץ צו מעשים טובים, א לויטער געזיכט מיט שפארן פון צערטליכער שיינקייט, ווי געזאָגט: פון די גלאנצענדע שטערן אויף די וואָלקענס פון ווישניוויצער מאנאטענעם גרויען לעבן: חנה מלכה.

אלף

דריי דורות יחסנים

ביסטו געוועזן אַ ווישניוויצער, ווייסטו דאָך וואָס ס׳בעדייט „די משפּחה״. ס׳איז געוווג צוגעבן צום אויסדרוק „משפּחה״ דעם נאָמען פון דעם זיידן, האסטו געהאַט פאַר זיך אַ קייט פון דריי דורות: דעם זיידן אויף דעם „בעלעמער״, דעם פאָטער ביים שטענדער אין מזרח און דאָס אייניקל ביי דער זייט.

דער פאָטער האָט געהאנדלט מיט צעלניק אדער שניט־סחורה, און ווען מעגלעך — אַ תבואה הענדלער, אָדער גאָר געקויפט וועלדער צום האקן, געווען א פארמיטלער ביים פאַרקויפן מאַיאָנטקעס, געהאט זיך זיין פּריץ, ביי וועלכן ער איז געוועזן דער „הויף־באַנקיר״. געהאט פּריווילעגיעס, געקענט צוקומען, אַ דאַנק דעם פּריץ, צו קאָנצעסיעס, וואָס זענען געווען צוטריטלעך נאָר פאַר גוים: פאַרקויפן מאָנאָפּאָל אַרטיקלען אָדער נעמען אַרענדע.

דערצו אַ ייד מיט באָרד און פּיאות, און אפשר נאָך אין שבת אַ זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל, אָדער פאַרקערט, שוין „פּראָגרעסיוועד״ — מיט אַ גע־האַקטער קאַפּאָטע. שטאַרק פאַרנומען מיט געשעפטן און מיט קהילה זאַכן. א כל ולך ביי מלכות, וואו די טירן האָבן זיך געעפנט ברייט, געפּועלט אַ טובה אויך פאַר זיך, קודם כל פאַר זיך, אָבער אויך פאַרן כלל.

אין אַלע היסטאָרישע דראַמעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין שטעטל פון מאַכט צו מאַכט און פאַרשידענע איבערגאַנגען — געווען אַ נישט געקרוינטער אַדוואָקאַט פאַר די יידישע צרות, האָט זיך געכוואַסטעט דערמיט, וואָס יידן האָבן אים ליב. גבאים זענען געוועזן סאַרווערס אויף זיינע שמחות. ר׳ פלוני אַהער, ר׳ פלוני אהין — ממש אַ לעגענדע. אַזוי האָט ער אליין וועגן זיך דער־ציילט. א יחסן, א גרויסער למדן, אַ הייסער חסיד, ווען ער איז אַ קינד — דריי יאָר אַלט געווען, געזעסן אויף די קני פון טרוסקער רבין ע״ה. אַן איינגעקויפּטער איידעם ביי דעם פון דער גרויסער געביידע. און דאצו מיט אייגענע כוחות אַליין זיך דערשלאָגן צו נגידות און חכמה און גליק.

ווען דער רב פון שטעטל גייט צו אים באַזוכן אין שטוב, גייט אַ פּראָצעסיע: דער שמש צוויי טריט פון הינטן, און ער אַליין, דער רב, דער מאַיעסטעט מיט דער חסידישער זיידן־קאָלירטער קאַפּאָטע, ווייסע שקאַרפּעטן און שוואַרצע לאַקירטע שיך, גייט זיך מעשה פּאַטריאַרך מיט דער שיינער רעפּרעזענטאַטיווער לאַנגער באָרד פון פּאָרנט, ווי מיט אַ גרויסער פאַרביקער פאָן — און אַלעס זאָגט: דרך־ארץ!

דער רב גייט צום „פּרעזעס״, צום בעל הבית פון שטעטל, וועלכער וווינט אין דער גרויסער מויער מיט דעם ברייטן טויער. און דער „באַלעבאָס איז דאָך נישט געוועזן קיין באַראָן גינצבורג אָדער אַנשל רוטשילד, אויך נישט געהאַט קיין היתר־הוראה. אָבער וואס ער האָט זיך געהאט זיינע מעלות געווען אַן

אָרנטלעכער, גרינדלעך אָרנטלעכער מאַן, און אַ מתמיד אין קהל זאַכן. ערלעכקייט, פּינקטלעכקייט, געוויסן אין געשעפט און אין קהל. אַ שול גייער. כל ימיו באַקומען פּתיחה אָדער נעילה ביים ארון הקודש. יום כפור צו נעילה געשטאַנען אַ פאַסטנדיקער, אַ בלייכער, אָבער אַ שטאַרקער כאַראַקטער, שטייט ער ווי אַ כאָרשטייער פון קהל, נישט נאָר ביים פריץ, מכלומרשט אויך פאַר גאָט. פּראָגרעסיוו געשטימט, אָבער אין תוך אַריין אַ ירא־שמים.

✶

צו קבלת־שבת שפּאַנט אַ „באַלעבאָס" מיט אַלע זין אין שוהל אַריין, ווי אַ גענעראַל מיט דער משפחה־בריגאַדע צו עבודת הבורא. אַ גאַנצע וואָך צו לייט, און שבת מיט דער נשמה יתרה צו גאָט. ווייבער זענען נאָך ליכט בענטשן געשטאַנען ביים פענסטער און נאָכגעקוקט מיט שבת־פרייד, ווי דער „באַלעבאָס" געהט צום דאַווענען מיט די פינף זין, אַ קאַמאַנדע, אַ שרענגע, אַ שעהנע פּאַנאַראַמע. איז די נאָכקוקערן אַן אַלמנה און דערצו באַשטראָפט פון גאָט אָן זין, איז זי מקנא, און רעדט אָפּ איר ביטער האַרץ:

דער רבונו של עולם האָט אים געשענקט מיט מעהר ווי אַ מזומן צום בענטשן, און נאָך 120, וועלן אים באַגלייטן אויפן עולם האמת, פיר וועלן אים טראָגן אויף אייגענע הענט, און דער פינפטער צום פאַרבייטן גלייך אין גן־עדן. פינף קדושים. האָסטו געהערט! אַ גרויס זכות אין הימל. גאָטעניו, בין איך דאָס נישט ווערט, זאָלן מיינע טעכטער זוכה זיין דערצו און זיין געבענטשט מיט אַזאַ גורל.

און אַז די טיר אין שול האָט זיך געעפנט, נישט געוויינלעך ווי פאַר יעדן איינעם, נאָר צעפראַלעט ברייט, האָט מען שוין געוואוסט אַז ס'געהט די פּאַראַדע.

✶

געקומען צייטן פון פּראָגרעסיוון פאָרשריט, ס'האָבן געבלאָזן נייע ווינטן, ביי די פינף גראַנאַדירן האָבן געעגבערט אין מוח גאַנץ נייע מחשבות, געגאַנגען אין שול נישט אַזוי צו גאָט ווי פאַר לייט, כבוד אב! און צווישן זיי צוויי מיט דעם אוניפאָרם, מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, מען לערנט וועלטלעכע זאַכן. און טאַקע די רוסישע שפּראַך — „געעפנט אַ פענצטער קיין אייראָפּע". ווער מיר רש"י, רמב"ם, אורח חיים, ספרי־קודש. אָנגעזאַפּט אין אָדעס די נייע קולטור. איינער, ספּעציעל מיט זיינע אויגן ביאַליקן געזען, מיט זיינע אוירן אַליין דעם חזן סירוטן געהערט. ס'שווינדלט אין די אויגן, נישט אַהער נישט אַהין, אַ צעריסענע נשמה — יענעם גאָט פאַרלוירן און קיין נייעם נישט דערגרייכט. נישט נאָר שיר השירים, נאָר אויך פּושקין, לערמאָנטאָוו, נאַדסאַן, טורגעניעוו און טאָלסטאָי. דאָך דרך־ארץ פאַרן טאַטן, דער חשוב'ער „באַלעבאָס", אַ ייד אַ סוחר, קומט אַרויס פון וואַזשנע יידן מיט לייב און לעבן, וואָס האָבן געגעבן ספרי תורה אין די שולן. און אַלע מיינע בייזע חלומות אויף די קעפּ, וואָס האָבן אויסגעטראַכט אַז די קינדער פאַראַטן די עלטערן.

טאַנצט די קדושה מיט אַלע דאַווענער, טאַקע אויף איין פוס, שטייט די שמונה־

עשרה מיט אָפענע אויגן, נוצט אויס די געלעגנהייט, וואָס דער טאַטע שטייט מיטן פּנים צו מזרח, מאַכט אַ פּאַלבאַן, טראַכט וועגן דברי־חול און ענדיקט צוזאַמען מיט אַלע דאַוונער. אַזוי אַרום באַצאָלט דעם שטייער, אַ טובה געטאָן דעם טאַטן. אַ קלייניקייט פּלוני׳ס זון, און פּלוני איז דער וועלכער פון טיפן האַרץ און מיט אָפענע הענט שאַפט זיך הונדערטער רובלען פאַר גמילות חסדים. באַלד, נאָך דער מלווה־מלכה, וועט ער רופן דאָס „שליסעלע״ — חיים־הערשן, לייען געלט אויף פּראָצענט, אַבי צומאָרגנס, ווען ס׳קומען די האָרעפּאַשנע פון שול אָדער באָד־גאַס, וועלכע לעבן פון מאָנטיקדיקן יריד, זאָל ער זיי באַגנעדיקן מיט אַ ג״ח. און איז דער יריד אַ פלאַכערער, ס׳שווער אומקערן דעם ג״ח, זאָרגט נישט, מען וועט אייך נישט באַליידיקן, דער „באַלעבאָס״ וועט אייך טרייסטן, נישט קיין אומגליק, אפשר די צווייטע וואָך, וועט דער יריד זיין אַ געראָטענער, דערלייגט אַנטשל ראָטשילד פון ווישניוויץ נאָך אַ פינף און צוואַנציקער, און איז גרייט צו וואַרטן אויף „כשירחיב״, און באַקומען ביידע ג״ח צוזאַמען. ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל, און ווי געזאָגט אין פּרקי אבות: די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן, און איינע פון זיי גמילות חסדים.

און אַז עס איז געקומען די צייט ווען דער ציוניזם האָט געשפּרייט פליגלען, איז געקומען די רייע פון דער דריטער רינג אין קייט — פון דעם אייניקל — דער דריטער דור. ס׳איז געקומען אַ נייער שטורעם, וועלכער האָט דערפילט דעם האָריזאָנט מיט שטרעבונג צו אַ נייער עפּאָכע פון גלויבן, אינהאַלט, און דאָס לעבן האָט געקריגן געשמאַק און ביי געשמאַק. אַלעס און אַלע אין באַוועגונג. שיכטן זענען אויפגעשטאַנען פון לעטאַרגישן שלאָף, פון גרויען קליינשטעטלדיקן לעבן און אַוועק זוכן דאָס באַגערטע.

די קייט אין ווישנאָוויץ האָט זיך איבערגעריסן.

ווי איז דאָס געשען? געוואַלד!

נאָר דער חלוצישער גייסט איז געווען בכוח מאַכן די איבערעקערעניש, מיט־געריסן מיט ריזיגע קראַפט יונגן טעמפּעראַמענט און שטאַרקן ווילן אויפן וועג צו אַ נייעם לעבן, מיט נייעם אינהאַלט און נייע וויכטיקייטס באַגריפן.

מ. אורבוך

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווערס אייניקלעך פֿון ווישניעוויץ

אַ שבת אַזעלכער איז געווען ביי אונז אין ווישניעוויץ, אַ שבת דערבאַרימדיקער׳ס, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווערס אייניקלעך. די „אייניקלעך״ האָט מען זיי גערופֿן. דריי זענען זיי געווען: ר׳ מאָטיע, ר׳ ישראל און ר׳ משה. ווי צווייגן פֿון איין בוים געוואַקסן, צו דעמזעלבן שטאַם געהערט, צאצאים פֿון ר׳ לוי יצחק זצ״ל. אָבער יעדערער, לויט זיינע אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן, אַ באַזונדער טיפּ געווען און אַלע צוזאַמען די גרענאַדירן אין ר׳ איציס שול מיט דעם פֿאַמיליען נאָמען דערמאַרימדיקער, שליחי צבור פֿאַרן אויבערשטן אין נאָמען פֿון כלל ישראל. און יעדער באַזונדער:

ר׳ מאָטיע, זיין שטיין־פּלאַץ אין שול, זומער — האַרט ביי דער טיר, נאָענט צום פּאָליש. ווינטער — זיין זיץ־פּלאַץ אונטער דעם אויוון, אָפּגעזונדערט פֿירט ער דיסקרעט זיין דיאַלאָג מיטן רבונו של עולם מיט ענטשפּרעכנדן סטיל פֿון „ממעקים קראתיך״, מיט תפילה דכה און תפילה זכה. אויסער וואָס דעם „שמע־ישראל״ און „שמע קולנו״ שרייט ער אויס האַרצרייסנד מיט הויכן אַקצענט און איז ממש אויסער זיך.

ר׳ ישראל, דער צווייטער אין דער ריי, שטייט אין מיטן שול, נאָענט צום בעלעמער, מיט שטילער רואיקער שטימע, אָבער טיפֿן אינערליכן עקסטאַז, ווענדט אָן אַלע מיטלען פֿון אַ סאָלידן אַדוואָקאַט, מיט גוטן געמיט אויספּועל׳ן אַלעס גוטעס פֿאַר׳ן צבור און כלל ישראל. זיין פּאָזע, מיט דער רעכטער האַנט ביים אויער, מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, די לינקע האַנט אויסגעשטרעקט צום הימל. ער מאָנט, ער איז זיכער ער וועט דערגרייכן, און די האַנט וועט זיך אומקערן מיט פֿולן.

ר׳ משה, דער דריטער, אַ ייד פֿון העכערן וווקס, אַ רעפּרעזענטאַטיווער, שטייט ביי דעם מזרח, נאָענט צום עמוד און ארון קודש. אַ ייד אַ בר־אורין, דאַוונט מיט אַ וואַרעם האַרץ, שטרענגט אָן די כונה צו דער העכסטער מדרגה געניי לויטן טייטש פֿון די ווערטער: זיין „אנא הושיעה נא״ איז באַגלייט מיט אַרגומענטאַציע, מיט זיכערקייט, צומאָל, אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום רבונו של עולם, שטורעמט, מאָנט און פֿאָדערט די ישועה שלמה. צווישן אַנדערע תפילות, זאָגט ער דעם „לכו נרננה״ צו קבלת שבת און די „קדושה״ מיט רעספּעקט אין הויכן אינטערמעצו, מוז זיי ווערן אָן ספק שפּאַלטן דעם הימל און זיין געבעט וועט אָנגענומען ווערן ביים כסא הכבוד. ס׳איז נישט צו צווייפֿלען אַז ר׳ משה׳ס גערעכטע פֿאָדערונגען וועלן געלונגען, וועט מען דאָך אויך לייגן אַכט אויף דער פּראָטעקציע פֿון ר׳ לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו. יאָ, ער איז זיכער אין זיין שליחות.

ווי מיר זעען, האָט יעדער באַזונדער פֿון די אייניקלעך געטאָן עפּעס אויף

זיין שטעל, און אַלע צוזאַמען זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ווי געטרייע פּאַר־שטייער פאַרן כלל מיט אינטענסיווע זויבערע תחינות.

אַ באַזונדערע סימפּאַטיע האָבן מיר געהאַט צו ר׳ משה׳ן. ער איז פאַר אונז פּאָפּולער, ווייל ער האָט מקיים געווען מצוות שיבת ציון. הערט ווי אַזוי.

דאָס איז געווען אין יענער צייט באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלעראַציע ווען אונזער שטאָט איז באַהויכט געוואָרן מיט באַגייסטערונג פאַר ארץ ישראל. דאַן איז אויך ר׳ משה׳ס זון, שלמה זלמן, נאָך אַ יונג בחור׳ל, אַנגעשטעקט געוואָרן פון דער צאַפּלדיקער ציוניסטישער באַוועגונג. ר׳ משה האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט איינשטימען און ערלויבן שלמה זלמנ׳ס עליה. ווי קען ער דאָס דולדן ווען דריי מאָל אין טאָג האָט ער צוגעזאָגט וואַרטן אויף דעם „תקע בשופר גדול לחרותנו״, ווי מעג מען זיך ערלויבן ווידערשפּעניקן דעם צוזאָג פון רבונו של עולם און כאַפּ־לאַפּ זיין אין דער ריי פון די מאָדערנע חלוצים. סטייטש? ניין, עס וועט נישט געשען. ר׳ לוי יצחק׳ס אייניקל האָט געדולד און וועט וואַרטן אויף דער ריכטיקער וויזע און צו דער באַשערטער צייט בסיעתא דשמיא.

שלמה זלמנ׳ען האָט אָבער געעגבערט אָן אויפהער דער געדאַנק פון עליה קיי׳ן ארץ ישראל. ער האָט זיך געאַמפּערט, דיסקוטירט, געוואָלט איבערצייגן, אַזוי ווייט ביז ר׳ משה האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז ס׳איז נישט קיין דבוק, רחמנא ליצלן, ס׳איז פּשוט אַ לעבנספראַגע ביי שלמה׳ן, מעגלעך אַ ווונק מן השמים און זיין קעגנערשאַפט איז נישט גלאַטיק און קאָן ברענגען צו מרד־אבות. ער האָט דאָך איינגעקנעלט זיין זון דריי מאָל אין טאָג דעם „ותחזינה עינינו בשובך לציון״ נישט סתם געזאָגט, נאָר געשטאַנען פול מיט יראת הכבוד מיטן פּנים צום מזרח און געבענדיקט מיטן „וכשנים קדמניות״, און מעגלעך זיך דרעמאָנט אין שיבת ציון פון גולי בבל אין דער צייט פון עזריה און נחמיה.*

ר׳ משה האָט זיך אונטערגעגעבן מיט דעם באַדינג שלמה זלמן זאָל געבן תקיעת־כף, אַז ער וועט אין אַלע צייטן, ביי אַלע באַדינגונגען, אין אַלע אומ־שטענדן שטרענג אָפּהיטן דאָס דאַווענען און לייגן תפילין.

שלמה זלמן האָט אָנגענומען דעם באַדינג און מיט זיין עליה געוואָרן דער פּיאָנער פון די דערבאַרימדיקערס, זייענדיק אויך פון די ערשטע ווישניוויצער עולים. געבראַכט דערצו, אַז מיט דער צייט האָט די מטופּלדיקע פאַמיליע משה דערבאַרימדיקער׳ס עולה געווען גלייך קיין ירושלים.

מיט דער צייט זענען ר׳ מאָטיעס און ר׳ ישראל׳ס טעכטער עולה געווען און כון די צווייגן פון די ווישניוויצער אייניקלעך איז זיך צעוואַקסן בענייעס אין ישראל דער שבט פון די דערבאַרימדיקערס — אין ירושלים, תל־אביב, רחובות און רמת־גן.

אַ פאַרצווייגטער פרוכטבאַרער שבט — כה לחי!

---

* פאַרן בית שני.

חיים באַראַל

הערש ביסקער ז״ל

(אַ בילד פון אַ ווישניוויצער באַליבטן פילאַנטראָפּ)

יעדע שטאָט און שטעטל אין אַלטן רוסלאַנד האָט געהאַט אירע גבירים, בעלי הבתים, און אַ ריי אָרעמע־לייט. אונזער שיינע שטאָט ווישניוויץ איז געווען ווי אַלע איבעריקע שטעט. נאָר צווישן די גבירים איז געווען איינער, וועלכער איז געווען באַרימט און באַליבט ביי אַלע אין ווישניוויץ פאַר זיין ברייט־האַרציקייט און פאַר זיין געבן צדקה מיט אַן אָפענער האַנט. זיין נאָמען איז געווען הערש ביסקער.

הערש ביסקער איז געבוירן געוואָרן אין האסטרא, זיין פאָטער אברהם ביסקער איז אויך געווען באַרימט פאַר זיינע וואויל־טעטיקייטן. הערש ביסקער האָט חתונה געהאַט קיין ווישניביץ מיט מלכה, אַ טאָכטער פון אריה גרינבאַרג. הערש איז געווען שיין און הויך געוואַקסן מיט אַ הדרת הפנים. זיינע וואוילטעטיקייטן האָבן האַרמאָנירט מיט זיין פיזאָנאָמיע אויסערלעך און אינערלעך. דער מענטש האָט אויף זיין פנים דערמאָנט אין משה רבנו און אַ האַרץ האָט ער געהאַט פון אברהם אבינו.

זיינע געשעפטן זיינען געווען פּאָלוואַריקס, וועלדער און מילן. זיין גרעסטער פּאָלוואַריק איז געווען אין דאָרף באָטען. אין פאַרשידענע צייטן האָט ער אויך געהאַט פּאָלוואַריקס אין זוויניאַטש, קריוועטשיק, ליז, מאַריאַנאָוקע און די ווידימקע. געוואוינט האָט ער לעבן דעם קרעמעניצער באַרג פון דער רעכטער זייט. הערש און מלכה ביסקער האָבן געהאַט צוויי זין, שלמה און אברהמ׳קע און זעקס טעכ־טער, רחל, שפרינצע,ביילע, גיטל, בלומע און לאה. בלומע טאָפּאַראָף, איר זון ראובן און איר טאָכטער אסתר זיינען מעמבערס פון אונזער סאָסייטי. אברהמ׳קע וואוינט אין בראַזיל.

הערש ביסקער האָט אין זינען געהאַט אַלע אָרעמע און קראַנקע. די קראַנקע האָט ער באַזאָרגט מיט אַ דאָקטער און מעדיצין, און ער פלעגט אַליין גיין באַזוכן די קראַנקע. די אָרעמע פלעגט ער שיקן פון דאָרף האָלץ, און זיי געבן קוויטלעך פאַר מעל פון זיין מיל. ערב פסח פלעגט ער אַריינשיקן אין שול־הויף אַ טראַנס־פּאָרט עסנוואַרג וואָס מען דאַרף פאַר פסח און עס איז צוטיילט געוואָרן צו די אָרעמע־לייט.

זיין פאַרוואַלטער פון דער מיל האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער גיט אַרויס צופיל קוויטלעך פאַר מעל. האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף אים, עס איז נישט דיין עסק, האָט ער אים געענטפערט, ווען עס קומט אַ קוויטל זאָלסטו געבן מעל. זיין פרוי מלכה וועלכע איז אויך געווען אַ גוט האַרציקע, האָט אים אַמאָל געזאָגט — הערש, מען דאַרף געבן צדקה נאָר מיט אַ מאָס, פאַרגעס נישט אַז מיר האָבן

אַכט קינדער. האָט ער זי אַרויסגערופן אין דרויסן און איר געזאָגט — דו זעסט דעם קוימען? אָנצייגנדיק אויף דעם קוימען פון הקדש, אַז מען גיט נישט קיין צדקה ליגט מען אונטער דעם קוימען.

שבת, אַז ער פלעגט גיין פון בית מדרש, האָט ער אַלע מאָל געהאַט מיט זיך אַן אורח און אויב עס זיינען איבערגעבליבן אורחים האָט ער זיי אַריינגעשיקט צו ניסל שענקער אויף זיין חשבון.

הערש ביסקער איז געווען אַ דעמאָקראַט אין פולן זינען פון וואָרט. אַז ער פלעגט העלפן אַן אָרעמע מיידל חתונה מאַכן, האָט ער אויך געשיקט זיינע טעכ־טער אויף דער חתונה און האָט זיי אָנגעפילט די טייסטערלעך מיט געלט און זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן באַצאָלן פאַר אַלע טענץ און זאָלן אויך טאַנצן מיט אַלעמען, און אָפטמאָל איז ער אַליין געקומען משמח זיין די אָרעמע מחותנים. הערש האָט געקענט גוט טאַנצן.

זיינע אייגענע קינדער האָט ער חתונה געמאַכט כיד המלך. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דיווישניוויצער קלעזמער, נאָר ער האָט אויך געבראַכט די קרעמע־ניצער קלעזמער מיט דעם באַרימטן שפּילער אהרון שלמה, און ביידע קאַפּעליעס האָבן געשפּילט. אָבער דעם גרעסטן טייל פאַרגעניגן האָט ער געהאַט פון דעם אָרעם־מאָלצייט וואָס ער האָט געפּראַוועט פאַר די אָרעמע אין שטאָט. די סעודה איז געווען צוגעגרייט מיט דער ברייטער האַנט. ער האָט געבראַכט די קלעזמער און געטאַנצט מי טדי אָרעמע מענטשן און אויך אויסגעטיילט נדבות.

הערש ביסקער האָט אויך געגעבן צו אָרימע גוים און דערפאַר איז ער געווען אָנגענומען ביי נאַטשאַלסטווע. ווען עס האָט געטראָפן עפּעס אַ צרה, איז מען געלאָפן צו הערש ביסקער, און ער פלעגט אויך גיין און זיך זען מיט ווען מען האָט באַדאַרפט — און ער האָט אַ סך מאָל טאַקע געהאָלפן.

איין מאָל האָט געטראָפן אַן אומגליק צו אידעל פון מישקעוויץ, זיינע אַ מיידל האָט זיך פאַרליבט אין אַ שגץ, און דער שגץ האָט זי אַוועקגעפירט צום גלח אין קלויסטער זי צו שמד'ן. נו, ווו לויפט מען? צו הערש ביסקער. האָט הערש ביסקער אָנגעטאָן די קאַפּאָטע און גענומען דעם שטעקן און איז אַוועק צום פּריסטאַוו און אים געבעטן אז ער זאָל זען מען זאָל די מיידל אַרויסנעמען פון קלויסטער, און מען האָט דאָס מיידל אַרויסגענומען פון קלויסטער און זי געראַטעוועט פון שמד, אָבער דער פּריסטאַוו האָט דערפאַר באַקומען טורמע און הערש בריסקער האָט דערפאַר אויסגעהאלטן דעם פּריסטאַווס פאַמיליע.

קריגט אַ וויסעלקע און ווינט אַ יאָר אין קוניעוו

דערפאַר וואָס ער האָט געוווינט אין דאָרף באָטען, ווו אַ איד האָט ניט געטאָרט, אָן ספּעציעלע רעכט וווינען, קריגט ער אַ וויסעלקע פּופּציק וויאָרסט פון דער גרענעץ און באַזעצט זיך אין קוניעוו פאַר בלויז איין יאָר.

צוליב דעם רעספּעקט, וואָס די הויכע נאטשאלסטווא האָט געהאַט פאַר אים,

האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר אים און דער וויצע־גובערנאַטאָר מאַכט בטל די וויסעלקע און ער קומט צוריק קיין ווישניוויץ און פאַרנעמט זיך מיט די זעלבע געשעפטן, אָבער אויף אַן אַנדער נאָמען פון יאסקע טערמען, אַ זייער הערלעכער קריסט פון דער אלטער שטאָט.

הערש ביסקער האָט אָפּגעלעבט אַ רייכן און גייסט־רייכן לעבן. ער איז געווען באַליבט בא דער גאַנצער שטאָט. ווען ער איז געשטאָרבן מאָנטיק דעם 9־טן יאַנואַר 1905 (ג׳ שבט תרס״ה), האָט די גאנצע שטאָט געטרויערט נאָך אים. צו זיין לויה האָט מען פאַרמאַכט אַלע קלייטן און די גאנצע שטאָט איז געקומען אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו.

יואל עקיבא זוסמן

אברהם יהודה כץ

(אויסצוג פון אַ צייטונג, ווישניוויץ, 12.3.26)

פרייטאג דעם 12־טן מאַרץ 1926 יאָר איז פון ווישניוויץ אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אַ באַשטענדיקער היגער איינוווינער און כלל־טוער, הער אברהם־יהודה כץ, איינער פון די בעסטע און שענסטע פערזענלעכקייטן, וועלכע ס'האָט גע־קענט אַרויסגעבן אונדזער שטאָט, איינער פון די פאַרנעמסטע, באַגאַבסטע מענטשן, וואָס פאַרקערן תמיד ערפאָלגרייך צווישן אַלע ספערן און קיין איין אינסטיטוציע, פאַרוואַלטונג, קלוב אָדער אַנשטאַלט האט נישט אויסגעמיטן זיין פעהיקע, געשיקטע אנטיילנעמען אָדער מיטארבעט. איינער פון די געציילטע וואָס שטייען תמיד אויף דער וואַך פון אַלע אָן אויסנאם שטאָטישע אינטערעסן.

אין 1917, ווי נאר ס'יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאניזירן, לעבט א. י. כץ אויף. ער ווערט דער טאָן־געבער אויף יעדער באַראַטונג און אויף יעדן מיטינג.

ער פירט אָן מיט קאָמיטעטן, ער ליעבט די סצענע, ער איז תמיד דער איינ־אָרדענער פון יעדער פאָרשטעלונג און טרעט אַליין אַרויס אַלס שוישפילער. ער גרינדעט שולן, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן. ער זוכט אַרבעט, ער שאַפט, ער גאַרט נאָך אַנטוויקלונג.

עס פאַרשאַרפן זיך די קלאַסן־קאַמפן, עס צעפלאַקערן זיך די פּאַרטייאישע אַרומרייסעניש. ווערט ער מעסיק און פאַרשטייט ווי איינצושטילן די געמיטער. ער ברענגט צו אַ פאַרשטענדעניש און יעדער בלייבט אים געהאָרכזאם.

עס ווערט אַ בירגער־קריג אין לאנד. עס הערשן איבערקערענישן. ס'דראָט דער שטאָט אַ פאַרניכטונג דורך פאַרשידענע פּאַרטיזאַנישע חיילות. מען לייגט אַרויף קאָנטריבוציעס, פּראָוויאנט־פאָדערונגען. עס ווערט אַ מאַנגל אין די קלענערע באַנקנאָטן, וועלכע ס'האָט אין פיל ערטער גורם געווען צו שרעקלעכע פּאָגראָמען — לויט דעם מוסטערהאפטן אופן ווערט אַלץ שנעל ערליידיקט:

כץ, צוזאַמען מיט אַנדערע, גרינדעט אַ קאָמיטעט, אַ זעלבסט־שוץ, וואָס ווייסט אויך ווי אַלע באַנדעס צו באַפרידיקן, וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי מיט זיי זיך נוהג צו זיין און שאַפט פאַר זיך אַזאַ מין רעפּוטאַציע, אַז אין אַלע שטאַבן באַוואונדערט מען דורכאויס זיין אַרבעט און באַקומען ביסלעכווייז דרך־ארץ פאַר דעם קאָמיטעט.

א. י. כץ איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער געמיינדע, גרינדער פון ביבליאָטעקן, פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיטאַרבעטער פון קרן־קימת און קרן־היסוד קאָמיסיעס און זייער אַ שטענדיקער תורם, גרינדער

און מיטגליד פון היגן א״י־אַמט, גרינדער און פּאָרזיצער פון תרבות, גרינדער און וויצע־פּרעזעס פון היגן סוחרים־פאַראיין, ראטמאן פון דער היגער קריסטלעכער געמיינדע, מיטגליד אין קר׳עמעניצער סיימיק־פּאָוויאטאָווי, פון סאניטארע־היגיענישע קאָמיסיעס, מיטגליד אין אַלערליי היגע ווילטעטיקע אַנשטאַלטן. אַ הערלעכער געניטער סוחר, אַ אינטעליגענטער מענטש, פול מיט אַלגעמיינעם וויסן, געקענט 4—5 שפּר׳אַכן. אַ האַנדווערקער, וואָס קען אויסגעצייכנט 3—4 איידעלע פאַכן, ווי מאָלעריי, טישלעריי, גלייזעריי און נאָך און נאָך אַזעלכע ידיעות.

ער איז אויך געווען געליבט דור׳ך דער גאנצער קריסטלעכער באַפעלקערונג און געאכטעט דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט.

עטלעכע טעג פאַר זיין אָפּפאָרן, האָט ער באַקומען צוגעשיקט פון סטאַראָסטע אין קר׳עמעניץ אַ געזעגענונגס־בריוו, וועלכער קען גיכער אָנגערופן ווערן אַ „פּאָכוואַלני ליסט״, אַ מין אַטעסטאציע, וואָס שילדערט מיט שיינע פאַרבן און באַדאַנקט דעם ה׳ כץ פאַר זיין געטרייער, ערלעכער, לאָיאַלער מיטאַרעבט אין סיימיק פּאָוויאטאָווי, פאַר זיינע גרויסע נוצן, וואָס ער האָט תמיד מיטגעבראַכט צו דער אנטוויקלונג פון פּאָוויאט אין יעדער צייט, אין יעדער הינזיכט.

דעם 11־טן מאַרץ ה.י. איז אין היגן קלוב פאַר באַאַמטע פאָרגעקומען אַ געזעגענונגס־אָוונט פון ה׳ כץ, מיט פיל קריסטלעכע באַקאַנטע.

עס זענען געקומען זייער חשובע געסט — די גאַנצע אינטעליגענץ, אַלערליי באַאַמטע, לערערשאַפט פון מלוכה־שולן, דער דירעקטאָר פון „סיימיקאָווא שקאָלא ר׳זשעמעשלניטשא פּרזשעימלאָווא״ אין ווישניוויץ, די קאָמענדאטור פון דער היגער פּאָליציי, אַריסטאָקראטיע, אַלע באַאַמטע און פּרעזידיום פון דער היגער קריסטלעכער געמיינדע, וואָס נעמט אַרום די שטאָט און 27 דערפער און אַלע אַנדערע פון זיינע באַשטענדיקע גוטע פריינד.

ס׳איז אים דאָ צוגעטראָגן געוואָרן שיינע שעצבאַרע חפצים — פּרעזענטן צום אָנדענק: אַ שווערע זילבערנע טאַבאַקס־דאָזע מיט מאָנאָגראַמען פון דער גמינע, שיינע אַלבאָמען מיט אַדרעסן, פיל פאָטאָגראַפיעס מיט אויפשריפטן. מ׳האָט געהאַלטן רעדעס אין הויכע טאָעסטן, באַלויכטנדיק דורכאויס זיין פיינקייט, אַנאַליזירנדיק זיין גרויסאַרטיקן כאַראַקטער און וואַרפנדיק אַן איבערבליק אויף זיין־לאַנג־יאָר׳יגער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַר דעם נוצן פון יעדן אָן אויסנאַם.

בעת דעם געזעגענען זיך, וואָס איז פאָרגעקומען ערשט שפּעט ביינאַכט האָט זיך יעדער מיט אים געקושט, וואַרעם געדריקט די הענט, געאַרעמט באַגלייט אַהיים.

אַן ענלעכע פּראָצעדור איז פאָרגעקומען די גאַנצע וואָך ערב זיין אָפּפאָרן: פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיך יעדן טאָג געצויגן גאַנצע רייען ווישניוויצער איינוווינער, יונג און אַלט, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, מיט אים זיך צו געזעגענען.

מיטוואָך דעם 10־טן מערץ ה.י. האָט דאָס היגע ציוניסטישע יונגוואַרג איינ־געאָרדנט אַ גראַנדיעזן באַנקעט לכבוד ה׳ כץ אין האָטעל „בריליאַנט״.

די טאָעסטן פון חברים, ווינשערייען, לחיים־טרונקן, לאַנגע לויב־רעדעס און פאַרוויילונגען, דעקלאַמאַציעס, געזאַנג און וויצלערייען, די ענטפער־רעדעס פון ה׳ כץ און זיין פאַמיליע האָט פאַרנומען שעהן לאַנג ביז שפּעט ביינאַכט, און ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס פריינדלעכע אונטערהאַלטן זיך וואָלט נאָך געווען געדויערט ווען נישט דער פלוצלעכער אַלאַרם אַז עס ברענט די שטוב פון איינעם ישראל פייער אין אַן ענג־פאַרבויעטן צענטער אין שטאָט.

הגם די שרפה האָט מען באַלד לאָקאַליזירט, — דאָך האָט עס שוין געשטערט אַביסל, דער איבערגעשראָקענער עולם איז זיך איינציקווייז פונאַנדערגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דאָס געזעגענען אויף דעם לעצטן טאָג.

פרייטאָג דעם 12־טן מאַרץ האָט זיך באַמערקט אויף פּאָטשטאָווי גאַס אין ווישניוויץ אַ שטאַרקע באַוועגונג פון גאַנץ פרי אָן.

די גאַס איז ווי מיט אַמאָל פאַרפלייצט געוואָרן מיט מענטשן, וואָס זענען זיך געקומען געזעגענען און אַרויסבאַגלייטן דעם ה׳ כץ פון שטאָט, כאָטש אייניקע קילאָמעטער, נישט קוקנדיק אויף דעם וויכטיקן און האַסטיק בלאָזנדיקן שניי וואָס האָט די גאַנצע צייט שפריציק דאָ געשיט.

אין ענג־געפאַקטע גרויסע גרופּן זענען זיי געשטאַנען אין שטוב און אין דרויסן, לעבהאַפטיק שמועסנדיק און איבערדערציילנדיק אַלע זיינע גוטע מעלות, דאָס נוצלעכער וואָס ער האָט תמיד אויפגעטאָן אין משך פון דער לאַנגער צייט.

אויך אַ סך פון קריסטלעכע באַקאַנטע זענען דאָ געווען אָנוועזנד און אין יעדנס געזיכט האָט זיך דערקענט די גאַנצע שווערקייט פון צעשיידן זיך מיט אַ ליבן פריינד.

כאַראַקטעריסטיש האָט זיך צווישן אַנדערן אויך אויסגענעמען פאָלגנדע סצענע :

אַ היגער יונגער נישט פאַרמעגלעכער פויער, וואָס אַרבעט שטריק און פאַר־קויפט זיי צו ה׳ כץ אין געוועלב איז געשטאַנען פון בעגינען ביי ה׳ כץ אין שטוב, זייער באַטריפט, אים יעדעס מאָל אַרומגענומען, געקושט און שטאַרק געוויינט.

צוזאַמען מיט דעם לאַנגן צום באַגלייטער איז ער אויך מיטגעגאַנגען ביז ווייט אונטער ווישניוויץ, און דאַמאָלט ווען דאָס יונגוואַרג האָט געזונגען לוסטיק נאַציאָנאַלע לידער, — איז ער געגאַנגען געבויגן דעם קאָפּ, מיט אַ שווערן געמיט וועלנדיק, נאָר קענטיק נישט וואַגנדיק נאָך אַמאָל צוגיין און זיך צוקושן.

ה׳ כץ האָט עס באַמערקט, אַרויסגעגאַנגען פון דער רייע, זיך דערנענטערט צו דעם פויער און געפרעגט: „וואָס וויינסטו אַזוי, אָמעלקאָ ?!״ — „ווייל עס איז מיר זייער שווער״ — האָט ער געענטפערט, אויסברעכנדיק מיט אַ געוויין אויפן קול און נישט קענענדיק ווייטער רעדן.

מרים מאליוו (פרייר)

קופת־חולים אין ווישניעווע

אָדער אַ געשיכטע פון אַן אַנשטאַלט

ווישניעוו האָט געהאַט אין זיך, ווייזט אויס, אַ צוציאונגס־קראַפט. מיין פאָטער אברהם דאבציעס, אַ ייד פון טיף רוסלאַנד, האָט סטאַציאָנירט אין ווישניעוו אַלס רוסישער זעלנער, אין די יאָרן 1914—1917 און זיך אַריינגעפעדעמט אין איר לעבן, ליב געקריגן די ברויזענדע ציוניסטישע יוגענט, מיטגעמאַכט אַלע זייערע טעטיקייטן און... זיך צוביסלעך פאַרליבט אין אַ ווישניעווער מיידעל, אַ יתומה, מיין צוקונפטיקע מאמע, חתונה געהאַט מיט איר און געוואָרן אויף אייביק אַ ווישניעווער.

ווישניעווער יידן האָבן אַלץ געטאָן, אַז די צוויי איינזאַמע חתן־כלה זאָלן נישט אָפּפילן זייער עלנטקייט. ס'האָבן זיי אונטערגעפירט משה און רייזל פלאָקן, יאַנקל און עטיל אייזנבערג.

שבת אין שול זענען געקומען ר' שונע וואַלקעס און ר' פסח גאָלד (וואַטניק) נעמען דעם חתן אין שול און געגעבן אים אַ שטענדיקן פלאַץ אין ר' איטשעס שילעכל.

מיין טאַטע האָט עס נישט געקענט פאַרגעסן. ווישניעוו איז געוואָרן פאַר אים אַ מוסטער און אַן אויפפאָדערער צו גוטע טאַטן. ער האָט געפילט אַ הייליקן חוב פאַר דעם ליבן שטעטל און האָט אַ נדר געטאָן עפעס טאָן פאַר איר, לויט זיינע קליינינקע כוחות.

יאָרן זענען געלאָפן און פרנסה האָט געיאָגט און ס'האָט אים פאַרדראָסן פאַר־וואָס ער ערפילט נישט זיין נדר.

איינמאָל אין אַ שבת, האָט ער זיך אָפּגערעדט מיט חברים, בעלי־מלאכות, ווי ער און באַשלאָסן שאַפן אַ בקור־חולים פאַר אָנפאַרמעגלעכע מענטשן, פאַר נאָש־בראַט.

אין באַראַטונג האָבן זיך מיטבאַטייליקט זלמן שניידער, ישראל חיה שיינדלס, מענדעלי שניידער, יוסף קאָפּלס, יענקל שייקליס, קאָפּל בלעכער, מיין פאָטער, ישראל נעלקיס און קריפּיצער(?).

אין שפּיץ פון דעם צוזאַמענפאַר איז געשטאַנען ר' משה שויעל'ס, גאָר אַ ייד אַ למדן.

ס'ערשטע האָט זיך דער קאָמיטעט געווענדעט צו דער אַרבייטער יוגנט, זיי זאָלן אין זייער „לוביטעלנע טרופע" אויפפירן טעאַטער־שפּילן, וועמענס הכנסה וועט גיין אויף דעם צוועק. און די יוגנט האָט זיך אָפּגערופן.

אַלע חשוב'ע חברים זענען דאַן געגאַנגען פאַרקויפן בילעטן אין די הייזער, קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט.

דער געלט ערפאָלג איז געווען גרויס. דאָס האָט געגעבן מוט צו ווייטערע טעטיקייטן, מ׳האָט געשפּילט טעאַטער אינטענסיוו. די אַרטיסטן, ווי כ׳געדענק זענען געווען: עלקי ציפּע׳ס, פייגע ציפּע׳ס מיטן מאַן, אברהם סעניק׳ס, אליעזר שקאָלער, מאַניס פּאָדעם, זיין שוועסטער שפּרינצע וואַלקער און משה נודלער.

מ׳האָט זיך אויך פאַרפליכטעט יעדן מאָנאַט אויפזאַמלען געלט באַשטייערונג פאַר קראַנקן שטיצע. ווישניוויצער האַרציקע יידן האָבן זיך באַשטייערט צו האַלבע און גאַנצע זלאָטעס אַ מאָנאַט און 11 פאָמיליעס האָבן אַפילו צוגעזאָגט צו 5 זלאָטעס אַ מאָנאַט און מקיים געווען זייער צוזאָג.

כ׳געדענק זיי. מ׳האָט פון זיי פיל גערעדט ביי אונז: אהרולי שאג, רעכיל טאָדרעסעס, שכר סופר, שמעון ליפשיץ, דוואָסיע בנימינס, היכל האַמוט, מאַלציע קליינמאַן, דוד גניפ, מאָטיע שפּיגעלמאַן, די ביסקערס און די מאַרדערס. כ׳געדענק זיי און דערמאָן זיי, ווייל נאָך חודש געלט האָבן זיי געגעבן ווען ס׳איז געווען נויטווענדיק, אויך נאָך געלטער.

נאַכער האָט מען גענומען הערשל, משה שואל׳ס איידעם און ער פלעגט גיין זאַמלען געלט חודש ביי חודש און קריגן געהאַלט.

ס׳האָט זיך ענטוויקלט אַ קראַנקן־קאַסע און געוואַקסן. יעדער באַשטייערטער און באַשטעטיקטער פון ועד האָט געקאָנט געניסן פון מעדיציניש באַדינונג און רעצעפּטן אויפן חשבון פון „בקור חולים״.

ס׳איז געווען אַן אַנשטאַלט, אַ עכטער אויסדרוק פון געגנזייטיקער הילף. כ׳בין שטאָלץ פאַר דעם מיט מיין שטעטעלע.

מיין פאָטער, שיינענדיק פון הצלחה, האָט באַשלאָסן ענטוויקלען דאָס אין אַ שפּיטאָל און נישט גערוט ביז ס׳איז אים געלונגען.

אין שטעטל איז געשטאַנען אַ קרום־איינגעהויקערטע געביידע, אַ „הקדש״, אַן אָפּגעלאָזטער, אַלע זיינע אַמאָליקע איינוואוינער האָבן אים פאַרלאָזט און אַריבער אין אייגענע שטיבעלעך. האָט דער ועד באַוויגן דעם רב און מ׳האָט גע־קריגן אַן ערלויבעניש פון גמינע, פאַרוואַנדלען דעם פּוסטן הקדש אין אַ נוצבאַרן שפּיטאָל.

מ׳האָט די געביידע צעוואָרפן. דער פּלאַץ איז געוואָרן ליידיק נאָר גיי און בוי. אָבער וואו נעמט מען געלט? האָט מען זיך געווענדעט צום ווישניוויצער רעליף אין אַמעריקע. זיי האָבן געשיקט געלט צו אונז און מ׳האָט אָנגעהויבן בויען.

ביי דער גרונטשטיין־פייערונג זענען מיטגעווען דעלעגאַטן פון אַמעריקאַנער ווישניוויצער רעליף און מיר דוכט, אַז רעכיל טאָדרעסעס אַ קינד האָט די לענטע איבערגעשניטן. די פרייד איז נאָך מער געוואַקסן מיטן וואַקסן פון די ווענט. דער־נאָך האָט מען אויפגעשלאָגן דעם דאַך און מ׳האָט געהאָפּט, אַ ציגל צו ציגל, אַ טשוואָק צו אַ טשוואָק וועט דאָס ווערק דערגענצט ווערן.

ליידער האָט זיך דער טרוים נישט פאַרווירקלעכט. מיטן קומען פון די סאָ־וויעטן האָבן זיי די געביידע פאַרוואַנדלט אין אַ קינאָ. דער ווישניוויצער האַנט־

ווערקער־פֿאַראיין איז זיך צעפֿאַלן און מיט אים די האָפֿענונג אויף אַ געלונגענער יידישער איניציאַטיוו אין גויישן לאַנד.

וואָס ס׳איז געשען דערנאָך מיט ווישניוויץ, ווייסן מיר. אָבער ווען כ׳דערמאָן זיך אין דער געשיכטע פֿון דעם אַנשטאַלט וואַקסט אויס מיין פֿאָטער פֿאַר מיר, ווי אַ הייסער טיכטיקער ייד און מיט אים, מיין מאַמע, זיין פֿרוי, אַלס אידעען חברטע אין לעבן, וואָס האָט פֿאַרציכטעט אויף שטוב פֿאַרגעניגן און משפּחה געשפּרעכן, כדי אים צו ערמעגלעכן אויפֿטאָן עפּעס פֿאַר ברידער אַרבייטער און פֿאַר אָרעמע, שטענדיק אָרעמע יידן.

זאַלן זיי מיר אייביק בלייבן געבענטשט.

מיכל פישמן ז״ל

מיטן אָנפאַנג פון בוך איז געקומען די ידיעה אַז פישמאַן איז געשטאָרבן. מיר געבן דאָ אָפּשאַצונגען פון זיין פערזענלעכקייט — אויסצוגן פון פרעסע. אַ גרויסער ווישניוויצער זון.

(אַן אויסצוג פון „די יידישע צייטונג״, בואנוס איירעס 10.2.61)

רעדאַקציע

מיכל פישמאַן וואָס איז אַ בויער פון דער קאָאָפּעראַטיווע און פונ׳ם בית-עם און איז פּרעזידענט פון „פלאָרעסטאַ״ און פון „מדינת ישראל״, געשריבןביידע נעמען מיט גענזנפיסלעך, ווייל זיי זענען מער ווי אַ קאָאָפּעראַטיווע, מער ווי אַ בית עם און מער ווי אַ שולע : זיי זענען דער אויסדרוק פון יידישער שעפערישקייט, דער רעזולטאַט פון עקשנות, די פרוכט פון ארבייטזאמקייט. זיי זענען די שטרע-בונג צו העכערס, דער זאָרג פאַרן מאָרגן.

געבויט איז די שולע מיט ליבע פאַר אונזערע קינדער און מיט ליבע פארן יידישן לאַנד. דער נאָמען דריקט אויס אַ בענקשאַפט, די זעלבע בענקשאַפט וואָס האָט די פירער פון בית עם און פון דער שולע דערפירט צו אָרגאַניזירן די פאָלקס-עקסקורסיע קיין ישראל.



מיכל פישמן באַזוכט ישראל

מיר האַלטן דעריבער פאַר נויטיג צו האָבן אַן אינטערוויו מיטן פּרעזידענט מיכל פישמאַן, וועלכער שטייט בראש פון דער צאָלרייכער דעלעגאַציע וואָס וועט

ווײַלן אַ חודש צײַט אין דער מדינה, וועט באַזוכן דאָס לאַנד און וועט זיך אָנשעפּן מיט באַגײַסטערונג וואָס וועט בײַ זײער צוריקקערן זיך זיכער אויסווירקן אין דער־מוטיגונג פאַר אונדזערע נאַציאָנאַל־ייִדישע אויפגאַבן.

שמועסן מיט מיכל פישמאַן הײסט זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער געגנט זינט דער דאָרטיגער באַשײדענער התחלה אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבײַט ביז צום הײַנט־טאָגיגן ברײטן פונאַנדערוווּקס. רעדן מיט מיכל פּישמאַן הײסט זיך אויך אָנשטעקן מיט זײַן באַגײַסטערונג פאַר אַלץ וואָס נאַציאָנאַל ייִדיש איז. מיר געפינען זיך בײַ אים אין ארבײטס־צימער ארומגערינגלעט פון זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבײטער. לײַכט איז געווען צוקומען צו אים, שווער איז אָבער אָנצוהויבן דעם שמועס מיט אים. גאַנצע רײען מענטשן וואַרטן אויפגענומען צו ווערן פונ׳ם קאָאָפּעראַטיווע־פאָרזיצער. אָט דאַרף ער באַלד אויפנעמען אַ דעלעגאַציע פון אַ וויכטיגער ווילטעטיגער אינסטיטוציע; אין אַ האַלבער שעה אַרום דאַרף קומען אַ פאָרשטײערשאַפט פון אַ ייִדישן ביכערפאַרלאַג צו בעטן די צוזאַמענאַרבײט פונ׳ם קרעדיט־אנשטאַלט. חוץ לזה איז שוין די טבע און דער ווילן פון די מיטגלידער פּערזענלעך זיך צו ווענדן צום פּרעזידענט וועגן זײערע פּראָבלעמען. עס איז כמעט אוממעגלעך צו רעדן מיט מיכל פּישמאַן, ווען מען נאַטירלעכע באַשײדענקײט באַשווערט די אַרבײט פון אַן איטערוויו פאַר דער צײַטונג.

ער קען זיך אָבער ניט אָפּזאָגן צו ענטפערן אויף די פראַגעס וואָס מיר שטעלן אים, און אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך אַז די קאָלעקטיווע עקסקורסיע קײן ישראל איז ניט אָרגאַניזירט געוואָרן בלויז פאַר מענטשן פון פעסטן מאַטעריעלן שטאַנד, נײַערט באַזונדערס פאַר יענע פאַר וועלכע אַזאַ זאַך מײנט אַ פינאַנציעלע לאַסט. דעריבער האָט קאָאָפּעראַטיווע „פּלאָרעסטאַ״ פינאַנסירט די רײזע־הוצאות — דרך אגב זײער ביליגע — און האָט געגעבן די רײזע־בילעטן אויף אויסצוצאָלן אין צוואַנציק חדשים, פאַר אַ גאָר קלײנעם, מינימאַלן פּראָצענט. אויף אַזאַ אופן איז די רײזע דערמעגלעכט געוואָרן און דער טרוים פון אַ סך ווערט איצט א ווירקלעכקײט.


די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע „פּלאָרעסטאַ״ וואו מיכל פּישמאַן פאַרנעמט דעם אַמט פון פּרעזידענט האָט זיך אויסערגעוויינלעך צעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן זינט ער שטײט בײַם רודער פון דער אינסטיטוציע. גרויסע שוועריקײטן זענען געווען בײַצוקומען. פאַר דער שווערער מי האָט מען געקראָגן די סאַטיספאַקציע פון טון אַ נוצליכע און טויטיגע געזעלשאַפטליכע אַרבײט. הײַנט צו טאָג געפינט זיך די קאָאָפּעראַטיווע אין אַ פּרעכטיקן בנין. זי צײלט 5.800 מיטגלידער און איר פּערסאָנאַל באַשטײט פון 27 פּערזאָן. די קאָאָפּעראַטיווע וואַקסט אָבער פון יאָר צו יאָר און שטעלט זיך ניט אָפּ אין איר גאַנג צו פּראָגרעס. צוזאַמען מיט איר אין די געגנט באַרײַכערט און באַשײנט געוואָרן מיט נײַע געשעפטהײַזער מיט נײַע אינדוסטריעס, באַזונדערס פון דער מעבל־בראַנזשע.

(אַן אויסצוג פון יידישן וואָרט, אַרגענטינע 18.2.61)

מיכל פישמאַן; ער איז דאָס שטילע וואַסער וואָס גראָבט טיף, ער איז דער גייסט און די נשמה פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין פלאָרעסטא און אין אומגעגנט, און ער איז עס די פּערזאָן וואָס רעפּרעזענטירט צום בעסטן אַלץ וואָס מיינט אינ׳ם היינטיגן בוענאָס איירעס דאָס וואָרט פלאָרעסטא. זיין באַשיידענקייט איז ניט געווען קיין שטערונג צו דער פּאָפּולאַריטעט וואָס ער האָט געוואונען אַ דאַנק מי, ענערגיע, עקשנות און אפילו קרבנות. מען זעט אים אין זיין קרעדיט קאָאָפּעראַטיווע, אינעם בית עם און שולע ,,מדינת ישראל", אָבער מען זעט אים אויך אין אנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס וואָס נעמען אַרום מיט זייער טעטיקייט דעם גאַנצן ישוב פון בוענאָס איירעס: אין דער אָנפירונג פון דער קהילה, אין דער פאַרוואַלטונג פון יידישן שפּיטאָל, פון ביקור חולים און אַנדערע.

אין דער משפחה פון פלאָרעסטאר יידישע כלל-טוער איז געוואָרפן געוואָרן אַ לאָזונג : לאָמיר לאָזן די בויער בויען. דעריבער ווערט מיכל פישמאַן ווידערגעוויילט אין פארשידענע פעריאָדן אויפן אַמט פון פּרעזידענט פון דער קרעדיט-קאָאָפּעראַטיווע ,,פלאָרעסטאַ" פון בית עם און שולע ,,מדינת ישראל". דאָס איז אַ צייכן פון צוטרוי וואָס ער פארדינט עס. אַזוי פארשטייען עס די זעקס טויזנט מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס איז אַן אינסטיטוציע וואו זיין אַ פּאָרזיצער מיינט ניט בלויז געבן גוטע עצות, מיינט ניט נאָר אַליין פאַרנעמען אַן אַמט און פירן דעם פאָרזיץ פון די זיצונגען. זיין דער פּרעזידענט פון דער קרעדיט-קאָאָפּעראטיווע ,,פלאָרעסטאַ" מיינט טאָג טעגלעך אַמטירן אין איר, אויפנעמען און לייזן אירע פּראָבלעמען, זאָרגן פארן קרעדיט און די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון טויזנטער מענטשן וואָס האָבן אינעם אַנשטאַלט אַ אָנשפּאר פאַר זייער קאָמערציעלער טעטיקייט, דאָס הייסט אַ קוואַל פון פּרנסה, אַ שטיץ-פּונקט צו שטייגן העכער אויפן עקאָנאָמישן לייטער.

וויפל טויזנטער מענטשן האָט די קאָאָפּעראַטיווע געהאָלפן אין אַן עת צרה, חס ושלום אין אַן אומגליקס-פאַל, וויפל טויזנטער מענטשן האָט די קאָאָפּעראטיווע געגעבן די מעגלעכקייט צו מאַכן דעם ערשטן שפּאַן אין אַ נייער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, אין אַ נייעם געשעפט, וויפל טויזנטער מענטשן האָט די קאָאָפּעראַטיווע געהאָלפן גיין פאָראויס, וואַקסן און שטייגן, וויפל טויזנטער מענטשן האָט די קאָאָפּעראטיווע פאַרוואַנדלט פון אָרעמע לייט אין גבירים וואָס שטיצן היינט אונדזערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און וויפל מענטשן האָט די קאָאָפּעראַטיווע דערצויגן צו כלל יידישער אַרבייט.



רעדאקציע

יידל שפירא

צווישן די וויכטיקע פיגורן פון ווישניוויץ זאָל דערמאָנט ווערן יידל שפּירא — דער איניציאַטאָר פון פולע קולטורעלע געזעלשאַפטלעכע אויפטוען.

ווישניוויצער געדענקען אים גוט.

זכרונו לברכה!

דער פיל־פאַכיקער פרעזידענט, האָט מען אים גערופן אין ווישנעוויץ — יודיל שפּירא.

מיט אנערקענונג האָט מען געשעצט און אויפגענומען זיין ענערגישער אַרבייט אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, פּאָליטישע, סאָציאַלע און מוניציפּאַלע.

אַקטיווער טוער און גוטער שפּענדער פאַר קרן־היסוד און קרן־קיימת וואָס האָט סימבאָליזירט דעם פּראַקטישן ציונים.

אַלס פּרעזעס פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין דער צייט ווען פּאַרטייען האָבן זיך שאַרף אונטערשידן מיט זייער אָנגעהעריקייט, האָט דאָך שפּירא אויסנעמליך אָנגענומען לאָיאַלע שטעלונג צו דער ליגע פאַרן אַרבייטענדן ארץ ישׂראל. אַזוי ווייט ווי ער האָט געזאָרגט פאַרן קבוץ הכשרה וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסן אין קלאָסאָווע—ראָקיטנע, מיט ראַט און טאַט.

געווען דער נישט געקרוינטער פּאַטראָנאַט.

נאָך זיין עולה זיין קיין ישראל האָט זיך שפּירא דעקלאַרירט אַלס אָנהענגער פון מפא״י אין חדרה, און אין אירע רייען פאָרגעזעצט אַקטיוויטעט.

ווי אזוי א חלוץ פון פאלעסטינע האט געהאלפן דעם קרן היסוד

(דער טאָג 5.4.1926)

מיר האָבן ערהאַלטן פאָלגענדיקן בריף מיט אַ בייגעלייגטן טשעק: די מעשה איז זייער אַן אינטערעסאַנטע און מיר געבן דאָ איבער דעם בריף:

זעהר געערטער רעדאַקטאָר,

איך ווענד זיך צו אייער געערטער צייטונג און וויל אַן די געוועהנלעכע הקדמות גלייך קומען צום עיקר הדבר. איך שיק אייך דאָ איינגעשלאָסן אַ בריף מיט אַ טשעק אויף 7.50 וועלכן איך האָב דיזע וואָך ערהאַלטן פון ארץ ישראל פון אַ חלוץ מיטן נאָמען דוד רוניק פון ווישניוויץ, וואָלינער גובערניע, און בעט אייך אַזוי פריינדלעך זיין איבערגעגעבן דעם טשעק צום קרן היסוד אין זיין נאָמען.

די געשיכטע מיט דעם טשעק איז פאָלגענדע: זייענדיק פאַר אַ יאָרן זומער אין אייראָפּע אַלס שליח פון די פאַראייניקטע טשאַהנער און אומגעגענד רעליעף סאָס. האָב איך זיך אין וואַרשא געטראָפן מעם דעם אויבנדערמאָנטן חלוץ און אים דאָרט אָפּגעבן 50 דאָלער, וועלכע זיינע אַ שוועסטער פון שיקאַגאָ האָט דורך מיר געשיקט פאַר אים און דאָס האָט אים געהאָלפן פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל צו פאָרן קיין פאַלעסטינע אַלס חלוץ. די הלבשה אין וועלכן איך האָב אים גע־טראָפן איז באַשטאַנען פון אַ ראָק מיט אַ פּאָר הויזן געמאַכט פון אַ גראָבן זאַלץ־זאַק אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרצן טינט. נאָך שווערער מי האָב איך ביי אים גע׳פּועל׳ט ער זאָל אָנעמען מיינעם אַ סוט, און איצט נאָך 9 חדשים זייענדיק אין פאַלעסטינא האָט ער שוין געקריגן אַרבעט, אַפּילו אַ גאַנץ שווערע, אָבער גענונג צו מאַכן אַ לעבן פאַר זיך, און ער האָט מיר אָפּגעשיקט דאָס געלט, די ווערט פון דעם סוט, וואָס אַ שניידער האָט דאַן אָפּגעשאַצט אין 7.50 דאָלאַר. ווייל ווי ער זאָגט, האָט ער דעם סוט נישט געוואָלט נעמען ביז ער וועט נישט וויסן זיין ווערט, כדי צו וויסן וויפל ער דאַרף מיר באַצאָלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס ער וועט קאָנען.

איך וויל פון דעם געלט קיין נוצן נישט האָבן און שיק דאָס דורך אייער צייטונג פאַרן קרן היסוד אין זיין נאָמען, דוד רוניק פון ווישניוויץ, איצט אין תל־אביב, פאַלעסטינאַ. איך דענק, אַז די געשיכטע איז ווערט צו פאַרעפנטלעכן כדי דער עולם זאָל וויסן, וואָס פאַר איידעלע נשמות די חלוצים באַזיצן.

ש. שיינער

מענעדזשער פון זשיטאָמירער תלמוד־תורה

נ. ב. דעם בריף פון פאַלעסטינער, ווי אויך אַ קבלה אויף דעם געלט זאָלט איר אַזוי גוט זיין שיקן אויף דער ת״ת׳ס אַדרעס פאַר מיר.

מ. אלף

מכליה וויינמאַן (קרעמענעצקי) ז״ל



מכליה א אויסנעמלעכע דערשיינונג פון די ווישניוויצער פרויען אין ווישניוויץ, אויסגעלעבט גוטע עלטער — 93 יאָהר. געבוירן 1872, געשטאָרבן אין יאָהר 1965, כ״ב באב תשכ״ה,ביים פולן פערשטאַנד.

איבערגעלאָזט א פארצווייגטע פאַמיליע, 2 זון, א טאָכטער מיט אייניקלעך.

ווי יעדער אין די לעצטע דורות דורכגעמאַכט און מיטגעלעבט דעם נע־ונד און נאָכוועהן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פון ווישניוויץ האָט מכליה פארלאבט קיין פראָסקוראָוו מיט יחזקאל וויינמאַן א אָנגעזעענער סוחר, וועלכער האָט געפירט גרויס האנדל.

אין דער צייט ווען די אוקראַינישע באַפרייאונגס־באַוועגונג האָט געבושעוועט, באזונדערס אין וואָהלינער און פאָדאָלער קרייזן, ווען די באַנדעס פון פעטליורען און

היידעמאַקעס האָבן פאָגראָמירט יידישע שטעט און שטעטלעך, האָט די פאמיליע וויינמאַן עוואקואירט קיין ווישניוויץ, אָבזייענדיק 3 יאָהר, עמיגרירט קיין אַרגענטינע זיך איינגעאָרדנט אין סנטהפה.

אין אַרגענטינע האָט איינעם פון די זון יעקב וויינמאַן געגליקט אין האַנדל און פירט יעצט ברייטע געשעפטס־פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע לענדער: אַרגענטינע, גוואטעמאַלע, אפריקע און ישראל.

אין די לעצטע יאָהרן האָט זיך יעקב באַזעצט אין ישראל און פון דאנעט אָפערירט ער זיינע טראַנזאַקציעס, רייזענדיק פון מאָל צו מאָל אין די לענדער מיט וועלכע ער איז אינטענסיוו פאַרבונדן.

ס׳איז א סברה, אז יעקב וויינמאן איז פראָמינענט אין די העכערע ספערן פון רעגירונגס־קרייזן. ווי מיר ווערן אינפאָרמירט, איז ער לעצטענס איינגעלאַדן געוואָרן און געוועזן פון די חשובע געסט אויף א פייערלעכע אויפנאַמע ביים גוואטעמאַלער קאָנסול אין ישראל.


יעקב וויינמאַן שעצט זיין פאַרשטאָרבענע מוטער נישט בלויז לויט איהר נאָענטקייט נאָר ווי אממייסטן אויך ווייל מכליה וויינמאַן ז״ל איז אויף איהר לאַנגן וועג געווען נישט נאָר א טיפישע יידישע מאַמע מיט זאַפטיקע מעלות, ווי אויך מיט איהר אויסגעצייכנעטע צערטלעכע און נאָבעלע באַציהונגען צו לייט. געוועזן אויך א מאַמע פאַר אומגליקלעכע און ליידענדע. מיטלייד און הילף פאַר לייט איז געווען ביי איהר א פונקציע אין לעבן.

מיט וואַרעם האַרץ און איבערגעגעבענהייט האָט זי פיעל מאָל געהאָלפן מענטשן אין זייער נויט, אום זיך נישט צו באַווייזן, נאָר ווי אַ זעלבסטפארשטענדלעכע פליכט. אוממעגלעך אין א קורצער נעקראָלאָגישער אָפּהאַנדלונג אויסדריקן אַלעס פון איהרע נאָבעלע טאַטן. מיר וועלן זיך באַנוגנען מיט אילוסטרירן איין פאַקט: ווען מכליה האָט צופעליק באזוכט א ווישניוויצער אין בוענאָס־איירעס און אָבסערווירט איהר פראָבלעמאַטישע לאַגע, האָט זי אַדאָפּטירט דאָס מיידל אויף א לענגערער צייט, באַזאָרגט מיט עקזיסטענץ און נאַכהער חתונה געמאַכט מיט ברייטער האַנד.

מיט דעם באַהערט יעקב וויינמאַן זיין זעליקע מוטער און פאַראייביקט איהר אָנדענק מיט א נר תמיד אין ווישניוויצער בוך אויף דורי דורות —

יהא זכרה ברוך לנצח.

סאסייטי



ערשטער קאָמיטעט פון דער ווישניוויצער סאָסייטי אין אַמעריקע —
זיצנדיק אין צענטער ה׳ לוי פרנס ז״ל

אברהם פריילין
(אברהם הירש יאַנטלס)

ווישניוויצער סאסייטי געשיכטע

עס איז געווען אַ זונטאָג אין יולי 1912, ווען איך בין אַריבער פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק. אין דעם זעלבן טאָג האָט זיסיע קליינבערג מיך מיטגענומען צו זיין פיקניק אין ליבערטי פּאַרק, וואָס די ווישניוויצער לאַנדסלייט האָבן אָפּגעהאַלטן.

דאָרט בין איך געוואָר געוואָרן אַז עס עקזיסטירט אַ ווישניוויצער סאָסייטי. איך בין דאַמאָלס אַלט געווען 19 יאָר.

צום קומענדן מיטינג בין איך געוואָרן אַ פולשטענדיקער ברודער, ווי עס האָט מיר פאַרזיכערט ביי דער איינשווערונגס צערעמאָניע דער פּרעזידענט מאיר באַראַל ע״ה, וועלכער האָט מיר פאַרטרויערט דאָס פּאַסיר וואָרט — „לב טוב״.

צו יענער צייט האָבן עקזיסטירט בלויז צוויי פּרעזידענטן: מאיר באַראַל ע״ה, און לוי פּאַרנעס, אונזער לאַנגיאָריקער עהרן פּרעזידענט. זיי פלעגן זיך איבערבייטן איינער דעם צווייטן יעדן יאָר.

יולי 1914 ברעכט אויס די ערשטע וועלט מלחמה, און די יידישע גאַס וואַכט אויף צו העלפן אונזערע אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער אויף יענער זייט ים.

עס ווערט געשאַפן דער „פּיפּעלס רעליף״, און קאָמיטעטן פון יונגע מענער און יונגע פרויען לאָזן זיך אַרויס איבער די הייזער אַלע זונטיק צו זאַמלען שטיצע פאַר די מלחמה־ליידנדע.

עס ווערט געשאַפן אַ באַוועגונג צווישן אונזערע לאַנדסלייט צו גרינדן אַן אייגענעם רעליעף פאָנד, ספּעציעל פאַר ווישניוויץ. צו יענער צייט האָבן די מערסטע ווישניוויצער יונגעלייט פון ניו־יאָרק נישט באַלאַנגט צו דער סאָסייטי.

נאָך אייניקע פאַרהאַנדלונגען צווישן די פירער פון דער סאָסייטי פון איין זייט, און די פירער פון דער רעליף באַוועגונג פון דער אַנדערער זייט, ווערט איינגעשטעלט איין אַלגעמיינע רעליעף קאָמיטעט, אונטער דער השגחה פון דער סאָסייטי, צו העלפן די לאַנדסלייט אין ווישניוויץ. דאָס איז געווען אין יאָר 1916. דער נאָמען פון דעם קאָמיטעט האָט זיך גערופן „יאָנג פרענדס געהילפס פאָנד פאַר די מלחמה קרבנות פון ווישניוויץ וואָלין״, אונטער דעם אויפזיכט פון ווישניוויצער ברידער „בענעוואָלענט סאָסייטי״.

די מיטינגען פון דער סאָסייטי ווערן אויפגעלעבט. צו יעדן מיטינג קומען אַריין נייע יונגע חברים. כאָטש דער פאָנד איז אָנאָפּהענגיק, ווערן דאָך בעריכטעט אַלע אַקטיוויטעטן צו די סאָסייטי מיטינגען.

דער קאָמיטעט איז זייער אַקטיוו, זאַמלט געלט אויף פאַרשידענע אופנים, אַנ־

הויבנדיק מיט ניקלס (וואָס איז נאָך געווען אַ מטבע צו יענער צייט), ביז דאָלאַרן, וואָס מערסטע פון די לאַנדסלייט פאַרפליכטן זיך צו צאָלן וועכנטלעך.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז נישט נאָר נעמט דער קאָמיטעט קיין באַצאָלט, נאָר דער׳לאַנגט נאָך די הוצאות פון די אייגענע געלטער.

1917 — אונזער אַמעריקע ווערט אויך אַריינגעשלעפּט אין דעם שדים טאַנץ וואָס הייסט מלחמה, און פילע פון אונזערע יונגעלייט טוען אָן אוניפאָרמען און מען גייט ראַטעווען די וועלט דעמאָקראַטיע. נאַטירלעך, איז דער רעליעף אָפּגעשטעלט געוואָרן צוליב דער מלחמה.

1919 — די מלחמה ווערט אָפּגעשטעלט אָפיציעל. מערסטע פון אונזערע יונגעלייט קערן זיך אום אַהיים. דער רעליף ווערט באַנייט, אָבער קיין פאַרבינדונג מיט ווישניוויץ איז נאָך אַלץ נישטאָ.

דער קאָמיטעט פאַרזאַמלט זיך און מ׳אַרבעט אויס אַ פּלאַן אַרויסצושיקן 300 דאָלאַר קיין ווישניוויץ אויף די נעמען פון דריי חשובע בעלי־בתים, מיט דער האָפנונג אַז דאָס וועט גרייכן קיין ווישניוויץ פאַר פסח, און עס וועט העלפן לינדערן די נויט פון די אָרעמע מענטשן פון שטאָט.

און עס איז געלונגען. די געלט האָט דערגרייכט אין צייט, און אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ הייבט זיך אָן, און דאָס גיט דעם קאָמיטעט נייעם מוט צו אַרבעטן פאַר אַ גרעסערן פאָנד, און עס געלונגט, — מער אָדער ווייניקער. ביז יוני 1920, ווערט אָנגעזאַמלט אַ זייער באַדייטנדע סומע, אַחוץ וואָס מען שיקט קיין ווישניוויץ וויכטיקע סומען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין דער זעלבער צייט שאַפט זיך אַ באַוועגונג צו שיקן אַ פערזענלעכן שליח קיין ווישניוויץ, מיט אַ דאָפּלטער אויפגאַבע: צו ברענגען אַלגעמיינע הילף אין שטאָט, און אויך הילף צו איינצלנע וועלכע נויטיקן זיך, ווייל די פּוילישע רעגירונג פלעגט אַזוי מאַנעווורירן מיט דער וואַליוטע פון די דאָלאַרן, אַז עס פלעגט פשוט זייער ווייניק בלייבן פון זיי. און צווייטנס, אַריבערצופירן אַפידייוויטס פון היגע קרובים, און אויך טאַקע געגונג פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, אַז די וואָס האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן ווישניוויץ און קומען קיין אַמעריקע זאָלן דאָס קענען דורכפירן.

ברודער לוי ראָטמאַן, איינער פון די אַקטיווע טוער אין סאָסייטי און אין רעליף, באַשליסט פערזענלעך צו פאָרן קיין ווישניוויץ, אַריבערצוברענגען זיין משפחה. דער קאָמיטעט פאַרשטענדיקט זיך מיט אים ער זאָל האַנדלען אַלס פאָרשטייער פון דער סאָסייטי, און מיט זיך מיטפירן אַזוי פיל מזומן צו קענען נאָכקומען אַלע נויטן פון די וואָס ווענדן זיך אָפּרופן.

גלייכצייטיק איז אויך געפאָרן וויליאַם קראַסנאָוו צו ברענגען זיין משפחה קיין אַמעריקע, און האָט אויך מיטגעהאָלפן אין דער רעטונגס אַרבעט.

די אונטערנעמונג ענדיקט זיך מיט אַ קאָלאָסאַלן ערפאָלג. מען ברענגט פאַפירן, — דאָס הייסט „ליגעל אַפידייוויטס", און אויך מזומן, אַזוי אַז עס זאַמלט

זיך אָן אַ סומע פון 55,000 דאָלאַר. דער רעליף, דאָס הייסט דער קאָמיטעט גיט אויך איבער אַ גרויסע סומע געלט.

איך געדענק עס ווי עס האָט ערשט נעכטן פּאַסירט, ווי ער האָט זיך אַרומ־געבעטט מיט אַ געלט פּאַסיק, וואו עס האָט זיך געפונען 55 געלט־באַנקנאָטן, און יעדער באַנקנאָט האָט באַטראָפן טויזנט דאָלאַר אין אַמעריקאַנער געלט, אַחוץ אַנדערע קניפּלעך. דאָס איז געווען אַרום יולי 1920. ער איז מיט מזל אָפּגעפאָרן, און טאַקע מיט מזל צוריקגעקומען אין נאָוועמבער 1920, מיטברענגענדיק מיט זיך 262 מענטשן, אַחוץ אייניקע וועלכע האָבן געמוזט בלייבן שטעקן ביים שיף צוליב פאַרשידענע סיבות, ביז זייערע קרובים האָבן זיי דורך דער צייט בעזאָרגט, און זיי זענען געקומען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער.

נאַטירלעך זענען מערסטע פון די נייע אַריבערגעקומענע געוואָרן מיטגלידער פון דער סאָסייטי, און דאָס האָט געגעבן דער סאָסייטי אַ ברייטע מעגלעכקייט פון טעטיקייט און אינהאַלט.

די מיטינגען זענען צו יענער צייט געווען זייער באַליבט, און דער רעליף קאָ־מיטעט איז געוואָרן ווידער אַקטיוו מיט נייע אויפגאַבן. עס ווערט געשאַפן אַ באַוועגונג צו בויען אַ צענטער אין ווישניוויץ און אין דעם צענטער זאָל זיך געפינען אַ בית יתומים, אַ שולע, און אויך אַנדערע פאַרווייליגונגען.

עס ווערט אויך געשאַפן אַ ליי־קאַסע צוזאַמען מיטן דזשאָינט, אויף די באַ־דינגונגען אַז מיר, די לאַנדסלייט פון אַמעריקע, פאַרפליכטן זיך צו דעקן אַלע פאַרלוסטן וואָס די ליי־קאַסע וועט פיליכט האָבן.

אָבער די גרויסע פליכטן האַלטן אונז נישט צוריק פון שיקן עטלעכע מאָל דורך דעם יאָר געוויסע סומען אין שטאָט אַריין פאַר די אַלגעמיינע נויטליידנדע. צום ביישפּיל: מצות אויף פסח, הילף פאַר די אָרעמע לייט פאַרן ווינטער, שיך און קליידונג פאַר אָרעמע קינדער און דערוואַקסענע. אויך העלפט די סאָסייטי מיט באַדייטנדע סומען דעם דזשאָינט, דעם האַיאַס, און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אמת, עס קומט נישט אָן לייכט יעדעס מאָל ווען די קאָמיטעט ווענדעט זיך צו דער סאָסייטי נאָך אַ שפּענדונג, געפונען זיך אַלע מאָל קעגנער וואָס לאָזן נישט אָנרירן די הייליקייט פון דער קאַסע פון דער סאָסייטי. אָבער דאָס גיט נאָר צו קאָליר צו די מיטינגען און מערסטנטייל געלינגט דעם קאָמיטעט. אַנשטאָט דאָס זאָל אָפּשוואַכן די סאָסייטי, — ווי אייניקע דענקן, — ווערט די סאָסייטי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין יאָר 1930 ווערט אונזער לאַנד איינגעוויקלט אין אַ שרעקלעכן קריזיס. אייניקע פון אונזערע ברידער ווערן פאַראָרעמט, הילף ווערט נויטיק אין אונזער אייגענער סביבה. עס פאָדערט זיך אַ נייער צוגאַנג צו דער לאַגע, — עס ווערט געשאַפן אַן ראַט־קאָמיטעט פון דער סאָסייטי מיטגלידערשאַפט. זייער אויפגאַבע דאַרף זיין צו לייזן דעם פּראָבלעם, און אויך אַנדערע פּראָבלעמען וואָס וועלן פיליכט מיט דער צייט אַרויסשווימען. און די זעלבע טוער פון דער רעליף מיט

זייער קליינע אויסנאַמען גייען אַריין אין דער ראַט־קאָמיסיע. זייער ערשטער אויפטו איז צו שאַפן אַ ליי־פאָנד אין דער סאָסייטי, אַזוי אַז די ברידער וועלכע זענען געטראָפן פון דעם קריזיס זאָלן קענען קריגן אַן הלוואה אָן פּראָצענט און אויף זייער לייכטע אויסצאָלונגען.

אייניקע ווערן דורך דעם אויפטו ממש געראַטעוועט. קליינע ביזנעסלייט ווערן געהאָלפן, כדי זייערע קרעדיטאָרס זאָלן זיי נישט צושפּאַרן צום וואַנט. אייניקע ווערן געשטיצט ביז זיי הויבן ווידער אָן אַרבעטן און דערנאָך צאָלן זיי אָפּ צוביסלעך. צו דער זעלבער צייט ווערט ווישניוויץ נישט פאַרנאַכלעסיקט, און קריגט יערלעכע שטיצע.

עס קומט דער יאָר 1933. פּרעזידענט רוזוועלט באַפעלט פאַרמאַכן די בענק און עס איז נישט ערלויבט אַרויסצושיקן קיין געלט פון אַמעריקע. און דאָ רוקט זיך דער יידישער פּסח אַלץ נענטער און נענטער. דער קאָמיטעט איז זייער פאַרזאָרגט... די ווישניוויצער יידן וועלן חלילה נישט האָבן קיין מצות אויף פּסח, ווייל עס איז שוין געווען אַ טראַדיציע צו שיקן קיין ווישניוויץ עטלעכע הונדערט דאָלאַר פאַר יעדן פּסח. מען האָט זיך אַן עצה געגעבן, און אונזער געלט איז געקומען קיין ווישניוויץ אין צייט פאַר פּסח.

צו יענער צייט, דאָס הייסט אין די פריסטע 30־קער יאָרן, איז געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג צווישן אייניקע סאָסייטי ברידער צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־קלוב פון אונזערע קינדער, מיט פולער אָטאָנאָמיע, אָנצופירן זייערע ביזנעס אויף זייער אייגענעם שטייגער, נאַטירלעך אויף דער ענגלישער שפּראַך און אונטער דעם אויפזיכט פון דער סאָסייטי. ליידער איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן, וואָס איך באַדויער שטאַרק ביזן היינטיקן טאָג. אָבער אַנשטאָט אַ יוגנט קלוב איז געשאַפן געוואָרן די ווישניוויצער לייִדיס סאָסייטי, וואָס פאָדערט אַ באַשרייבונג פאַר זיך זעלבסט, און איך לאָז דאָס צו די וועלכע זענען מער באַקאַנט מיט זייערע אַקטיוויטעטן.

די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט. מיר הערן זייער טרויעריקע גרוסן פון אייראָפּע און מיר טוען אַלעס וואָס נאָר מעגלעך צו פאַרלייכטערן די נויט פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע בכלל און פון ווישניוויץ בפרט. ביז דעם יאָר 1939, ווען דאָס גרויסע אומגליק איז געקומען אויף דער וועלט, און איבערהויפּט אויף אונזער פאָלק ישראל. אַלע פאַרבינדונגען מיט דער אַלטער היים ווערן איבערגעריסן. אויך אונזער לאַנד ווערט אַטאַקירט, און דער פייער צושפּרייט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אונזערע קינדער ווערן פון אונז אַוועקגענומען, עס זעט זיך נישט קיין שטראַל פון האָפענונג. דער קאָמיטעט קומט זיך ווידער צוזאַמען. די שטאַרקערע טרייסטן די שוואַכערע. מען נעמט זיך צוזאַמען מיט פרישע כוחות, און דער רעליף ווערט ווידער אָפּגעפרישט. מען הייבט ווידער אָן צו זאַמלען אַ פאָנד, מיט דער האָפענונג אַז אפשר וועט געשען אַ נס און מען וועט הערן פון אַ לעבעדיקן ווען. און אַז מען לעבט, דערלעבט מען.

דער פייער האָט זיך איינגעלאָשן, עס רויכערן זיך נאָך אירע האַליוועשקעס אין כּאַלק, אָבער אָפיציעל האָט זיך די מלחמה געענדיקט. מיט דער צייט האָבן מיר אויסגעפונען אַז אַ פּאָר הונדערט נפשות האָבן זיך דאָך געראַטעוועט. און דער רעליף קאָמיטעט איז געוואָרן אַלס מער און מער אַקטיוו, און אין דער צייט פון 1943 ביז 1950 איז דעם קאָמיטעט געלונגען צו שאַפן נאָענט צו פערציק טויזנט דאָלאַר, מיט וועלכן מיר האָבן געהאָלפן אונזערע אומגליקלעכע אויף פאַרשידענע אופנים.

1948 — עס ווערט פּראָקלאַמירט מדינת ישראל. פון אַלע ווינקעלעך פון דער פאַרשאָלטענער אייראָפּע און אַפריקע שטראָמען אונזערע אומגליק־געטראָפענע שארית הפליטה קיין ארץ ישראל. אָבער ליידער קען זיי די נייע געשאַפענע לאַנד נישט געבן קיין דאַך איבערן קאָפּ. אַחוץ דעם דאַרף מען יענע מענטשן באַזאָרגן מיט אַנדערע נויטווענדיקייטן. עס פאָדערן זיך ריזיקע סומען, איבערהויפּט אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

די יידישע גאַס שטורעמט אויף. אויך אין אונזער סאָסייטי ווערט אַ גערודער. דאָ קען מען נישט אָפּקומען מיט דעם געוויינלעכןביישטייער צו דעם יונייטעד דזשואיש אַפּיל, וואָס מיר צאָלן יעדן יאָר. איצט פאָדערט זיך אַ גאַנץ אַנדער צוטריט.

מאַי 10־טן, 1948, פאַרזאַמלט זיך די ראַט־קאָמיסיע, וואָס זענען אויך די טוער פון דעם רעליף, און אָן קיינע קעגנערשאַפט ווערט באַשלאָסן אַז די ווישניוויצער סאָסייטי פאַרפליכטעט זיך צו שאַפן אַ גענוגנדע סומע צו באַזאָרגן עטלעכע פאַמיליעס מיט וואוינונגען אין ישראל. אַ וואוינונג קאָסט 2,500 אַמעריקאַנער דאָלאַר. גערעדט און געטאָן! און טאַקע ביי דעם זעלבן מיטינג ווערט אויסגעשריבן אַ טשעק אויף 2,000 דאָלאַר, און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט די יונייטעד דזשואיש אַפּיעל געקראָגן 3,000 דאָלאַר, מיט אַ צוזאָג אויף צו געבן נאָך און נאָך. און ביזן היינטיקן טאָג שאַפט די סאָסייטי גרויסע סומען אַלע יאָר פאַר דעם פאַראייניקטן יידן אַפּיעל, און קען אויך שטאָלצירן מיט דעם פאַקט וואָס מיר האָבן געקויפט פאַר אַ באַדייטנדע סומע באָנדס פאַרן קיום פון אונזער נייער היימלאַנד — ישראל.

ווייסנדיק, אַז די הסתדרות זאַמלט דאָ געלט, און ווייסנדיק אַז זייערע זאַמלונגען ברענגען גוטע רעזולטאַטן, איז אין סאָסייטי געשאַפן געוואָרן אַ טראַדיציע, אָפּצוגעבן אַ מיטינג איין מאָל אַ יאָר, ווו עס ווערט געשאַפן נאָענט צו טויזנט דאָלאַר. די טראַדיציע האַלט שוין אָן אַרום 10 יאָר.

אויך די „יונייטעד טשאַריטיס" און אַנדערע גרעסערע און קלענערע אָרגאַניזאַציעס ווערן נישט פאַרנאַכלעסיקט, און די סאָסייטי שטיצט מיט יערלעכע ביישטייערונגען פון דעם ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ.

אין 1953, ווען די סאָסייטי האָט געפייערט איר 50־יאָריקן עקזיסטענץ, האָב איך, זייענדיק אַ חבר אין איר פאַר די לעצטע 40 יאָר, און זיך כמעט באַטייליקט

אין די אַלע אויסגערעכנטע אַקטיוויטעטן, האָב איך געזאָגט: איך בין שטאָלץ צו זיין אַ גליד פון דער משפחה וואָס רופט זיך „ווישניוויץ בראָדערס בענעוואָלענט סאָסייטי". איך האָף און ווינטש אַז די סאָסייטי וועט נאָך עקזיסטירן פאַר לאַנגע יאָר, און די אַלע איצטיקע, און די נייע צוגעקומענע מיטגלידער וועלן זיך דערלעבן צו באַטייליקן אין דעם 75־יעריקן אָדער דימענטענעם יובילעאום. אמן ואמן.

מאיר

ווישניוויץ — אדאפטירט

לויט דער איניציאַטיוו פון גדעון האוזנער, דער געוועזענער רעגירונגס־יוסטיץ־ראַטגעבער און באַשולדיקער אויף דעם אַדאָלף אייכמאַנס פּראָצעס, איז ענטשטאַנען די טעטיקייט וואָס איר צוועק איז פאַראייגענען אומגעקומענע יידישע קהילות דורך שולן אין ישראל.

אַ שולע וועלכע פאַראייגנט, שטודירן אירע שילער די געשיכטע פון דער דאָזיקער קהילה, קומען אין קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט פון דאָרטן, נעמען אויף ביי זיי איינצלהייטן און דאָקומענטאַרע פאַקטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון באַהאַנדעלטער קהילה פאַר דער היטלער אָקופּאַציע, באַזונדערס ביי די שטעטישע וועלכן זענען לעבן געבליבן, נאָטירן די טרויעריקע געשעהענישן וואָס זענען געשען מיט דער באַפעלקערונג אין דער צייט פון היטלער־רעזשים. די שילער אונטער דעם איינדרוק פון די באַריכטן שרייבן אויף דער טעמע און פאַרפליכטן זיך צו זיין די פאַראייביקער פון דער קהילה, אַ מין לעבעדיקער מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע מאַרטירער און היטער פון זכרון, וואָס געדענקען די רואינירטע שטאָט, מיט אירע טייערע יידן די אומגעקומענע.

שוין מער ווי 400 שולן האָבן פאַראייביקט אומגעקומענע קהילות.

מיר ווישניוויצער זענען אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דער בנימינער רעגירונגס־שולע. אַ פיינעם „שידוך" האָבן מיר געשלאָסן. אונזער „מחותן" איז דער באַוואוסטער פילאַנטראָפּ וועלכער האָט געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניעס אין ישראל — באַראָן בנימין (עדמונד) ראָטשילד, אויף זיין נאָמען איז, אַלס דענקמאָל, געגרינדעט געוואָרן די מושבה בנימינה אין יאָר תרפ״ג (אָקטובער 1922) ביי די בערג פון שומרון אויפן וועג חיפה—תל־אביב.

די פייערלעכע אָפיציעלע פאַראייגענונג מיט דעם אַקט פון אונטערשרייבן די „מגילת הנצחה" (פאַראייביקונגס בויגן) איז פאָרגעקומען אין טאָג, כ״א אדר תשכ״ח (15.2.68) אין בנימינה אין דער אַנוועזנהייט פון אָרטיקע געזעלשאַפט־לעכע אָנפירער, אַלע לערער, שילער און כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג מיט די פאָרשטייער פון ווישניוויצער לאַנדסלייט אין ישראל. די „מגילה" ווערט איבער־געגעבן און דעפּאָזיטירט אין „יד ושם" אין ירושלים ווי עס ווערן געזאַמלט אַלע היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן די יידישע קהילות, וועלכע זענען טראַגיש ליקווי־דירט געוואָרן דורכן היטלעריזם.

אין טאָג פון פּראָקלאַמירן די אַדאָפּטאַציע, איז דערשינען אַ בראָשור, גע־שריבן דורך די שילער. מיט אַלזייטיקן רייכן אינהאַלט וועגן ווישניוויץ. ס׳איז צו באַוואונדערן ווי די שילער, אַלע צוזאַמען און יעדער פאַר זיך, באַהאַנדלען קאָלעקטיוו די אָנגעצייכנטע טעמע, גלייך ווי זיי לעבן איבער מיט אַלע פּובערן דאָס אַמאָליקע ווישניוויץ — פון איר אָנהויב ביז איר אונטערגאַנג און דאָס נאָך

אַ דאַנק דעם, וואָס מיט זייער ערנסטער באַציאונג האָבן זיי גרינטלעך אויסגעפאָרשט דעם באַהאַנדלטן מאַטעריאַל און אים פאַרפילט און אויסגעשעפט דורך די אוידיענצן מיט די ווישניוויצער.

באַזונדער איז צום אונטערשטרייכן די איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט פאַר דער אַדאָפּטאַציע פון דער לערערין, אונזער אַ שטעטישע, רחלה קעלנער, די טאָכטער פון לאה׳קי און חיים וולף בריק, משה שפיגלמאַנס אייניקל. אויך איר מאַן האָט געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט, צייט און מי פאַר דער טעכנישער אַרבעט און צוגעגרייט גלענצנדע בילדער־גאַלעריע אין פאַרגרעסערטן מאַסשטאַב פון אונזער שטאָט, אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אימפּאָזאַנטער אויסשטעלונג גלייך ווי ווישניוויץ, ווען עס האָט געלעבט.

יוסף שאצקי

דער שם טוב פון די ווישניוויצער

צוריק מיט יאָרן, איז אַ שטראָם פון אונדזערע 260 ווישניוויצער אָנגעקומען אין פרייען לאַנד אַמעריקע — וגם אני בתוכם.

איך דערמאָן זיך אין דעם ערשטן צוזאַמענקום פון אונדזערע נייע אַריבערגעקומענע שוועסטער און ברידער פון ווישניוויץ אין הענינגטאָן זאַל, אויף דער צווייטער גאַס, ניו יאָרק. מיין פעטער, מאיר בליישטיין, אַ גרינדער און טיכטיקער אַרבעטער פון דער סאָסייטי, האָט מיך מיטגענומען מיט זיך, עס קלינגט נאָך יעצט אין אויער דער רעש און פרייד וואָס האָט געשוועבט אין דעם זאַל. יעדער ניי־אַריבערגעקומענער איז געווען אויסגעפוצט יום־טוב׳דיק, אין די נייע בגדים, וואָס זייערע קרובים האָבן זיי באַקליידט, יעדער איינער האָט זיך געפילט גליקלעך צו זיין אין דעם נייעם פרייען לאַנד אַמעריקע. כאָטש די געפילן זענען געמישטע, פון פרייד און לייד, דאָס הייסט, מען האָט זיך געפרייט וואָס מען איז אין אַזאַ פרייע לאַנד, דאָך איז יעדן געלעגן אין זינען די ליבע און טייערע וועלכע זענען פאַרבליבן אויף יענער זייט ים און נישט געהאַט די מעגלעכקייטן זיך צו באַפרייען פון דעם פינצטערן לאַנד פוילן.

עס איז באַלד שטיל געוואָרן. דער דאַמאָלסדיקער פרעזידענט, ר׳ פרנס, האָט באַלד אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם האַמער און גערופן דעם מיטינג צו אָרדנונג. עס איז שטיל געוואָרן אין זאַל, יעדערער האָט פאַרנומען זיין פלאַץ. דער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר האָט פאָרגעלעזן דעם פּראָטאָקאָל, און ס׳איז באַלד גוטגעהייסן געוואָרן.

שפּעטער האָט דער פרעזידענט פּראָקלאַמירט אַ מאַניפעסט פאַר אַלע נייע אַריבערגעקומענע אַריינגענומען צו ווערן אין דער סאָסייעטי פריי אַלס מיטגלידער, וואָס איז באַלד גוטגעהייסן פון די מעמבערס. און אַזוי זענען אַלע ניי־אַריבערגעקומענע געוואָרן מעמבערס פון דער סאָסייטי, — וגם אני בתוכם.

איך בין דאַן געווען זייער יונג, און ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער סאָסייטי אַרבעט און בין אַוועקגעשטאַנען פון זייער פיל מיטינגען. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט געטראָפן איין אומגליקספאַל, און ערשט דאַן האָב איך זעלבסט דערפילט די ברודערלעכקייט, איבערגעגעבנהייט און געטריישאַפט פון אונדזערע ווישניוויצער סאָסייטי ברידער. אייניקע ברידער האָבן מיר באַזוכט אין שפּיטאָל אַ פּאָר מאָל און דורך זייער טרייע טרויסט און שטיצע בין איך דאַן אַרויס פון שפּיטאָל, כאָטש נאָך נישט אינגאַנצן אַ געזונטער. און דאַן האָב איך באַלד אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם גרעסטן מענטשלעכן געפיל, וואָס ליגט אין אונדזער פאַסיר־וואָרט „לב טוב״. איך האָב דאַן באַשלאָסן, אַז אַזוי שנעל ווי השי״ת וועט מיר צוריקגעבן מיין געזונט, זיך

אָנצושליסן אין דער הייליקער, וויכטיקער און נאָבעלער אַרבעט פון אונדזער סאָסייטי, און האָב באזוכט יעדן מיטינג און מיטגעאַרבעט מיט גרויס פלייסיקייט.

עס האָט דאַן עקזיסטירט אַ רעליף. מיט וועלכן מיר זענען צו הילף געקומען די נויטליידנדע אין ווישניוויץ, ווי אויך דאָ.

איך בין געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, אַרויסצופאָרן באַזוכן די לאַנדסלייט אַרויב ניו־יאָרק, ווי מידעלטאַון, קאָנעטיקוט, האַרטפאָרד, באָסטאָן, טשעלסי, לאָרענס, און נאָך שטעטלעך וואו ס׳געפינען זיך ווישניוויצער. מיין פאָרשלאַג איז אָנגענו־מען געוואָרן. איך האָט זיך אונטערגענומען, — אויף אייגענע קאָסטן, — אַרויס־צופאָרן מיט מיין אייגענע מאַשין. צו מיין ערשטער אַרויספאָר איז אברהמצי קאָפּ ע״ה מיטגעפאָרן. מיר האָבן באַזוכט פילע ווישניוויצער לאַנדסלייט און מען האָט אונדז זייער נאָבל און גוטהערציק אויפגענומען און זיך וואַרעם אָפּגערופן, ווי נאָר ווישניוויצער קענען. מיר האָבן צוריקגעבראַכט אַ שיינע סומע געלט. די אַרבעט איז אַזוי אָנגעגאַנגען פאַר עטלעכע יאָר מיט אַנדערע ברידער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער נאָבעלער אַרבעט, ווי ברודער לייבל ראָטמאַן, נייטען וואוירטש, צוזאַמען מיט מיר. מיר האָבן געשאַפן פיל געלט יעדן יאָר, מיט גרויס כבוד.

יאָ, אונזערע ווישניוויצער, ווו זיי זאָלן נישט זיין, — זענען אַ ל ע מ אָ ל צו הילף געקומען יעדן נויטבאַדערפטיקן צוועק און אינסטיטוציע. יאָ, מיר מעגן שטאָלצירן מיט דער גרויסקייט פון אונזער ווישניוויצער סאָסייטי. זאָל השי״ת העלפן מיר זאָלן אַלע זיין געזונט און קענען פייערן אונזער 75 יעריקער יובילעאום.

מיט שטאָלץ רוף איך זיך אָן:

ברידער פון דער ווישניוויצער סאָסייטי! מיין רוף צו אַלע ווישניוויצער מיטגלידער און סתם ווישניוויצער לאַנדסלייט, זיך אָנצושליסן אין דער נאָבעלער אַרבעט אויפצוהאַלטן דעם פונדאַמענט פון דעם גרויסן בנין וועלכער האָט אַ שם גדול כמעט על כל העולם פאַר יאָרן לאַנג, אַז עס זאָל קענען איבערגיין בירושה מדור דורות.

אברהם אווערבוך
ניו־יאָרק—תל־אביב

ווישניוויצער אין ישראל און אין אמעריקא

(מעדיטאַציע אויף מיין באַנקעט אין תל־אביב 1969)

ס׳דערמאָנט זיך מיר אברהם רייזינס אַ ליד וועגן יידישער עמיגראַציע קיין אַמעריקא, וואָס ער האָט געשריבן צוריק מיט 60 יאָר. דאָס ליד ענדיקט זיך אונגעפער אַזוי:

עס ציט זיי צו אונדז
און אונדז ציט צו זיי
און קריק זענען מיר ברידער
אין וועלט טיילן צוויי

דאָס איז געווען די שטימונג פון יידישן עמיגראַנט אין יענער צייט. קומענדיק אין אַ ניי לאַנד אָן אַ שפּראַך, איינזאַם, עלנד און דערשלאָגן, זוכנדיק אַ נייעם באָדן פאַר עקזיסטענץ האָט ער זיך געטוליעט צו היימישע, צו אַלטע באַקאַנטע. ער האָט זיי געפונען נאָר צווישן זיינע שטעטישע, צווישן זיינע אָדער זיין עלטערנס שכנים, פריינט, באַקאַנטע פון דער אַלטער היים, און אין דער „נייער" וועלט, וואָס האָט זיך געשאַפן פון מענטשן־צוזאַמענשמעלץ האָט זיך געשאַפן די „סאָסייעטי", די פאַריינען פון די שטעטישע.

די סאָסייטי האָט אויסגענוצט די פאַרגאַנגנהייטס קניפּן, כדי פון זיי שאַפן אַ מענטשלעכן כוח פאַר מענטשלעכע הילף, די סאָסייטע האָט געשאַפן אַן אַד־רעס פאַר איינזאַמע מענטשן אין דער נייער וועלט, וואָס אירע הילף־אַדרעסן זענען נישטאָ אָדער נישט באַקאַנט.

אין דער זעלבער צייט כמעט פאַלט אויס די עפּאָכע פון חבת ציון (אָן געבנזנשטריכלעך) און „שיבת ציון".

די אידעאַלסטע יוגנט באַפליגלט מיטן חלום פון גאולה, געטריבן פון באַ־גרענעצונגען און עקסצעסן, באַגייסטערט מיט נאַציאָנאַל־מענטשלעכן געדאַנק פון אויפבויען אַ היים פאַרן געפּלאָגטן פאָלק איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק קיין ארץ ישראל.

צווישן זיי אויך ווישניוויצער יוגנטלעכע פון דעם זעלבן סאָרט זענען פאַר־פאָרן קיין ישראל. זיי האָבן געוווסט וואָס ס׳שטייט זיי פאָר. די אידעאַליזאַציע פון טריקענען זומפּן, האַקן שטיינער, אויסשטיין קרענק און קלימאַטן שווערי־קייטן, האָט נעבן ביי פעסטגעשטעלט, אַז די אַלע שוועריקייטן זענען דאָ אין לאַנד פון די חלומות און גייען אַהער הייסט גיין אויף אַזאַ ריזיקא פון איינשטעלן

די יוגנטלעכע יאָרן פאַר אַ אידעאַל, וואָס ווער ווייסט צי וועט ער זיך פאַרוויר־קלעכן.

דאָך זענען זיי געגאַנגען.

איז צווישן די צוויי „וועלט זוכער" געווען אַ קלייניער אונטערשייד אַ וועזנטלעכער, דאָס הייסט אין דער צייט ווען קיין אַמעריקע איז מען געקומען זוכן קליינע גליקן און באַצאָלט דערפאַר מיט עלנטקייט, האָבן די אין ישראל געזוכט דאָס גרויסע גליק פאַרן פאָלק און געוווּסט, אַז די עלנטקייט איז יעדנס גלייך און זי איז פאָראויסגעזען פאַר יעדן און מלכתחילה גענומען אין באַטראַכט.

* * *

אין דער צווישנצייט איז אָפּגעפלאָסן אַ גאַנצער האַלב יאָרהונדערט. אַ יובל פול מיט גוואַלדיקע קאַטאַסטראָפעס. בלוטיקע געשעענישן און דער בלוטיקסטער פון אַלע וועלט און מענטש אומגליקן — דער היטלעריזם אומגליק, וואָס די וועלט ווייסט נאָך נישט ביז וואַנען זיינע שפּורן וועלן דערגרייכן.

און ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס ווישניוויצער יזכור בוך.

געשריבן האָבן עס די עדי ראיה פון דעם היטלער פּלאָג און די ישראלער אַ צוזאַמענפאָרונג פון די וואָס האָבן פאַרשפעטיקט דעם וועג צו גאולה און די וואָס האָבן מיטגעמאַכט די שוועריקייטן פון דער גאולה. ברידער פון פאַרשידענע לעבנס־עטאַפּן שרייבן צוזאַמען די מאַרטיראָלאָגיע פון אונדזערע עלטערן, ברי־דער, שוועסטער און חברים און שכנים. צוזאַמען שטעלן זיי אַ מצבה זייער אָפּשטאַם־שטעטל און לאָזן זיך ווייטער צוזאַמען אין אַ וועג פון קאַמף, אַרבעט, שוועריקייטן און דערגרייכונגען. מיטן קוק פאָראויס צו דער צוקונפט ווענדן זיי זייער בליק צו די גרויסע ברידער קברים, פאַרגעסן זיי נישט און אין נאָמען פון זיי די באַערדעטע אין די קברים ווערט פאַר זיי דער וועג פון גאולה אין ישראל אַ נויטווענדיקייט, אַ אידעאַל, א קאָנקרעטע לעבנס־באַשעפטיקונג, אַ אינהאַלט פון אַ דור, וואָס וויל צוגרייטן אַ בעסער ברידער־לעבן פאַר די קינפ־טיקע דורות.

בייַם שיין פון דעם זאָגאַר פאַרשפעטיקטן בוך ווערט בולט דער טיפער אונטערשייד פון די ווישניוויצער דאָ אין ישראל און די פון אַמעריקע.

אין דער צייט, ווען דאָ אין ישראל פילט זיך אָפּ אַ טיפער אינטערעס אין דעם אָביעקט פון בוך — אין ווישניוויצער אָפּשטאַם און ס'וואַקסט אויס אַ הייסע צוגעבונדנקייט צו אים אין דער זעלבער צייט אין אַמעריקע פילט זיך אַ גלייכ־גילטיקייט צום סענטימענט פון געבורט־פּלאַץ. דער דור, וואָס האָט שווער אויס־געטראָגן זיין עלנדקייט אין אַמעריקע מיט דער הילף פון דער סאָסייעטי, איז צו איר גלייכגילטיק, און זיין נאָכוווּקס, די קינדער זייערע, אַדוואָקאַטן, דאָקטאָירים, פיזיקער, וויסנשאַפטלער, רבנים און אויך דערפאָלגרייכע ביזנעס לייט, צווישן זיי אַ פּאָר מיליאָנערן נישט פון שלום־עליכם'ס שניט, נאָר דווקא פון אַמעריקאַנער פאַרנעם. די קינדער, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז דער אַלטער דור האָט נישט

געקלערט וועגן אַ גאולה פאַר דורות, נאָר געלאָפן פּערלייכטערן זיך אַליין דאָס לעבן, זענען זיי אויך גלייכגילטיק צו דעם געקייטל פון דורות און די ווישני־וויצער סאָסייעטי ווערט אַ פּלאַץ פאַר גמ״ח קאַסע און צילאָזע זיצונגען און טרעפונגען און אונענדלעכע גלייכגילטיקייט. אפשר... אַ גלייכגילטיק נישט נאָר צו דער סאָסייטי איז דאָס, ס׳איז אפשר אַ גלייכגילטיקייט אַן אַלגעמיינע, ווי עס טרעפט ביי מענטשן, וואָס זייער פאַרגאַנגענהייט שפּיגלט זיך פּלוצים אָפּ אין אַן ענלעכער שיינרייכער פאַרגאַנגענהייט און זי ווערט פּלוצים בלאַס, בלאַס, בלאַס.

אין ישראל איז אַ פאַרגאַנגענהייט מיט פּראַכט, איז דער אינטערעס גרויס. די בירגער שטאָלצע, האָפערדיקע אויף אַלע געביטן מיט בלוט דערוואָרבענע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן, מיליטערישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, ממש אַ נס לגויים. די וועלט שטייט פאַרגאַפט, נישט קאָנענדיק דערקלערן דעם סורפּרייז פון דערפאָלג. די וועלט איז אַזוי צו זאָגן נישט גלייכגילטיק צו ישראל ווי ישראל אַן און פאַר זיך.

און ס׳ווילט זיך מיר זאָגן: ווי מאַכט מען עפּעס, אַז מיר אין אמעריקא זאָלן מאַכן אַ סאָסייעטי מיט אייך דאָ. איר זאָלט אונדז באַהויכן מיט אייער גייסט פון התלהבות מיט אייער אונגלייכגילטיקייט.

און כ׳וועל פּאַראַפראַזירן רייזענען:

ס׳זאָל אייך ציען צו אונדז
און אונדז זאָל צו אייך
און איינס זאָלן מיר זיין
אין צוויי וועלט־טיילן גלייך.

עפולה, 1.10.69.

מ. אלף

מיט ברידער פון ארגענטינע

(פעברואר 1961)

אַ גרויסע פרייד — ס'איז טאַקע אַ גרויסע פרייד זיך באַגעגענען מיט די געסט פון אַרגענטינע. נאָך 10־ליקער יאָרן ווי מיר האָבן זיך געשיידט. דאַמאָלס זענען מיר געווען בלאָדזשענדיקע נשמות, אָן אַ וואָס, אָן אַ ווען, אָן אַ וואוהין. מיר זענען געווען אָן אַ פּערספּעקטיוו אין דער צוקונפט, געקעמפט אין שטאַרקע קאָנוואולסיעס זיך אַרויסרייסן פון דער סביבה. אָנגעשלאָסן ווי אין געטאָ, אין גרויען קליינשטעטלדיקן לעבן, געזען דעם וועג אין לעבן מיט שוואַרצע גלעזער. אָרעם אין מיטלען, פאַרצווייפלטע, אָן מעגלעכקייטן זיך אַרויסצורייסן אין דער גרויסער וועלט, און אַפּאַטיע און זאָרג כּאַרן מאָרגן. און ווען איך זע דאָ שטראַלנדע פּנימער, ווען מיר האָבן זוכה געווען שבת אחים, זיצן צוזאַמען ברידערלעך אין אַזאַ צושטאַנד — איז נישט צום פאַרזינדיקן. יעדער פון אונז איז געקומען צו אַ באַפרידענער לאַגע. דאַמאָלס יונגע, באַשיידענע אָן ערפאַרונג, איצט אויסגעוואַקסן, דערוואַקסענע, ווי יונגע ציטערנדע בוימלעך האָבן מיר זיך צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט, און איצט זען מיר פאַר זיך דאָ אַ הערלעך בילד ווי ס'האָט געזאָגט דער גרויסער יידישער קעניג־זינגער: כשתילים על פלגי מים, פון קליינע ציטערנדע בוימעלעך זענען מיר זיך צעוואַקסן אין פאַרצווייגטע טענענבוימער. ס'זיצן שוין דאָ מיט אונז זיידעס מיט באָבעס. אַ שיינע בילד, אימפּאָזאַנט ווען מיר באַגריסן איצט די ליבע געסט פון אַרגענטינע.

ס'איז נישט פשוט, צווישן 78 דעלעגאַטן פון אַרגענטינע — 8 ווישניוויצער.

ווען איך האָב געלעזן אין דער אַרגענטינער צייטונג אויף 3 שפּאַלטן, די רעפּאָרטאַזשע וועגן דער דעלעגאַציע קיין א״י, ווי מען באַשרייבט אויספירלעך וועגן דער אַקטיווע פון אונזערע ווישניוויצער אין דער דעלעגאַציע, האָט מיך אַרומגענומען אַ וואַרעמע האַרציקע אינטימע פרייד. אַ קלייניקייט — די ווישניוויצער חברה שפּאַצירן אין די צייטונגען. איך האָב באַלד געמאַכט דעם חשבון. די יידישע באַפעלקערונג אין אַרגענטינע האָט געציילטביים ענדע 1958 — 400 טויזנט, אַ קימא־לן אַז יעדער דעלעגאַט רעפּרעזענטירט מער ווי טויזנט יידן. ד״ה אונזערע דעלעגאַטן רעפּרעזענטירן 40 טויזנט יידן. ווישניוויץ האָט געציילט אין די גאָלדענע צייטן, פאַר דער גרויסער עמיגראַציע 3200 נפשות. קעגן 40 טויזנט — 2300, איז דאָך די ווישניוויצער רעפּרעזענטאַנץ אַ גרויסע און אָנזעענדע.

ווען איך וויל מאַכן אַן אַנאַלאָגיע — אַ פאַרגלייך פון אַמאָל אין ווישניוויץ און היינט דאָ מיר צוזאַמען. אַמאָל, אַ שוואַרצע בילד. ס'כאַפּט אָן אַ מרה־שחורה. אַ גרוי לעבן, אַ פּוסט לעבן, אַ סך פון דער יוגנט פּוסט און פּאַסט. מ'שטיינסגעזאָגט אין צענטער ביים ווישניוויעצר באָלוואַר מיט דעם קלינגנדיקן נאָמען טשעטשעגאָ מאַיאַ, אַ באָלוואַר אָן בוימער, מיט עטלעכע האָלצערנע שטאַכעטן

ביים רויטהויז, יאָרן אָן שטשיקאַטורקע מיט אָפענע וויטרינעס, אָן שויבן און אַ מאָנטיקדיקן יריד, ווערט די בילד אַקאָמפּאַנירט מיט דער מוזיק פון אַ קאַטע־רינקע מיט 2 פויערישע בעטלערס, און מיר יונגע נשמות רייסן זיך ווי פון קייטן, מיט שרעק און צווייפל וועגן תכלית. אָבער היינט דאָ, ביי די טישן, אַ פייערלעך בילד און אַ געהויבענע שטימונג. היינט, יעדער איז געקומען צו זיין ברעג, נישט וויכטיק ווער דאָ אין א״י, ווער דאָרט אין אַרגענטינע אָדער אַמעריקע.

ס׳איז טאַקע אַ גרויס זכות וואָס די אַרגענטינער פון ווישניוויץ זענען ביי דער לאַגע און ביי דעם באַוווסטזיין, האָבן זיך געקענט ערלויבן מאַכן דעם שריט, מאַכן אַ שפּאַציר קיין א״י. האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט אַז אין פעברואַר 1961 וועלן מיר פאַר זיך זען אַזאַ האַרציקע בילד, ס׳איז טאַקע מחייה־נפשות. זייט באַגריסט, ליבע געסט.

ווי געזאָגט, איז אונזער פרייד אַ גרויסע. אָבער פאַרגעסט נישט אַז די פרייד איז נישט קיין פולע. מיר זענען דאָ ברעקלעך פון אַ לעבעדיק ברויזנדן שטעטל. צום באַדויערן האָט דער שיקזאַל געוואָלט, אין אונזער דור זאָל מקויים ווערן די תוכחה פון דער גרויזאַמער נבואה: ס׳זענען געבליבן אין יעדן דאָרף איינער און אין יעדן שטעטל — צוויי.

ערלויבט מיר דווקא ביי דער געהויבענער שטימונג, צופּאַסן די אַלטע יידישע טראַדיציע. מיר ווייסן דאָך אַז פּסח, ווען אַ ייד זיצט אויף דער הסב־בעט פּייערלעך, מיט די בעסטע מאכלים, איז אַ מצווה קייען אַ שטיקל מרור, מיט דעם טעם פון זכר למקדש כהלל. ביי דער געלעגנהייט זאָלן מיר מזכיר נשמות זיין.

דער היטלער־מבול האָט מיט גרויס אַכזריות פאַרטרינקן מיליאָנען לעבנס און צווישן זיי טויזנטער אונזערע טייערע און געליבטע, וועלכע האָבן מיט אָפּפער און טרייע ליבע אונז געגעבן דאָס לעבן און אָן אַ פאַרוואָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרבן עולה פאַרן אשמדאי אויף קידוש השם.

די איינציקע טרייסט וואָס די ווישניוויצער, וועלכע זענען איבערגעפּלאַנצט געוואָרן יעדער אויף זיין פּלאַץ, וועלן אייביק טראָגן דעם אָנדענק נאָך די וויש־ניוויצער קדושים. מיר טאָרן זיי נישט פאַרגעסן, מיר וועלן נישט פאַרגעסן און מיר קאָנען נישט פאַרגעסן. אַ דאַנק דעם נישט פאַרגעסן זענען מיר דאָ אַלע צוזאַמען.

און איצט צו די ליבע געסט וועגן אונזער אָרגאַניזאַציע, — ארגון יוצאי ווישניביץ בא״י — די ווישניויצער לאַנדסמאַנשאַפט אין א״י.

מיר האָבן געפילט אַז מיר זענען פאַרפליכטעט צו זיין אין איין קאָלעקטיוו. דאָן ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען די ווישניוויצער פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן און מען האָט געבראַכט פערזענלעך איינצלהייטן וועגן דעם גרויסן חורבן אין ווישניוויץ. צום ערשטן איז דער אינהאַלט געווען אַ סענטימענטאַלער — פאַר יעדן פרייז שטעלן אַן אָנדענק פאַר די קדושים. מיר האָבן געפּלאַנצט 1000 ביימער אין קדושים וואַלד אויף די בערג פון ירושלים, געשטעלט אַ מצבה, יעדן יאָר אין

טאָג פון דער גרויסער אינקוויזיציע־אַקציע אין ווישניעוויץ (כ״ט באב) פאַרזאַמלען מיר זיך אויף אַן אזכרה. ס׳איז אָבער נישט גענוג. מיר דאַרפן אַלע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לעבעדיקער מצבה. מיר אַלע זענען פון איים אָפּשטאַם, פון דעם זעלבן פלאַץ, פון דעם זעלבן וויגעלע, ווו מיר האָבן געהערט צום ערשטן מאָל דער מאַמעס זיס־האַרציקע שטימע פון די קלאַסישע לידעלעך „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, „רויטע פּאָמעראַנצן״, ווען זיי האָבן אונז מיטן אַנשלעפּן געוועקט צום לעבן, און אונזערע פּאָטערס מיט פאַרקנייטשטע שטערנס, האָבן געטראַכט וועגן תכלית פאַר קינדער.

מיר טראָגן אין זיך דעם געפיל פון אונזער שטעטל, ווי ס׳האָט געקלאַפּט אַ שטאַרקער פּולס פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין אַלע שיכטן פון דער יוגנט. מיר געדענקן די פרוכטבאַרע אַרבעט פאַר קק״ל, קרן היסוד, שטאַרק אָרגאַני־זירטע: קן השומר הצעיר, ברית טרומפלדור, החלוץ, החלוץ הצעיר, העובד — און אַלגעמיין ליגה למען א״י העובדת. מיר זענען אימשטאַנד צו עקזיסטירן אויך פאַר די לעבעדיקע. אַ דאַנק דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן די „פרנס״ קאַסע, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נויטווענדיקע אינסטיטוציע פאַר פּראָדוקטיווע, קאָנסטרוקטיווע צוועקן. מיר זענען נישט איין מאָל מאַכטלאָז, וואָס מער די טעטיקייט ווערט פאַרצווייגט ווערן מיר טאָרמאַזירט ביים אַקעגן קומען די באַדערפענישן.

מיר ווילן אַז דער ווישניעוויצער קאָלעקטיוו זאָל קאָנצענטרירן אַלע ווישני־וויצער לאַנדסמאַנשאַפטן אין די לענדער ווי ס׳איז מעגלעך אין אַן אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפט מיט דער צענטראַלע אין א״י, ווייל דאָ איז דאָס איינציקע לאַנד פאַר דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

איך וויל פאַרענדיקן מיט 3 וואונטשן.

דער ערשטער וואונטש:

* איר זייט געקומען, — קומט אָפט.
* דאָס אָנקוקן איז געוועזן אַ באַגריף פון טעם און בייגעשמאַק.

דער שדוך מיט א״י איין חסרון וואָס איז אַ גרויסע מעלה. אַ יונג לאַנד די יידישע מדינה, אַ בת־מצוה. יונג צעוואַקסן זיך, אַנטוויקלט זיך. איר קאָנט נישט זיין חלוצים פון ווייטנס. אגב, ישראל האָט געבויט אייער שטאַנד. ווער ס׳האָט זיך געבויט אַ ניי לעבן האָט געבויט אויך דאָס לאַנד. ווינש איך אייך איר זאָלט באַגליקט ווערן און זיך קאָנען ערלויבן קומען אַהער און זיך איינאָרדנען אויף אַ גוטן אופן. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר אַ שדוך — פאַרקנסט זיך (ווישניעוויץ מיט פערקנאַסן) דערווייל.

דער דריטער וואונטש:

* קומט קיין אַרגענטינע, באַגייסטערט פון דעם וואָס איר האָט געזען און גיט איבער אַ וואַרעמען הערצלעך־ברידערלעכן גרוס פון אונז אַלע. פאַרוואַנדלט אייער

לאַנדסמאַנשאַפט אין אַקטיווע אָפּטיילונג פון ווישניוויצער קאָלעקטיוו, שטאַרקט אונזערע הענט, זייט מיט אונז אין שטענדיקן קאָנטאַקט און קאָאָפּירט צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, ערמעגלעכט אונז פירן אַ קאָנסטרוק־טיווע, פּראָדוקטיווע אַרבעט פאַר די ווישניוויצער — און ווישניוויץ, דאָרט ווו מיר האָבן איבערגעלאָזט אונזער קינדהייט, אונזער יוגנט, ווו עס רוען די ביינער פון די מאַרטירער.

נאָכוואָרט פון ארגון

##ווישניוויצער לאנדסמאנשאפטן אין אמעריקע און ישראל

די „סאָסייטי" פון די ווישניוויצער שוועסטער און ברידער אין אַמעריקע און די אָרגאַניזאַציע פון די ווישניוויצער אין ישראל (ארגון יוצאי וישניביץ) זענען א מין סיאמער צווילינג, וועלכע ס'איז נישט צום פונאנדערשיידן ווייל נאָר זייער ענגע קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט און געגנזייטיקע פארשטענדניש אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט איז דער אינהאַלט און געשמאַק פון זייער עקזיסטענץ.

אָפּן גערעדט קומט די בכורה דער „סאָסייעטי" ווייל זי איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער איניציאַטיוו פון געציילטע מענטשן אין דער שפּיץ פון לואי פרנס ז"ל אין יאָר 1903, דאַן ווען די אָרגאַניזאַציע פון דער ווישניוויצער לאַנדסמאַנשאַפט און ישראל האָט אָנגעפאַנגען איר טעטיקייט ערשט אין 1949, דאָס הייסט מיט א פארשפּעטיקונג פון צוויי דורות.

אָבער נישט בלויז דער פריערדיקער דאַטום שטעלט די אסאָסייעטי אויף דער רעכטער זייט פון דער מטבע און אין פאָראויס אין אלגעמיין, נאָר די מאטעריעלע באַשטייערונג און די מאָראַלישע שטיצע, וועלכע האָבן אונדז דערמעגלעכט שאַפן די ליי-קאַסע און געבן פּראָדוקטיווע הילף און קאָנסטרוקטיווע שטיצע די צענדליקער פאמיליעס וועלכן זענען געבליבן נאָכן היטלער-מבול און געקומען קיין ישראל. אָט די מעלות קרוינען די „סאָסייעטי" מיט ערע און רעספּעקט אויף דעם לאנגן וועג פון צוזאמענארבייט, ברודערלעכע זאָרג און געגנזייטיקע טעטיקייט ווי ברודער אין אמעריקע און מיר דאָ אין ישראל.

די גמילות חסדים קאַסע אויפן נאָמען פון לואי פרנס ז"ל איז א ביישפּיל אינסטיטוציע פאר לאנדסמאַנשאַפטן אין ישראל. דער ארגון יוצאי ווישניוויץ האָט סימפּאטיע ביי אנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָבסערווירן זיין טעטיקייט פאַרן וווילזיין פון זיינע מיטגלידער, מיר מעגן באַהויפּטן אַז מיר ווילן זיין טרייע נאָכפאָלגער דער אַלטער טראדיציע פון דער „אסאָסייעטי".

נאָך שטייט אונדז פאַר די אויגן די גרויסע רעליף־אַקציע פון יאָר 1920, וועלכע די „סאָסייעטי" האָט אונטערגענומען מיט דער אָנפירונג פון לייבעלע רויטמאַן ז"ל און ערמעגלעכט די מאַסן־עמיגראַציע פון ווישניוויצער קיין אַמעריקע. מער ווי 350 נפשות, דאַן 10% פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען ארויס און זיך געראטעוועט פון ווישניוויץ קיין אמעריקע.

דאָס איז געשען נאָך די דראַמאַטישע איבערלעבונגען: דעם ערשטן וועלט-קריג, רוסישע רעוואָלוציע, פאָגראָמען אין אוקראינע, אונטערדריקונגען פון פאַרשידענע רעזשימען און אנטיסעמיטישע פּראָפּאגאַנדעס. איך געדענק ווי די מאַסן עמיגראַציע איז פון אַ ווישניוויצער פרנס, אַ תלמיד חכם, אַלעגאָריש פערגלייכט גע־



ווישניוויצער וואָס דערקענען זיך יאָ... סאָסייעטי קאָמיטעט

וואָרן מיט דער צייט פון עזרה נחמיה, און אַזעלכעס האָט געקענט געשען נאָר אַ דאַנק דער „אסאסייעטי״.

עס וועט זיין נישט ריכטיק, און מער ווי נאַיוו, ווען מיר וועלן אויסמיידן און נישט דערמאָנען אויף א באשיידענעם אויפן די ערנסטע לאָקאַלע אונטערנעמונגען וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן פון די ווישניוויצער אין ישראל. דער ארגון האָט באַוויזן זעלבסשטענדיק שאַפן אָביעקטן פון היסטאָרישער באַדייטונג אין זין פון פאראייביקן די קדושים און די רואינירטע שטאָט.

דריי זענען זיי: געפלאַנצט אַ וועלדל מיט טויזנט ביימער אין „יער קדושים״ אויף די ירושלימער בערג, ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט א מצבה אונטער דער אויפזיכט פון קרן קימת, איינגעאָרדנט א אנדענקס-טאָוול אין ״מרתף השואה״ אין וואָהלינער קרייז. און ווישניוויץ אַדאָפּטירט דורך דער בנימינער שולע (וועגן דעם אין א באַזונדער אַרטיקל). אויסער דעם איז פאַר אונדז וויכטיק דאָס מאָראַלישע צוזאמענלעבן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן געביט אין די ראַמען פון ארגון.

ס'איז שווער אין א קורצער רשימה אויספירליך בעהאַנדלען די פארצווייגטע טעטיקייט פון א געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, ווען פריוואטעס און אלגעמיינעס דאַרף ערלעדיקט ווערן אַזוי אַז די אויפגאַבע פון כלל און צו באַפרידיקן דעם פרט לויט זיינע פערזענלעכע באַדערפנישן אין די באגרענעצטע מעגלעכקייטן. מער ווייניקער איז אונדז געלונגען ביישטיין דעם פרווו פון אָביעקטיווער באַהאנדלונג פון יעדן ענין און יעדענס באַדערפניש. מיר האָבן אויך גענומען אין באַטראַכט די אָנגענומענע קריטיק וועלכע עס נעמען אויף זיך געזעלשאַפטלעכע טוער מיטן פולן באוווסטזיין, דאָך אויב דער נס איז געשען און ווי עס איז האָבן מיר רעגולירט די טעטיקייט מיט גלייכגעוויכט איז עס נאָר א דאַנק זאָרג און טאָט פוןביידע רעכטונגען דאָ און מעבר לים, ווייל די גאנצע צייט הערשט פולע פארשטענדנישט מיט ערנסטן צוגאַנג צו די אַקטועלע פראָבלעמען וועלכע ווערן ערלעדיקט זאַכליך און צו דער צייט.

ס'איז צום דערמאָנען אַז מיט דער גרו'יסער ווישניוויצער קאָלאָניע אין ארגענטינע איז געמאכט געוואָרן אַ ערנסטער אָנהויב אין יאָר 1965 זיך צו פארבינדן אין ענגן קאָנטאַקט אין דער מאָס ווי מיט דער „אסאסייעטי״ אין אמעריקע. אייבערהויפט זענען מיר געווען זיכער מיטן באזוך פון אַ גרויסער גרופע ווישניוויצער טוריסטן פון אַרגענטינע אין דער שפּיץ פון יקירא, פישמאַן און טשייטשינעצקי, צום באַדויערן איז צו דעם אָנהויב נישט געווען קיין פאַרטזעצונג און אפילו נישט געלונגען קאָרעספאָנדענץ-פארבינדונג. נאָך היינט זענען מיר ביי דער מיינונג פון אַ מעגלעכער צוזאמענאַרבעט מיט די אַרגענטינער און האָפן מיט דער צייט באַנייען איניציאַטיוו אין דער ריכטונג, מעגלעך ס'וועט זיך אונדז איינגעבן, הלואי.

פאר אונדז איז וויכטיקער פון אלעמען דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער מיטלפונקט ווי טרייען און שאַפן שטימונג אַז די ווישניוויצער זאָלן אַלע צוזאַמען מיטן באַהערן די אומגעקומענע קדושים און פאראייביקן די רואינירטע שטאָט, אויך



מיר פאַרגעסן נישט ווישניעוויץ — ביים ווערדל אויף איר נאָמען אין יער הקדושים

מיטלעבן אינטימע ברודערלעכע טריישאַפט ווי אַלע פון איין געבורטס-שטאָט, אָרט פון קינדער און יוגנט יאָרן, אַלע פון איין שיקזאַל, אַלע איין משפחה.

נאַטירנדיק די קורצע שטריכן וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און מעבר לימים ווילן מיר וואונשן און האָפן אויף ווייטער זאָל הערשן וואַרימע טרייע ברודערלעכע באַציהונגען צו אַ געמיינזאַמער פרוכטבאַרער טעטיקייט פאַר יעדן פּרט באזונדער און פאַר דעם כלל אין אַלגעמיין — אמן סלה.

מ. מאלעוו (פרייער)

ווישניוויץ 1956

איך האָב באַזוכט ווישניוויץ אין 1956 נאָך דער פערניכטונג, נאָך דעם חורבן בין איך געווען אין וואָלבזשיך, איך בין שוין געשטאַנען פאַר פאָרן קיין ישראל, האָב איך באַשלאָסן איידער איך פאַרלאָז פוילן אויף אייביג צו באַזוכן אונדזער שטעטעלע.

איך האָב אויך געוואָלט באַזוכן מיין אומגליקלעכע אָרעמע שוועסטער.

איך האָב געקריגן אַ פּאַספּאָרט פון א טוריסטן, אָנגעקומען בין איך קיין קרעמעניץ מיטאָג צייט, און נישט גלייך געפאָרן קיין ווישניוויץ, ווייל די גאַנצע געגנט איז געווען פול מיט בענדעראָווצעס און עס איז געווען זעהר מסוכן, האָב איך געדאַרפט גוט באַרעכנען יעדן שריט מיינעם.

איך בין געווען 3 מאָנאַט אין דער געגנט. אין ווישניוויץ בין איך געווען סך-הכל 3 טעג, איין נאַכט בלויז האָב איך זיך איינגעשטעלט און געשלאָפן דאָרט.

אונדזער שטוב איז געווען צווישן רב׳ס שטוב און יעקב צ׳צקיס איז שוין נישט געווען — אַלע גאַסן פון געטאָ זענען חרוב געוואָרן, די שטובער אַלע צעוואָרפן, פאַרניכטעט אינגאַנצן. אין שטאָט האָב איך געפונען בלויז 3 משפחות: אברהם ראָזענבערג, דוד גניפּ, און זאב סובול, די ערשטע צוויי זענען ביז היינט דאָרט.

דער צענטער פון דער שטאָט איז אינגאַנצן צעשטערט, צעאַקערט און פאַרזעצט דאָרט א שטאָטישן פּאַרק.

עס זענען פאַרבליבן אַפּאָר שטובער וואָס זענען באַזעצט דורך אוקראַינער, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. אויפן פּלאַץ פון שפּיראָ׳ס שטוב האָט אוסטראָבסקי דער באַוווּסטער חזירניק אויפגעשטעלט אַ שטוב מיט אַ וואַנט פון ציגל, די ציגל האָט ער צוזאַמענגענומען פון יידישע שטובער. לערנערס שטוב איז אינגאַנצן איינגעזונקען אין דער ערד, פאַרוואָס האָב איך נישט פאַרשטאַנען, די פענסטער צעקלאַפּט און פארקלאַפּט מיט ברעטלעך פון האָלץ. די שטוב איז נישט צום נוצן, דאָך וווינט דאָרט א אוקראַינער פון דער סביבה.

דער בנין פון „תרבות" שולע, וואָס האָט געהערט צו שמואל מליס איז גאַנץ און ער נוצט פאַר א רעגירונגס-האָטעל.

די גרויסע שוהל איז געבליבן גאַנץ, מ׳האָט געמאַכט ענדערונגען ס׳זאָל נוצן פאַר א הויז צום וווינען און פאַר ביוראָס. עס איז דאָרט בלויז מחיצות און טירן. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז דאָ האָבן זיך יידן פאַראייניקט און צוזאַמענגעקומען מיט דער גאַנצער נשמה אין גלויבן.

מיין ציל פון קומען איז געווען צו גיין אויף קבר אבות און קבר-אחים פון די אומגליקלעכע. איך האָב מורא געהאַט צו גיין אַליין, איז געגאַן מיט מיר זאב סובול, און מיר זענען ביידע אָנגעקומען אויף דעם הייליקן פּלאַץ, וואָס איז פאַר אונדז אַזוי הייליק, און איינגעבאַקן אין האַרץ. דער קבר געפינט זיך אין אַ טאָל

אויפן וועג קיין זבאַראַז. געענדיק אין טאָל האָב איך געזען ווו עס וואַלגערן זיך ביינער פון אַ מענטש, סקעלעטן, סקעלעטן צענומענע, אַן א פערבינדונג צווישן איין ביין צום צווייטן, ביינער פון דיכן, פון טשאשקיס פאַרשידענע חלקים פון סקע־לעט צושפרייט פאַרן ווינט, די אַלע ביינער, וואָס זענען אונדז אַזוי געווען טייער האָבן זיך ארומגעוואַלגערט.

כ׳האָב געוואָלט די ביינער פאַרשיטן מיט ערד האָב איך ליידער נישט געהאַט קיין כלים, מיט וואָס און צופיל ביינער האָבן זיך געוואלגערט — וויפל איך האָב געקענט האָב איך פארשיט און מיין האַרץ האָט געפלאַצט...

ווער ווייסט ווענעמס ביינער איך האָב פארשיט מיט דער טריפענער הערד? ווער ווייסט צו ווענעמס קערפער זיי האָבן געערט ? אין די מינוטן האָט זיך מיר געדאַכט, אז אפשר זענען דאָס די ביינער פון מיין טייערן טאַטן אָדער פון מיין גוטער מאַמע, ברודער, שוועסטער, און אפשר מיינע חברות פון שולע, איך האָב געקריגן אַ היסטערישן אַטאַק און אַזוי קלאָגנדיק בין איך געגאַן און געבויגן זיך און געקליבן די ביינער, יעדער ביין א שניט אין האַרץ.

דער טאָל מיט די צעוואָרפענע ביינער האָט זיך געצויגן אפשר מער ווי א קילאָמעטער.

מ׳האָט מיר געזאָגט אז יעדעס מאָל ווען עס קומט עמיצער צום טאָל פערדעקט ער די ביינער, אָבער דאָס וואַסער פליסט דאָ זער שטאַרק און עס שווענקט אָפּ די ערד און ענדעקט ווידער די ביינער און וואַרפט זיי פון פלאַץ צו פלאַץ. נאָכן טויט האָבן זיי אויך נישט קיין רוה.

צו אונדזער גרויסן ווייטיק און פארשעמונג האָבן די דייטשן נישט מטריח געווען צו פאַרדעקן דעם קבר־אחים און די טייערע קערפערס, ליגן איינער אויפן צווייטן פריי, אַן א שוץ פאַר ווילדע חיות און שרעקלעכע שטורמען. דאָס בלוט ווערט פארקילט זעענדיק די קערפערס ארומגענומען שטאַרק און אויף אייביק.

אנטקעגן האָט מיר זאב געוויזן דאָס בערגל פון וואנען די רוצחים האָבן געשיט מיט פייער צו די אומגליקלעכע קרבנות און האָבן זיי אומגעבראכט אין הורט, לויט זאב דערציילט האָט מען אונדזערע טייערע אוועקגעשטעלט אויף דעם ברעג פון דעם טאָל אין די פוליעס האָבן זיי אריינגעוואָרפן גלייך אין זייער ברודער-גרוב, וואָס איז געבליבן מיט א האָפן מויל.

אויפן וועג צוריק האָב איך באַגעגנט באַקאַנטע פנימער פון שכנים און בע־קאַנטע אוקראַינער, איך האָב געמוזט זיך מאַכן נישט וועסנדיק, איך האָב געזען אַז דער שאָדנפרייד קוקט אַרויס פון זייערע אויגן.

שושנה זק (אגסי) ז״ל

נולדה 24.12.1914, נפטרה 22.7.1969

(מתוך חוברת לזכרה)



שושנה בתם של הנצ׳ה ודוב זק נולדה בוישניביץ מחוז ווהלין. מגיל צעיר קבלה חינוך ציוני, בני משפחתה עלו לארץ עוד בשנות העשרים. וכשסימה לימודיה בבית־ספר „תרבות״ ובבית־ספר תיכון למסחר החליטה לעלות.

בשנת 1935 יצאה להכשרה לקיבוץ בקובל ולמרות חולשתה הגופנית עמדה יפה בכל הקשיים שבהכשרה.

בשנת 1939 בחדשי הקיץ עלתה לאנית המעפילים „קולורדו״ הידועה. האניה נתפסה ע״י האנגלים ואנשיה הוכנסו למחנה הסגר בחוף „שמן״ שע״י חיפה, ואחרי שהייה של חודש והקירות רבות שוחררו החלוצים ואתם שושנה.

עם שחרור האנשים היה מצב בריאותה של שושנה ירוד מאד. היא נענתה לבקשת קרובי משפחתה ונסעה אתם לביתם להתאוששות.

אחרי ההתאוששות הלכה שושנה לחיות חיי קיבוץ בפלוגת הים.

במשך שנים רבות עבדה שושנה במסירות בעבודות קשות במכבסה, במטבח, בבית־ילדים, במחסנאות בגדים והופתענו כאשר לפתע השיגה אותה המחלה.

היה זה בשנת 1958, יום לפני חג־הבכורים. שושנה עבדה במטבח בהכנת דברי מאפה לביתה, לחג לאורחים ובאמצע העבודה כרעה ונפלה. בבית־החולים נקבע שהיא קבלה שטף דם במוח.

במשך שבועיים נאבקה שושנה על חייה ונשארה משותקת ביד וברגל. היא בקשה שתנתן לה אפשרות הריפוי והשיקום בביתה ולא בבתי־החולים ובקשתה זו נתמלאה.

נעים היה לטפל בשושנה — אסירת־תודה היתה על כל מעשה עזרה שעשו עבורה. שעות בקורינו אצל שושנה היו שעות של שיחה על המתרחש בעולם, בספרות, באמנות, במדיניות וכו׳. תמיד היה משהו חדש בפיה לספר ולהתחלק ברשמיה עם הזולת.

לא היה בכוחה של הרפואה להושיע לשושנה. מנדודיה בבתי־חולים היתה חוזרת מאוכזבת הביתה, להמשך הטיפול המסור והמלא שקבלה בבית.

והנה הגיע היום שצריך היה להעבירה לבית־החולים. אלה היו ימיה האחרונים. ופתיל חייה נותק.

אינהאַלט פון ווישניוויצער בוך

גרויל און אומקום

אונזער שטעטעלע נעבעך

עפּיזאָדן און לעגענדע

מענטשן — טיפּן

סאָסייטי

לעצט׳ס

לוח תקונים

בעמוד	שורה	כתוב	וצריך להיות
22	2 מעלה	משני	משי
26	13 〃	מרנובסקי	גרנובסקי
59	8 〃		השורה חוזרת בשורה 10
70	8 מטה	העמק	העמוק
84	3 מעלה	אדים	אדם
97	9 〃	צצקו	צ׳צקים
112	11 מטה	ברדחתי	ברחתי
129	18 מעלה	עצם	עצים
166	1 〃	חיים	נחום
168	5 מטה	באק	ברבק
213	13 מעלה	השתחר	השתחרר
〃	15 〃	משוחר	משוחרר
214	7 〃	לסיומו	לגיוסו
238	9 〃	ידידוותי	ידידותי
273	2 〃	והח	והחליט
〃	4 〃	בצעיק ה	בצעקה
〃	15 מטה	נסתן	נסכן
283	1 מעלה	הדוד	הזוג

שיבושים

בעמוד 129 — השורה 6 מיותרת, במקומה צריך להיות:
וכשהגענו לנקודה מסוימת

〃 185 — הרשימה „באסיפה הכללית" הוחלפה בדברים על מותו של לייבצי ז״ל
עם מותו הפתאומי.

〃 229 — בשורה האחרונה המלים „לפני שנה" מיותרות

〃 231 — בכתובת התצלום צ״ל: יהודה רוזנטל ושרה רויניק

אויסבעסערונגס ליסטע

זייט	שורה	געשריבן	דאַרף זיין
383	15 אונטן	שטערעס	סטאַראזש
410	קעפּל	וואַלן	וואַלין
430	3 אונטן	חיים זאב	חיים אבא
463	5 אויבן	פּראַקאַראַוו	פּראָסקוראָוו
464	14 〃	סועמא	סיעמו
〃	15 〃	באַליידיקן	באַליידיקטע
〃	5 אונטן	זולבסט	זעלבסט
486	2 אויבן	56	73
499	7 〃	דערמאַרימדיקער	דערבאַרימדיקער
〃	5 אונטן	מוז	אַז
500	13 〃	עזריה	עזרא

פאַרווירונגען

זייט 387 — אַנשטאָט באיטנער איבעראַל, דאַרף זיין באַטענער

〃 489 — די דריטע און פערטע שורות חזרען זיך איבער אין שורה 5—6

〃 534 — דאָס נאָכוואָרט פון ארגון האָט געשריבן מאיר אוערבוך

מכליה וויינמאַן (קרעמענעצקי) ז״ל — זייט 515

שושנה אגסי ז״ל — 〃 540

* PXW
(Vishnevets)
1970

(W)